STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00332

AMOLIKE YORN

Isidore Kopeloff

Permanent preservation of this book was made possible
by William F.M. Hoover
in memory of
Harry P. Falk

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַמאָליקע יאָרן

איבערלעבונגען
פון אַ אידיש אינגל
אין דער אַלטער היים

פון

י. קאַפּעלאָוו

אילוסטרירט פון

טאָדרעס געלער

פאַרלאַג
מתנות
ניו יאָרק

ארויסגעגעבן פון
פ אַ ר ל אַ ג מ ת נ ו ת
באַם
שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט

Copyright, 1931
by
Farlag Matones

Myold Printing Co., Inc.
161 Grand St., New York

געווידמעט דעם אָנדענק פֿון
מיין ליבער מוטער רבקה,
וואָס האָט איר גאַנץ לעבן
אָפּגעגעבן אויף דער דער־
ציאונג פֿון אירע קינדער.



י. קאַפּעלאָוו

אינהאַלט:

פאָרוואָרט

דער ערשטער איינדרוק — 9

מע גיט מיך אָפּ אין חדר — 13

איך דערוויס זיך דעם טאַטנס אַ סוד — 22

איך פאָר מיט דער מאַמען אין אָסעניגע — 27

וועלטשיק יחיאל'ס — 44

מיינע איבערלעבונגען אין די חדר יאָרן — 60

מייע מלמדים — 64

דער סדר הלימוד — 69

זומערדיקע יום־טובים — 73

בין הזמנים — 82

יום כפור — 90

סוכות — 95

אוים יום טוב — 103

ווינטער אין חדר — 107

אין חדר באַנאַכט — 111

שריפות — 114

פרייטיק און שבת — 121

חברים — 128

הכנסת אורחים — 139

ווי איך אַנטלויף פון דער היים — 143

צוריק אין דער אַלטער היים — 158

מיין ערשטער ראָמאַן — 163

אַ סוף צו מיין ראָמאַן — 181

דער 1טער מערץ 1881 : פאָגראָמען — 187

מיין רייזע קיין אַמעריקע — 196

די רייזע איבערן ים — אמעריקע — 205

פאָרוואָרט

עס איז אינטערעסאַנט צו לייענען שיינע מעשות וואָס שרייבער טראַכטן אויס. אָפּטמאָל איז אָבער נאָך אינטערעסאַנטער צו לייענען אמת'ע, ניט אויסגעטראַכטע, מעשות וואָס דער שרייבער האָט אַליין געזען, אָדער דורכ־געלעבט.

עס איז אינטערעסאַנט צו לייענען מעשות פון אַ לאַנד און פון מענטשן וואָס זיינען גוט באַקאַנט. אָפּטמאָל איז אָבער נאָך אינטערעסאַנטער צו לייענען פון אַ ווייט לאַנד און פון אַ לעבן וואָס מען קאָן שוין איצט מער ניט זען.

אין דאָזיקן בוך „אַמאָליקע יאָרן" דערציילט אונדז דער שרייבער, ישראל קאַפּעלאָוו, בלויז אַזעלכע מעשות וואָס ער האָט אַליין ביינגעוואוינט, אָדער אַליין איבערגעלעבט. דאָס זענען מעשות ניט נאָר פון איצט נאָר פון אַמאָ־ליקע יאָרן און פון אַ לאַנד וואָס איז זייער ווייט פון דאַנען. די מענטשן, וועגן וועלכע עס רעדט זיך דאָ קענען מיר אַביסל, זיי דערמאַנען אונדז אָן אונדזערע זיידעס און באָבעס. אָבער זייער לעבן איז אַנדערש און עפּעס אַ באַזונדער חן ליגט אויף אַלץ וואָס זיי טוען.

ניט אַלעמאָל זענען דאָך אונדזערע זיידעס און באָבעס געווען זיידעס און באָבעס. זיי זענען דאָך אַמאָל אויך געווען יונג. ווי אַזוי האָבן זיי פאַר־בראַכט זייערע יונגע יאָרן? וואָס איז מיט זיי פאָרגעקומען ווען זיי זענען עלטער געוואָרן? וואָסערע שיינע מעשות האָבן זיי צו דערציילן פון יענע צייטן און פון יענעם לאַנד?

ווען מען לייענט איבער אַזעלכע קאַפּיטלען ווי „וועלטשיק יחיאל'ס", אָדער „מיר גייען אין אָסעניגע", אָדער אַנדערע קאַפּיטלען פון בוך זעט מען ווי אַנדערש אַלץ איז געווען אַמאָל, און וואָסערע אינטערעסאַנטע מעשות עס האָבן זיך דעמאָלט געקאָנט פאַרלויפן.

מען דאַרף פּשוט באַוואונדערן קאַפּעלאָווס זכרון און זיין אופן פון שרייבן. ווי ריכטיק ער געדענקט אַלץ, און ווי שיין ער דערציילט. ניט איין

יונגער לייענער וועט אין הארצן בענטשן דעם שרייבער פאר דעם דאזיקן אינטערעסאנטן בוך.

ישראל קאפעלאוו איז איינער פון די באקאנטסטע מענטשן אין אונדזערע קרייזן. ער לעבט אין אמעריקע זינט 1882, און איז די גאנצע צייט אן אקטיווער טוער און מיטהעלפער אין א סך אידישע קולטור טעטיקייטן און געזעלשאפטלאכע אינסטיטוציעס.

מיר האפן אז אונדזערע יונגע לייענער וועלן אויפנעמען דאס דאזיקע אינטערעסאנטע בוך, מיט אמת'ן פארגעניגן. עס מאכט פאר זיי קלארער און היימישער א סך פון די אלטע אידישע מנהגים און לעבנס פירונגען. ווארים כאטש א טייל פון זיי זיינען שוין אין גאנצן פארשוואונדן, און טייל האלטן אין פארשווינדן, פילט זיך נאך אבער, זייער גלאנץ און זייער ווירקונג, גאנץ שטארק אין אונדזער הייננטיקן אידישן לעבן אין אלע לענדער.

פארלאג „מתנות“, ניו יארק.

דער ערשטער איינדרוק

דאָס איז געווען, ווען איך בין אַלט געווען קנאַפּע דריי יאָר. מיט אַ גאַנצער חברה קינדער האָב איך זיך געשפּילט אין לאָזן שיפֿן אין דעם רינשטאָק לעבן אונדזער הויז. מיר האָבן געשפּרונגען, געטאַנצט און געפּליושקעט זיך אין וואַסער. אָבער די הויפּט הנאה איז געווען די „שיפֿן". בײַ לאָזן די שיפֿן איז אָגעגאַנגען אַ שטאַרקע קאָנקורענץ צווישן די אינגלאַך. די מיידלאַך האָבן זיך ניט אַזוי שטאַרק געקאָכט.

רופֿט זיך פּלוצלונג אָפּ אונדזער שכנ'ס מיידעלע, וואָס איז געווען מיט עטלאַכע יאָר עלטער פֿון מיר און וואָס די „שיפֿן", ווייזט אויס, האָבן איר שוין דערעסן:

— דו ווייסט גאָר וואָס, לאָמיר בעסער גיין זיך שפּילן צו מיין זיידן. מיין מאַמע האָט געזאָגט, אַז ער איז בײַנאַכט געשטאָרבן, און אַז דאָרט וועט היינט זיין אַ הו־האַ.

וואָס עס מיינט „געשטאָרבן", האָב איך ניט געוואוסט. זיכער אָבער בין איך געווען, אַז בײַ מיין חבר'טעס זיידן וועט זיין פֿריילאַך. האָבן מיר זיך גענומען פֿאַר די הענטלאַך, שנעל אַריבערגעלאָפֿן די גאַס און מיט פֿולע שיכלאַך בלאָטע, וואָס מיר האָבן אָנגעכאַפּט לויפֿנדיק, זיינען מיר געקומען אויף איר זיידנס הויף.

די רעדלאַך מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען אין דרויסן, דאָס קלאַפּן מיט די פּושקעס און דער פֿולער וואָגן מיט קליינע אינגלאַך, וואָס איז אָנגעפֿאָרן אין הויף, — האָבן מיר געגעבן נאָך מער פֿאַרזיכערונג, אַז באַלד וועל איך דאָ זען עפּעס אַ שיינע זאַך.

שנעל און מיט גרויס אימפּעט זיינען מיר אַריינגעלאָפֿן אין שטוב, כּדי חלילה גאָרנישט צו פֿאַרפֿעלן.

פון דעם ליאַרם, געשריי און געפילדער, בין איך ניט פאַרוואונ־דערט געוואָרן. אַזעלכע זאַכן האָב איך געזען שוין פריער בא מיין פעטער אין שענק, דערהויפט זונטיק. אָבער דאָס געוויין — פון דעם ביטערן געוויין האָט מיר פאַרקלעמט דאָס הערצל. נאָר אָט איז אַריין אַ איד מיט אַ פוטערנער היטל מיט אויערן, מיט אַ ברעטל אין האַנט, און האָט אָנגעהויבן שרייען, קאָמאַנדעווען:

— וויבער, וויבער, גיכער! הייסע וואַסער! זיינען די תכריכים פאַרטיק?

געזאָגט האָט ער דאָס הויך און לעבעדיק, און עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז אָט באַלד הייבט זיך אָן די שפּיל. און מיר ביידע, איך און דאָס מיידעלע, האָבן אָנגעהויבן לאַכן און שטיפן. איז צוגע־לאָפן צו אונדז אַ אידענע, מיט פאַרבראָכענע הענט, און מיט אַ הײ־זעריקן קול גענומען שרייען:

— אוי, ווי איז מיר, קינדערלאַך, וואָס טוען דאָ איצטער די קינדערלאַך? אַי, אַי, אַי!

און ניט געוואָרט, האָט זי אונדז ביידן אַ כאַפּ געטאָן און אַוועק־געזעצט אויף דער ליעזשאַנקע*) אין אַ דערבייאיקן חדר.

דורך דער טיר וואָס איז געוועזן אָפן צו אַ גרויסן צימער, האָב איך דערזען, ווי אויף דער ערד ליגט אויסגעצויגן אַ לאַנגע שוואַרצע זאַך. צוקאָפּנס און אַרום שטייען מעשענע לייכטער און עס ברענען אין זיי גרויסע ליכט, אַזעלכע ווי די, וואָס מיין מאַמע בענטשט ערב שבת. בא די זייטן זיצן וויבער, זיצן און וויינען, שאָקלען זיך, טענה'ן. זיי וויינען הויך אויפן קול און ביטער. איין אידענע שרייט זיי אַלעמען אַריבער, און שלאָגט זיך מיט ביידע קולאַקעס אין קאָפּ.

איך בין פאַרציטערט געוואָרן, מיין הערצל איז ווי פאַרגליווערט געוואָרן, כ'האָב געוואָלט שרייען און — ניט געקאָנט. דאָס מיידעלע, מיין חבר'טע, איז דערווייל ערגעץ פאַרשוואונדן און איך בין גע־בליבן איינער אליין אויף דער ליעזשאַנקע.

---

*) ליעזשאַנקע איז אַ פּלאַץ צום זיצן און ליגן לעבן אויוון, געמאַכט פון דעם זעלביקן מאַטעריאַל, ווי דער אויוון.

מיינע בליקן. מיין גאַנצער גוף איז איצט געווען געווענדט צו דער טיר אַנטקעגן, איך האָב זיך אַזוי ווי איינגעזויגן אין יענעם צימער... און אָט האָב איך דערזען, ווי דער ליילאַך מיט וועלכן דער שפּיגל איז געווען פאַרהאַנגען, האָט זיך אָנגעהויבן שאָקלען און ווינקען צו מיר. איך האָב געפּרובירט פאַרמאַכן די אויגן. האָבן שוואַרצע, פאַרקרימטע פּנים'ער מיט לאַנגע, לאַנגע צינגער, געררוקט זיך אַלץ נענטער צו מיר... אָט, אָט, און זיי וועלן מיך אָנהויבן לעקן מיט די צינגער... און פּלוצלונג פאַל איך אַראָפּ פון דער ליעזשאַנקע מיט אַ פאַרצווייפלטן געשריי.

איך האָב זיך שטאַרק צעוויינט און געציטערט מיט מיינע אַלע גלידער. אַ שוועסטער מיינע האָט מיך געכאַפּט אויף די הענט און געטראָגן מיך אַהיים, אָבער טראַגנדיק האָט זי מיך מכבד געווען מיט אַ היפּשער פּאַרציע:

— אַ קינד איז דאָס? אַ שד! וואו מען זייט אים ניט, דאָרטן וואַקסט ער! וואָס ביסטו געקראָכן אַהין צום טויטן, האַ? נאַדיר, אָט אַזוי אַ!... וועסט ווייטער וויסן ווי קריכן צו טויטע. געדאַכט זאָל ער ניט ווערן...

אַ גאַנצע נאַכט האָב איך זיך געדרייט, געוואָרפן אויפ'ן געלעגער, קיין אָרט זיך ניט געקענט געפינען. האָב איך געקרעכצט, געוויינט פון שלאָף און טאַקע געשריען אויך. די מאַמע, וואָס מיט איר בין איך געשלאָפן, האָט מיך בשום אופן ניט געקענט באַרויקן, ניט מיט דער קאָפּיקע, וואָס זי האָט מיר צוגעזאָגט געבן מאָרגן, און ניט מיט דעם שטיק טאָרט, וואָס זי האָט מיר דערלאַנגט גלייך אויפ'ן אָרט. זי האָט מיך ניט געקענט איינשטילן. דער איד מיט דעם היטל מיט די אויערן האָט געקוקט אויף מיר ווי אַ גזלן און אַלע ווילע פאַרמאָסטן זיך מיט'ן ברעטל אויף מיר. די לאַנגע צינגער זיינען געקראָכן מיר אין די אויגן, אין מויל און געשטיקט מיך אין האַלדז...

די מאַמע האָט אָנגעהויבן רופן און וועקן דעם טאַטן, געטאַפּט מיך דערוויילע פאַר'ן קעפּל און באַגלייט מיט קרעכצן: „אוי, וויי איז מיר, מיר בעסער פאַר דיר, קינדעלע מיינס, פאַר דיין מינדסטן

נאגעלע. זע, נאר זע, ס'ארא היץ, דאס קינד ברענט דאך ווי א פייער! ווײ איז מיר, דאס קינד איז טויט־קראנק.“

דערהערט דאס ווארט טויט, בין איך פארצווייפלט געווארן פון שרעק. דער אטעם האט מיך פארכאפט, און איך האב אנגעהויבן ציטערן מיט אלע גלידער.

די מאמע האט אנגעהויבן צו שרייען צום טאטן: „גיכער, גיכער, צינד אן א ליכט, דאס קינד איז פארביי, גיכער א ליכט!“

איך, ווידער, מיינענדיג, אז מען דארף ליכט, ווייל איך בין שוין געשטארבן, האב מיט אלע מיינע כחות א ווארף געטאן זיך דער מאמען אויפ'ן האלדז און גיט מיט מיין קול געשריען:

— ניין, ניין, איך בין ניט געשטארבן. פארלעש די ליכט... גוואלד, די ליכט פארלעש! גיכער, גיכער, לעש אויס די ליכט...

וואס דערנאך איז געווען ווייס איך ניט, ווי לאנג איך בין געלעגן ווייס איך ניט. איך געדענק נאר, אז ווען איך האב געעפנט די אויגן, איז לעבן מיר געשטאנען עמיצער, געקוקט מיט ברילן און געשמייכלט צו מיר. דער קאפ איז געווען שווער, נאס און קאלט. אין א טיי לע־פעלע האט מען מיר געגעבן עפעס א רויטלאכע זיסע מעדיצין. די מאמע האט מיך געקושט, אויפגעהויבן אירע אויגן צום באלקן און געזאגט:

— געלויבט איז דיין הייליקער נאמען.

דער טאטע האט צוגעשאקלט מיט'ן קאפ:

— יא, יא, עס איז אים בעסער. מיט גאטס הילף, ער וועט שוין גע־זונט זיין. איי, אבער, האט ער מיך אנגעשראקן... נו, נו!

מע גיט מיך אָפּ אין חדר

די גאַנצע וואָך פּסח — דער ליבער, שיינער יום־טוב אונדזערער, די אמת־גאָלדענע צייט פאַר אידישע קינדער — בין איך געווען אויפן זיבעטן הימל! די ריינע, אויסגערוטע פּנים׳ער, די יום־טוב׳דיקע קליידער, די געשמאַקע מאכלים, דער רויטער וויין, און די נייע רייגע גלעזלאַך — די כוסות, דער אויסגעוואַשענער בריק אין שטוב, דער הויף אויסגעשאָטן מיט געלן זאַמד, — דאָס אַלץ האָט שטאַרק אויפגעהויבן מיין קינדערש געמיט און מיר צוגעגעבן אַ באַזונדערע פרישקייט און לעבעדיקייט. דערצו נאָך טאַקע דאָס נייע אָנצוגל מיט צוויי קעשענעס אין מיין שפּאַנצירריק*), די נייע שטיוועלאַך, דאָס היטעלע מיט דעם קוטאַסיק, און דערהויפּט די פולע קעשענעס ניס: וועלשענע, טערקישע און אפילו מאַנדל־ניס — דאָס אַלץ אינאיינעם, האָט אויף מיר גאָר אַ נייע הויט אָנגעצויגן. אין דרויסן איז געווען שיין און טרוקן. די זון האָט געלויכטן און געוואַרעמט און געצויגן פון שטוב.

איך האָב געטאַנצט אין קאַראַהאָדס, געשפּרונגען ווי אונדזער קעלבל און געשטיפּט אויף וואָס די וועלט שטייט. געשפּילט האָב איך קאָמאַנדע, אין פילקעס און אין ניס, געשפּילט אין זשמורקעס און ניט געלאָזט זיך כאַפּן; געשפּילט אין קייסאָרים און אין מלחמות, און אין חברות, און פאַר צוויי גרויסע וועלשענע ניס דערדינט זיך צו ווערן אַ שני־למלך. אָבער די גרעסטע הנאה האָב איך געהאַט פון שפּילן אין פערדלאַך. איי, די פערדלאַך, די פערדלאַך!... וויפיל קולאַקעס פון די

*) פאַר אינגלאַך — הייזלאַך און וועסט אין איינעם, וועלכע פלעגן זיך שפּילען פון הינטן.

שוועסטער, וויפיל פעטש פון די רבי׳ס האב איך געכאפט פאר זיי! וויפיל מאל האט זיך דער טאטע געבייזערט, וויפיל מאל האט אפילו די מאמע געזאגט, אז זי האט מיך פיינט דערפאר. אבער, וויפיל איך האב זיך ניט אנגעליטן פון זיי, איז עס אלץ ווערט געווען. איך האב געשפילט מיט היץ, מיט ברען. ווער רעדט, אז עס האט זיך מיר איינ־געגעבן אריבעריאגן דעם חבר, האב איך אן אלץ פארגעסן. ניט דער־עסן און ניט דערטרינקען איז רעכט געווען. יענעם פסח איז מיר גע־ווען זייער גוט, ווי קיינמאל ניט פריער און אויך ניט שפעטער!

דעם לעצטן טאג פסח נאכמיטיק, ווען איך בין אריינגעלאפן אין שטוב ניט טויט, ניט לעבעדיק, א הונגעריקער, א פארסאפעטער און א פארשוויצטער, האב איך געפונען דעם טאטן און די מאמען שוין לאנג אויפגעשטאנען פון דעם נאכמיטיק שלאף. דער זיידע, די באבע, א פעטער מיט א מומען זיינען אויך דא געווען. אלע זיינען גע־זעסן ארום א פולען געדעקטן טיש, געזעסן בהרחבה׳דיק און געשמועסט.

א, ס׳קאצל קומט, וואס מאכסטו עפעס? וואו איז מען דאס געווען? — און נאך אזעלכע פראגעס האבן זיך געשאטן אויף מיר פון אלע זייטן. אלע האבן געקוקט אויף מיר שמייכלנדיק און ליבלאך. דער זיידע איז גאר אריינגעפארן מיט א ברייטן „שלום עליכם“ פון וואס איך בין געווארן אביסעלע צעמישט, האב זיך שטארק פארשעמט און מיין רויטער פנים איז נאך רויטער געווארן. כ׳האב אנגעהויבן כלומר׳שט לאכן, אבער ס׳איז געווען א לאכן מיט יאשטשערקעס... איך האב עפעס געשטאמלט, אליין ניט געוואוסט, וואס — און ניט געהאט זיך וואו אהינצוטאן פון פארשעמטקייט... ווי דער שטייגער איז, איז די ליבע מאמע מיר געקומען צוהילף. זי האט מיך ארויפ־געכאפט צו זיך אויפ׳ן שויס און ווישנדיק דעם שווייס פון מיין פנים, האט זי גע׳טענה׳ט:

— זע נאר, זע. וויי איז מיר ניט געשען, ווי אויסגעווייקט, ווי אויסגעמוטשעט ער איז! פון דיר איז דאך באלד שוין א האלבער געווארן! וואס האסטו דארט געטאן, האלץ געהאקט, די ערד גע־

אקערט? איי, קרוינעלאך מיינע, איז דאס א שטיפער! געזונט זאל ער נאר זיין, א ברען, א מאדים, די וועלט קערט ער איבער! אוי, אויג פון מיין קאפ! און זי האט מיך פעסט צוגעדריקט צום הארצן און געקושט און געקושט.

דער טאטע, וואס פון אים האב איך זיך געריכט אויף א גוטער פארציע, האט דווקא געקוקט אויף מיר זייער ליבלאך און א זאג געטאן:

— נישקשה, נישקשה, שטיף, שטיף, ישראליק, ווי לאנג דו ביסט נאך א פרייער פויגל, איצט איז דיין צייט! רבקה, — האט ער זיך א קער געטאן צו דער מאמען, — דו גיב אים בעסער צו עסן, דער חברה-מאן קער זיין גוט הונגעריק.

אפגערוקט זיך אביסל אן א זייט, האב איך זיך גענומען צו דער אכילה מיט גרוים חשק. פון טיש זיינען דערגאנגען צו מיר רייד וועגן „חדר", וועגן דעם אדער יענעם מלמד. אימיצער האט דערמאנט א נאמען פון א מלמד און אים זייער געלויבט, „גאר אן אנטיק!" דער טאטע, אבער, האט באמערקט:

עט, פע, א נארישער איד. מיט קינדער, מיט חדר-אינגלאך, דארף מען זיך באגיין נאר מיט גוטן, מיט ווייכקייט. שטיפן, קען א אינגל גאר ניט שאדן, הלילה, פארקערט, די גרויסע שטיפערס זיינען דאס רוב די בעסטע אינגלאך גאר! אפילו מיט גמרא-אינגלאך איז אויך גלייכער אויסקומען אן „לאקשן" און ניט זיין צו שטרענג. איך גע-דענק נאך ביז היינט ר׳ יצחק בער רייזלס עליו השלום, געווען א איד אן עם-הארץ. איך האב שוין יעמאלט געקענט בעסער לערנען פאר אים. איז ער אבער געווען א גרויסער נאר, זאל ער מיר מוחל זיין, האט ער געשלאגן, געשמיסן, גע׳הרג׳עט און גע׳ממית׳ט די קינדער. מיר האט ער אמאל אזש א בים געטאן...

דער זיידע האט עפעס איינגעווענדט, געשפארט זיך.

— עס זענען אנדערע צייטן איצטער — האט ער געזאגט.

דער פעטער און די מומע האבן זיך אויך אריינגעמישט און גע-האלטן מיט דעם טאטען. אבער אזוי ווי איך האב קיין גרויסן טעם ניט געפילט אין זייער שמועס און אין די ברעמזלאך — דווקא יא, האב

איך זיך ווייניק וואס צוגעהערט און געקוקט, געכראמזשקעט די ברעמ־זלאך און געקנאקט ניסלאך.

— ישראלקע, זונעלע, קום נאר אהער, מיין קינד. — האב איך דערהערט מיין מאמעס ווייך, אנגענעם קול.

איין שפרונג — און איך בין שוין געהאנגען בא איר אויפ'ן האלדז. זי האט מיך צוגעטוליעט, ווי זי וואלט מיך געוואלט באשיצן פון עפעס, און גע'טענה'ט:

— ניין, סטייטש, ער איז דאך נאך גאר אן עופה'לע, קאם ערשט פיר און א האלב יאר געווארן. וואס איז די איילעניש? וועט זיין באשערט, וועט ער נאך באווייזן אויסצולערנען די גאנצע תורה! נו, און אז מען וועט אים אפגעבן אין חדר שפעטער מיט א זמן, וועט חלילה די וועלט אונטערגיין, וואס? וויפיל נעכט בין איך ניט דער־שלאפן, וויפיל טרערן פארגאסן, קוים אויסגעבעטן א אינגל... כסדר מיידלאך געווען, פינף — זאלן זיי געזונט זיין, און אז שוין דערלעבט א דאנק זיין הייליקן נאמען, א אינגל, טא גיי שיק אים אזא יונגינקען, א פיצל, נעבאך, אין חדר אוועק?

די מאמע, וועלכע איז געווען די גאנצע באלעבאסטע, די פאר־דינערין און האט כמעט שטענדיק געהאט אין אלץ די הויפט־דעה, האט דעם מאל געפילט איר שוואכקייט, ווי זי וואלט ניט אויף איר פלאץ געווען. אין אירע רייד האט זיך געפילט מער געבעט און אונ־טערטעניקייט, ניט קיין פאדערונג, אז זי באשטייט אויף אירס.

די גאנצע צייט, וואס די מאמע האט גערעדט, האט דער טאטע, וועמען איך האב געהאלטן פאר א בייזן, כאטש ער האט מיר קיינ־מאל קיין ריר ניט געטאן, קיינמאל קיין הויך קול אויף מיר ניט אויפהויבן — געקוקט אט אויף מיר, אט אויף דער מאמען מיט מילדע גוטע אויגן, געגלעט זיך דאס בערדל און געשמייכלט. אז די מאמע האט געענדיקט, האט ער א פאר מאל געהוסט...הם..קט, און דערנאך אזוי געזאגט:

כ'לעבן, דו ביזט דאך גאר א אידענע, וואס מיינסטו, וואס, אז ווייל דו פיעסטשעסט אים איז ער דיר טייערער, ווי מיר? האסטו

אַ טעות, דאָס איז נאָר אַ טבע־זאַך. האָב איך ניט די טבע, אָבער ער איז מיין קינד ווי דיינער און איך וואָלט פּונקט אַזוי ווי דו ניט וועלן, אַז אפילו אַ האָר זאָל אים געקרימט ווערן, חלילה. איך זע אָבער ניט קיין סכנה, אַז ער וועט צו זומער־צו אָנהייבן גיין אין חדר. אדרבה, עס איז שיין, לופטיק, וואַרים, וועט זיך שפּילן אין דרויסן און ביסלאַכווייז צוגעוואוינען זיך צום חדר. איך וועל אים אָפּגעבן צו שלמה'קע נעסוועזשער, אַ טייערער איד, וועל אים דערצו נאָך אָנזאָגן, ער זאָל אים חלילה וחס מיט אַ פינגער ניט אָנרירן. שלאָפן מעג ער שפּעט, וויפיל ער וויל נאָר, קיינער זאָל זיך ניט אונטערשטיין אים צו וועקן, זאָלן נאָר די מיידלאַך אים ניט טשעפּען און ניט רייסן זיך מיט אים. — צוויי פון מיינע שוועסטער, וועלכע האָבן זיך דאָ גראַד אַרומגעדרייט, האָבן בא די ווערטער געמאַכט זייער אַ זויערע מינע. — און אויב דו וועסט אים נאָך צוזען אַביסל, וועט אים דער חדר גאָר ניט שאַדן.

אָבער באַמערקנדיק הפּנים, אַז זיינע אַרגומענטן קלעפּן זיך וויניק וואָס צו דער מאַמען און אַז זי איז נאָך אַלץ אומצופרידן, האָט ער אָנגעהויבן פון אַן אַנדער זייט:

— דו האָסט ערשט געזאָגט, אַז דו האָסט געבעטן גאָט אויף אַ אינגל, האָ? נו, טאָ זאָג, אדרבה, אַליין, פאַרוואָס עפּעס אַ אינגל? ווייל אַ אינגל גייט אין חדר! מיט דעם זכות פון די חדר־אינגלאַך לעבן מיר, אויף זיי שטייט די וועלט!

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף דער מאַמען — אין אירע אויגן האָבן געבלישטשעט טרערן און זי האָט געשיינט, ווי זיבן זונען. קענטיק, אַז ניט נאָר איז זי באַשטאַנען צו שיקן מיך אין חדר, נאָר זי איז טיף אין דער נשמה געוועזן זייער גליקלאַך!

פלוצלינג טוט דער טאַטע מיך אַ פרעג:

— זאָג נאָר, זונטשיקל, דו ווילסט גיין אין חדר? קיין קלאָרן באַגריף, וואָס חדר איז, האָב איך ניט געהאַט. איך האָב ניט געוואוסט, צי איז עס גוט, אָדער שלעכט, צי מען דאַרף — אָדער מען דאַרף ניט וועלן גיין אין חדר. האָב איך אויף דעם טאַטנס שאלה

גיט געוואוסט וואס צו ענטפערן. איך האב אנגעהויבן עפעס צו שטאמלען און אנשטאט אן ענטפער, האב איך דעם טאטן פארווארפן מיט שאלות:

— וואס טוט מען אין חדר, ווער גיט עסן אין חדר, ווער ברענגט אין חדר? צוליב וואס דארף מען גיין אין חדר? און פארוואס עפעס דווקא אינגלאך און ניט מיידלאך? און פארוואס גראד קליינע און ניט די גרויסע? פארוואס גייסטו, טאטע, ניט אין חדר, הא? טאקע, טאטע, קום דו אויך אין חדר. איך וויל דיך אויסלערנען שפילן אין פערדלאך און מיר וועלן ביידע לויפן אהין און צוריק.

דער געלעכטער פון דעם עולם האט מיר איבערגעהאקט, און א פארשעמטער האב איך שטיל אראפגעלאזן דאס קעפל.

— איי, חכם מיינער, גאלד מיינער, געזונט זאלסטו נאר זיין און לעבן זאלסטו ביז הונדערט און צוואנציק יארעלאך, פאטער הארצי־קער, וואס פאר א קינדעלע, וואס פאר א חכם דאס איז! — האט מיט גרויס התפעלות ארויסגעשאסן די מאמע. פון דעם טאטנס ענטפערס געדענק איך נאר, אז א באהעלפער וועט מיך טראגן אויף די הענט אין חדר, און אז ווינטער וועט ער מיך פירן אויף א שליטל, אז אויך עסן וועט ער מיר ברענגען, און אז אין פערדלאך וועל איך ערשט רעכט קענען שפילן אין חדר מיט די חברים דארטן. ווייטער האט זיך דער שמועס געדרייט ארום דער פראגע, ווען זאל דאס זיין די מזל'דיקע שעה. די קומענדיקע וואך זאל איך זיין גאר פריי... טאן וואס איך וויל... דערנאך איז אזוי: זונטיק קאן מען ניט — א מארק־טאג. אלע פארנומען, און ס'איז גלאט ניט צום הארצן. דאס ערשטע קינד אפגעבן אין חדר דארף זיין א יום־טוב, א געהויבענער טאג, ניט זונטיק — א גויאישער יום טוב! מאנטיק? — ניין, ניט קיין גוטער טאג, איז געבליבן — דינסטיק, דינסטיק פון דער צווייטער וואך — און זאל גאט געבן מיט געזונט און לעבן.

— א־מ־מ־מ־ן! — האט די מאמע געענטפערט און אזוי ווי פאסמאקעוועט זיך פון גרויס טעם. און אויפהייבנדיק די אויגן צום באלקן האט זי אפגעזיפצט, און געכאפט מיך קושן.

עס איז שוין געוואָרן פאַרנאַכטלאַך. גרויסע שאָטנס האָבן זיך אויסגעשפּרייט אַנטקעגן אונדזער פענצטער. דער זיידע האָט געזאָגט, אַז עס איז שוין צייט מנחה דאַווענען. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן רירן פון די פּלעצער. דער זיידע האָט גענומען גרייזלען די פאות'ן.
די באָבע — אַ זעלטן קלוגע און פריילאַכע אידענע, — האָט געוואונקען צו מיר, געמאַכט קונצן מיט די ליפּן און געמאַכט מיך לאַכן. דער פעטער, די מומע, האָבן מיך געגלעט, געקניפּן אין בעקל, געקושט און געשאָטן מיט ברכות.
איך בין געוואָרן שטאַרק אויפגעלייגט בא זיך און פריילאַך. און אַז דער זיידע, באַם געזעגנען זיך, האָט געפרעגט, וואָס פאַר אַ מתנה וויל איך ער זאָל מיר געבן, און צוגעלייגט, אַז וואָס איך וועל זאָגן, וועל איך קריגן, האָב איך ניט לאַנג געטראַכט און אויסגעשריען:
— אַ פערדל!... אָבער טאַקע אַן אמת'ן פערדל!...
אַלע אַרום זיינען געבליבן שטיין אין אַ פאַרלעגנהייט — וואָס וועט דאַ דער אַלטער טאָן? ער האָט אָבער גלעטנדיק די גרויסע באָרד, גאַנץ געלאַסן געענטפערט:
— נו, גוט, אָבער דו וועסט אַליין דאַרפן אים געבן עסן, איינשפּאַנען און אויסשפּאַנען און אַליין פאָרן — ער וועט דאָך זיין דיינער.
דאָס איז מיר ניט גאָר געפעלן געוואָרן, און איך האָב אָנגעהויבן ציען אויף צוריק... דער זיידע לאַכט.
— נו, זאָגט ער, דעם מאָל נאָך וועל איך דיך לאָזן חרטה האָבן, אָבער מער ניט. זאָג-זשע, אויף גיך, יונגאַטשיק, מיר וועלן נאָך פאַרשפּעטיקן קדושה — וואָס ווילסטו, האַ? אָבער געשווינד!
— ווייסטו וואָס, זיידע, מען דאַרף גאָר נישט, גיב מיר גאָר נישט. אָבער איך און דו זאָלן איינמאָל שפּילן פערדלאַך.
די באָבע האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און אַרויסגעשאָסן אַ הויך געלעכטער זאָגנדיק:
— זוניעניו,, אַ צו-גרויסער פערד איז דיין זיידע...
דער טאַטע האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן — ניט געפעלן געוואָרן אים, וואָס די באָבע פאַרשעמט דעם זיידן.

יענע וואָך בין איך געוואָרן דער מיטל־פּונקט פון שטוב. אַלץ האָט זיך געדרייט נאָר אַרום מיר. איך בין געוואָרן אַ גאַנצער מענטש, און אַלע מיינע פאַרלאַנגען זיינען דערפילט געוואָרן. אפילו מיינע שוועסטער, מיינע ערגסטע שונאים, וועלכע פלעגן קיינמאָל ניט זשאַלעווען מיר אַ שטויס, אַ שטורך און שטילערהייט אַ קניפּ אויך — אפילו זיי, האָבן אויך איצטער געקוקט אויף מיר מיט גאָר אַנדערע אויגן. ניט נאָר האָבן זיי מיך ניט געטשעפּעט מיט די הענט, נאָר אפילו די צונעמעענישן, ווי בן־יחיד׳ל, תכשיט, פּיעסטון, קורנאָסער, — מיט וועלכע זיי פלעגן מיר דערגיין ביזן ביין, האָבן זיי אינגאַנצן אָוועקגעוואָרפן און גערופן מיך באַם נאָמען און נאָך פאַרצויגן: ישראלקע, ישראליקל.

איך געדענק שוין ניט גענוי, צי האָב איך זיך באַנוצט מיט מיין גוטער לאַגע, צי גלאַט אַזוי אויס ליבשאַפט צום שטיפן, — נאָר די וועלט האָב איך יענע וואָך איבערגעקערט קאַפּויר. די גאַנצע שטוב איז געגאַנגען דורך מיר מיטן קאָפּ אַראָפּ. אפילו די ספרים אין אַלמער האָב איך ניט דורכגעלאָזן — געבויט פון זיי הייזער, צעריסן די רוקנס, געמאַכט אַ תל פון די טאָוולען. איך פלעג זיך אַרויפשטעלן אויף אַ שטול און צורופן אַ שוועסטער — איך וויל איר עפּעס זאָגן, כלומר׳שט. אָבער איידער זי איז נאָך צוגעטראָטן גאָר נאָענט, האָב איך זיך אַרויפגעכאַפּט אויף איר האַלדז און זי האָט מיך געמוזט טראָגן. איינמאָל האָט אַ שוועסטער, אָט אַזוי טראָגנדיק מיך, זיך פאַרטשעפּעט און מיך ווי אַ סנאָפּ אַראָפּגעוואָרפן. איך האָב אויסגעלונקען די לינקע האַנט. עס איז געוואָרן אַ טומל, אַ יאָמער, אַ געשריי. דער טאַטע, די מאַמע איז געקומען צולויפן פון קראָם. שכנים זיינען זיך צונויפגעלאָפן. מען האָט אויף גיך געבראַכט דעם דאָקטאָר, מען האָט מיר געלייגט אייז, איינגעבונדן די האַנט. די מאַמע האָט געוויינט. דער טאַטע האָט געשריען אויף דער שוועסטער, זיך געבייזערט און מיך אַריינגעלייגט אין בעט, וואו איך בין פאַרבליבן אַרום אַ חודש צייט אין גרויסע ווייטיקן.

פון דעם „גליקלאַכן דינסטיק״, ווען מען האָט מיך געזאָלט פירן

אין חדר, האָט זיך, פֿאַרשטייט זיך, אויסגעלאָזן אַ טייך. הפּנים באַ־שערט געווען, אַז אויך אין דעם פֿאַל, זאָל די מאַמע, און ניט דער טאַטע אויספֿירן. אין חדר האָט מען מיך אָפּגעגעבן ערשט אַרום נאָך שבֿועות. אַזוי זיך, אויף שפּילן זיך. מען האָט אפילו געמאַכט אַ סעודה. דער טאַטע און מאַמע האָבן זיך אָנגעטאָן אין יום־טובֿ־דיקן. מען האָט מיך געטראָגן איינגעוויקלט אין אַ טלית. אָבער פֿון יענעם טאַראַראַם אויף וועלכן איך האָב זיך גערעכנט, האָט זיך גאָר נישט אויסגעלאָזן.

איך דערוויס זיך דעם טאַטנס אַ סוד

אין מיינע ערשטע קינדער־יאָרן, איז מיר מיין טאַטע להלוטין פרעמד געווען, איך האָב אים, דאַכט זיך, ניט געקענט אפילו. וואָרים, פון וואַנען און ווי אַזוי, האָב איך אים געזאָלט קענען? שטענדיק אַן אַנגעכמורע־טער, אַ צעטראָגענער, איז ער, אָדער געזעסן בײַ אַ ספר, געגעסן, געטרונקען און געשלאָפן מיט אַ ספר, אָדער געאײַלט זיך, געלאָפן, געבייזערט זיך. ווי אַ בייזער פריץ איז ער מיר פֿאָרגעקומען, ווי עפּעס אַן אַנשיקע־ניש, רק ער קאָמאַנדעוועט: דאָס, טאָר מען ניט; דאָס, טו ניט, ניטע! אויף אַלעמען שרייט דאָס און באַלעבאַטעוועט!

גאַנץ אָפט האָב איך מיט אומגעדולד געציילט די מינוטן, גע־וואָרט אויף דער רגע, ווען ער וועט שוין אַוועקגיין פון שטוב: עס וועט ווערן עפּעס גראַמער, פרייער, מען וועט קענען די הענט פאַנאַנ־דערפירן און טאָן וואָס דאָס האַרץ געלוסט!...

שפּעטער־צו זײַנען מיר געוואָרן אפילו פרײַנטלאַכער. דער טאַטע פלעגט מיך אַרויפזעצן צו זיך אויף די קני, און אויפהויבנדיק און אַראָפּלאָזנדיק זיי, האָט ער מיך אונטערגעהאָטשקעט. וואָס עס איז מיר גראָד זייער געפעלן געווען. ער פלעגט מיך אויך אָננעמען פאַר דער שפּיץ מאָרדעטשקע און קלאַפּן מיינע ביידע שורות ציינדלאַך איינע אָן די אַנדערע, מאַכנדיק מיך לאַכן. אָבער דאָס האָט זעלטן פּאַסירט, און עס פלעגט זיך גיך פאַרגעסן. ערשט דערנאָך, שוין פיל שפּעטער, ווען ער האָט מיך געטראָגן אויף די הענט, איינגעוויקלט אין אַ טלית, אין חדר אַריין, ווען ער, אַנשטאָט דעם מלאך, האָט געוואָרפן מיר זילבערנע מטבעות און קאָפּיקענע צוקערקעס, האָט

אַנגעזאָגט דעם רבי'ן, ער זאָל מיך ניט טשעפּען, אפילו ניט שרייען אויף מיר, און געהייסן אים, ער זאָל מיך לאָזן שפּילן זיך אין פּערד־לאַך פראַנק און פריי, — ערשט דאַמאָלסט האָבן מיר זיך צוגעלאָזט איינער צום אַנדערן. איך האָב זיך אָנגעהויבן פילן מיט אים גאָר היימיש און איך בין באמת צופרידן געווען, וואָס איך האָב אַ טאַטן.

אָבער גאָר געפעלן פלעגט ער מיר ווערן שבת באַטאָג, נאָך דעם נאָך־וואַרמעסדיקן שלאָף. ער איז שבת געווען גאָר אַן אַנדער מענטש! עפּעס אַזוי צוגעלאָזט, אַזוי אויפגעלייגט און גוט־האַרציק — פשוט, אַ מחיה! פלעגט מיך אָוועקזעצן אויפ'ן שויס און אָנהייבן מיך פאַר־הערן, פרעגן וואָס איך האָב דורך דער וואָך געלערנט, קנייפּן מיך ליבלאַך אין בעקל, אַ קוש טאָן, אַ שפּיל טאָן זיך מיט מיר און דער־נאָך אַ זאָג טאָן, מער צו זיך ווי צו מיר: „נו, גענוג זיך באַלעווען, גיי זונעלע, גיי שפּילן!...״

געבליבן אַליין, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט בײַ אַ גרויסער גמרא, מיט אַ שטאַרק־רויטער גלאָז טיי בײַ דער זייט און געשמאַק אָוועק־געלערנט, אונטערזינגענדיק דעם זיסן גמרא ניגון, וועלכער איז מיר אַזוי געפעלן געווען.

אונדז, קליינוואַרג, פלעגט די מאַמע אַרומקלייבן אַרום זיך, ערגעץ אין אַן אַנדער חדר, געבן אונדז צו שטיקלאַך עפּעל, הויפּנס באָב און אַרבעס, דערציילן אונדז מעשות און פון צייט צו צייט פלעגט זי אַ טיפן זיפץ טאָן, וועלכער פלעגט פונקט אַרײַנפאַלן אין דעם טאָן פון דעם טאַטנ'ס גמרא ניגון און מאַכן אים פולער, גאַנצער, אַקוראַט ווי דער העלפער באַם חזן.

— זונעניו מײַנער, ישראלקע, — האָט די מאַמע מיר איינמאָל אין אַזאַ נאָכמיטיק געזאָגט, — הלוואי, קינד מײַנס, זאָלסטו אַזוי פיל קענען לערנען, ווי דײַן טאַטע. ער איז דאָך אַ גרויסער למדן, ער איז דאָך כמעט אַ צדיק!...

דעם אמת'ן באַטײַט פון די ווערטער האָב איך ניט געכאַפּט, אָבער אַן אײַנדרוק, און אַ גאַנץ שטאַרקן, האָבן זיי אויף מיר גע־מאַכט. דערהויפּט די לעצטע, „כמעט אַ צדיק!״ מײַן חבר'ס אַן

עלטערער ברודער האָט אונדז אַמאָל דערציילט, אַז עס זיינען פאַראַן ל״ו צדיקים און אַז אויף זיי שטייט די וועלט... איז מיין טאַטע פון יענע צדיקים? איך בין געוואָרן זייער געהויבן בא זיך, פאַר דעם טאַטן געקראָגן גרויס דרך־ארץ און טאַקע אַ ביסל מורא אויך. אַ צדיק! עפּעס אַ קלייניקייט, אַ צדיק!

עס איז געווען איינמאָל, באַנאַכט, איך בין אַלט געווען אַריבער זעקס יאָר, בין שוין ניט געשלאָפן מיט דער מאַמען, נאָר אויף שטולן צופוסנס בא איר. עס איז געווען גאַנץ שפּעט, זייער שפּעט. אין שטוב איז געווען פינצטער, ווי מיט אַ דיקער קאָלדרע אַלץ צוגעדעקט. עס איז געווען שטיל, אַזאַ שטילקייט, כאָטש טאַפּ זי אָן מיט די הענט. אַלע זיינען געשלאָפן געשמאַק. נאָר מיר האָט זיך ניט געשלאָפן און עס איז מיר געווען זייער אומהיימלאַך. איך האָב זיך געדרייט, געקערט פון איין זייט אויף דער אַנדערער, די שטולן האָבן געסקריפּעט, געקרעכצט און גערוקט זיך אַהין און אַהער. איך האָב געפּרובירט אַריבערציען דעם צודעק אַריבער׳ן קאָפּ, אָדער אינגאַנצן אים אַראָפּוואַרפן פון זיך — עס העלפט ניט; עס שלאָפט זיך ניט! צי דאָס איז געווען פון גרויס שמחה, וואָס מיר האָט זיך איינגעגעבן אויסוויינען בא דער מאַמען דריי קאָפּיקעס אויף דער מאָרגנדיקער סעודה אין חדר, אָדער אפשר גראָד דערפאַר, וואָס מיר איז דאָס זייער שווער אָנגעקומען — הכלל, עס האָט זיך ניט געקענט אַנשלאָפן ווערן...

אָט ליג איך רואיק, שטיל, אַזוי ווי איך רו זיך אָפּ נאָך אַ שטאַרקער שווערער שפּיל. איך שטרענג אָן מיינע אויגן און וויל זען דעם טאַטן, אָבער אומזיסט, עס איז שטאַרק פינצטער און שוואַרץ אַרום און אַרום. הייב איך זיך אָן צוצוהערן, און צו דעם האָב איך מער מזל: איך דערהער ווי דער טאַטע שעפּטשעט עפּעס און אָט גיסט ער אָפּ נעגל־וואַסער. ער טוט דאָס אָבער אַזוי שטיל, אַזוי ווי ער וואָלט זיך וועלן באַהאַלטן, ווי ער וואָלט עפּעס גע׳גנב׳עט.

איך הער אָבער, ווי ער טוט זיך אָן, קריכט אַרויס פּאַמעלאַך

פון בעט און קוים, קוים, וואס ער רירט זיך. גייט ארויס — און אין קיך אריין.

זייענדיק זיכער, אז אין שטוב זיינען ניטא ניט קיין גנבים און ניט קיין גזלנים און ניט קיין שדים, איז מיר געווארן גרינג און גוט אויפ'ן הארצן און איך האב שוין אנגעהויבן דרעמלען. פלוצלונג דער-הער איך עפעס א פארשטיקט קול פון קיך, א כליפען און א געוויין... איך האב דערקענט דעם טאטנ'ס קול — דער טאטע כליפעט און וויינט! לכתחילה בין איך צעמישט געווארן. איך האב גאר ניט געוואוסט וואס צו טאן. איך האב געוואלט אנהייבן שרייען, וועקן די מאמען, די קינדער, מאכן א טומל, אבער גלייך בין איך אראפגע-לאפן פון בעט און האסטיק אריינגעשפרונגען אין קיך — —

דער טאטע איז געזעסן לעבן אויוון אויף א קליינינקן פוס-בענקעלע, צום אויוון איז געווען צוגעקלעפט א דין וועקסן-ליכטל, וואס האט קוים נאר באלויכטן דעם ספר, וואס דער טאטע האט גע-האלטן הארט צום פנים. אויפ'ן קאפ איז געווען אש. ער האט אויס-געקוקט בלייך און צעבראכן און געגאסן טייכן טרערן. איך בין ווי פארגליווערט געווארן און געבליבן שטיין ווי א סטאטוע, מיט אן אפענעם מויל און פאנאנדערגעריסענע אויגן. מיר האט זיך געדאכט, אז אדער איך ווער משוגע, אדער דער טאטע. אדער, אפשר איז דאס די ארבעט פון די לצים? דערווייל האט דער טאטע אויף מיר א קוק געטאן — און גלייך בין איך צו אים צוגעלאפן, ארומגעכאפט אים ארום האלדז, באשאטן אים מיט קושן און וויינענדיק אנגעהויבן בעטן זיך, פרעגנדיק, וואס עס טוט אים וויי. „זע, טאטעלע, וויין ניט", האב איך געכליפעט, טוליענדיק זיך צו זיין ברוסט". „וואו, טא-טינקע, טוט דיר וויי, הא? אט נאדיר מיינע דריי קאפיקעס, טאטעלע, אבי וויין ניט!"

דעם טאטנס שטארק פארוויינטער פנים האט זיך נאר א קרים געטאן אין א האלבן שמייכל. ער האט מיך ארומגענומען, געגלעט, געהייסן שטיל זיין, חלילה קיינעם ניט אויפוועקן, האט מיר פאר-זיכערט, אז ער איז געזונט און עס פעלט אים גארניט. איי, וואס-זשע

וויינט ער? איז דאָס גאָר נישט. אַלע אידן וויינען, זיי דאַרפן וויינען, און אַז איך וועל אויסוואַקסן, וועל איך אויך וויינען. ער האָט גע־רעדט עפּעס פון אידישע צרות, פון דעם, וואָס דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן און האָט מיר צוגעלייגט נאָך עטלאכע קאָפּיקעס צו די דריי, האָט מיך אָוועקגעפירט צוריק צו מיין געלעגער, מיר איינ־געדעקט, אַ קוש געטאָן, און געזאָגט:

— נו, זיי־זשע אַ וואוילער אינגל און דערצייל קיינעם קיין מעשׂות נישט. אָט וועל איך זען, צי דו קענסט האַלטן דעם טאַטנ׳ס אַ סוד, אדרבה!

ווי ער איז נאָר אַרויס צוריק אין קיך, האָב איך זיך גלייך צוגע־רוקט צו דער מאַמען, אויפגעוועקט זי און אַנטפּלעקט איר דעם סוד.

— איז דער טאַטע טאַקע פון די לאַמעד וואָווניקעס? — האָב איך זי געפרעגט.

— איך ווייס נישט, מיין זונעלע, צי פון די ל״ו, צי נישט, אָבער, אַ למדן איז ער, אפשר טאַקע אַ צדיק אויך. איך ווייס? אפשר ביסטו גערעכט! שלאָף, שלאָף, זונעלע. איי, האַרציקער פאָטער, הלוואי אויף דיר געזאָגט געוואָרן — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ זיפץ און שטאַרק צוגעדריקט מיך צו זיך.

איך פאר מיט דער מאמען אין אסענינע*)

עס איז געווען א זונטיק פארנאכט. פיל פון די אנגעפאררענע גוים און גויעס זיינען זיך שוין פאנאנדערגעפארן צוריק. בא אונדז אין קראם איז שוין געווארן גראמער. די מאמע, — א בלייכע, א הונגעריקע, האט נאך אין מויל ניט געהאט. זי איז געווען הייזעריק פון פיל טענה'ן און ריידן מיט די ליבע סוחרים — קוים אויף די פיס זיך געהאלטן. האט זי צונויפגעקליבן, פונדעסטוועגן, א פאק זעק מיט זעקלאך, גענומען א פאר „בוקליאזשקעס"**) בראנפן, עטלאכע קרענץ בייגל, א פאר צענדליק בולקעס, הערינג, א זעקל עפל און בארן, זיך ארויפגעזעצט אויף א שמאלינקן הארטן פויערשן וועגל — פארן קיין פאנקראטעוויטש אין אסענינע.

אזוי ווי עס איז געווען פאר יום כיפור און איך בין פון חדר פריי געווען, האב איך זיך גענומען בעטן בא דער מאמען, זי זאל מיך נעמען מיט זיך. איך האב איר צוגעזאגט אז איך וועל זיין גוט און פרום און פאלגן. דער טאטע, גאר אומגעריכט פאר מיר, האט זיך געשטעלט אויף מיין צד, איינריידנדיק דער מאמען:

— וואס ארט דיך, רבקה, אז ער וועט מיט דיר פארן? נישט'קשה, ער וועט דיר צוניץ קומען. ער וועט אכטונג געבן אויפן בראנפן,

---

*) „אסענינע" נעמט זיך פון דעםווארט „אסיען", הארבסט. דאס איז די צייט, ווען די פויערים נעמען אראפ די תבואות פון די פעלדער, די פרוכטן פון די ביימער, און דעם האניג פון די בינשטאקן. אין יענער צייט קומען צום פויער אין שייער זיינע שכנים און באקאנטע, און די מיט וועמען ער האנדלט א גאנץ יאר, און בעטן בא אים א מתנה.

**) א קיילאכיגקע הילצערנע בלי.

אויף דער סחורה, אַז מען זאָל ניט צעשלעפּן, און אגב, אים ווילט זיך דאָך זייער, טאָ זאָל ער הנאה האָבן...

דער טאַטע האָט צוגעשמייכלט ווען ער האָט דאָס געזאָגט, און די מאַמע, פאַרקערט, האָט זיך פאַרקרימט אַביסל און באַמערקט:

— איי, דו נאַרעלע, עס איז דאָך אַן אַפּקומעניש, צו וואָס דאַרפסטו דאָס?

איך האָב זיך אָבער איינגעשפּאַרט, אַזוי ווי מיר וואָלט דאָס אין לעבן געגאַנגען, און די מאַמע האָט מיר נאָכגעגעבן.

מיר זיינען אַרויסגעפאָרן פון מאַרק אין די גאַסן פון שטאָט. איך האָב געדרייט דעם קאָפּ אויף אַלע זייטן — געזוכט מיט די אויגן חברים, אינגלאַך, זיי זאָלן מיך מקנא זיין. פאָרנדיק אויף דעם גלאַטן וועג נאָך עטלאַכע וויאָרסט, האָב איך זיך געפילט זייער געהויבן! אַ גאַנצער מענטש! אָבער אָט האָבן מיר זיך אַראָפּגעקערט אויף אַ זייטיקן וועג, גלייך אין וואַלד אַריין.

דער וועג איז געווען צעדרייט און צעקרומט — אַ שמאָלינקער, נאָענט צו די ביימער, און די צווייגלאַך פלעגן אָפּט, גאָר אומגעריכטערהייט, מכבד זיין מיט אַ שמיץ אין פּנים. דער גאַנצער וועג איז געלעגן איבער גרויסע, דיקע וואָרצלען, איבער וועלכע דעם פּויערס היימיש־געמאַכטער וועגל האָט זיך געוואָרפן ווי אַ שכור, רעכטס און לינקס, אַרויף און אַראָפּ און די קישקעס אויסגעטרייסלט. אָט קריכט ער גאָר אַריין אין אַ געדיכטער קאַשע בלאָטע. זינקט אַריין ביז איבערן אַקס. דאָס פערדל כאַפּט, נעבאָך, איבער זיינע אויסגעשטאַרצטע ביינער אַ פּאָר גוטע שמיץ, וועלכע דער פּויער לאָזט אים אַראָפּ, שילטנדיק אים און שרייענדיק מיט גרוים חשק און כעס, פאַרוואָס ער שלעפּט ניט אַזוי גיך דעם וועגל אַרוים. דער הימל האָט זיך צוגעדעקט מיט שווערע וואָלקנס ווי קאַלדרעס און זיי זיינען געהאָנגען איבער אונדזערע קעפּ.

עס איז געוואָרן שטאַק פינצטער. די ביימער האָבן אָנגענומען עפּעס מאָדנע מורא׳דיקע געשטאַלטן. ווילדע, משונה׳דיקע ברואים! אָט שטייט גאָר, וואָלט איך שווערן, דער בער.וואָס איך האָב געזען

אויפ'ן מארק טאנצן, מיט א פאנאנדערגעעפנטן מויל און גרייט זיך צו פארצוקן מיך. איך האב אנגעהויבן צו ציטערן מיט מיין גאנצן גוף.

— וואס, דו דרעמלסט, ישראל'קע? — האט די מאמע א פרעג געטאן, און מיך נענטער צוגעטוליעט צו זיך.

— ניין, מאמע, אבער — אוי, מאמינקע, איך האב אזוי מורא!

— וואס איז פאראן וואס מורא צו האבן? נארעלע איינער, גאט איז אומעטום און ער היט דיך און באשיצט דיך וואו דו גייסט און שטייסט!

דער מאמעס עטלאכע ווערטער — ניין, ניט אזוי די ווערטער, ווי דער טאן, איר קאלטקייט און רואיקע געוויסקייט, מיט וועלכע זי האט דאס געזאגט האט מיין גרויסע מורא ווי מיט דער האנט אוועקגענומען. איך האב זיך אין גאנצן בארואיקט. עס איז מיר גאר אזש ליכטיקער געווארן, אפילו די ביימער זיינען קענטיקער געווארן!

ווען מיר זיינען ארייגעפארן אין פאנקראטעוויטש איז דער גאנצער דארף געשלאפן. אחוץ די תמיד וואכנדיקע הינט, איז קיין צייכן פון קיין ישוב ניט געווען.

אונדזער פורמאן, א קורצער און ברייטער גוי, מיט א פנים אזוי ווי מיט מעקענע וואלט דאס געווען באשאטן, מיט רויטלאך פלאקסענע האר אויפן קאפ, האט מיט א גראד אנגענעמענעם קול א פרעג געטאן בא דער מאמען, אויב זי וואלט אפשר ניט וועלן צו אים פארפארן.

— דו וועסט זיין בא אונדז א גוטער גאסט, — האט ער איר פארזיכערט.

די מאמע האט אים באדאנקט אבער געהייסן פירן זיך צו פיליפ מעדוועדניק, צו וועמען זי פארפארט שטענדיק און וועלכער האט איר אויך צוגעזאגט גיין מיט איר איבער די שייערס, העלפן אין דער אסענינע.

די מעדוועדניקס זיינען געווען איינגעפונדעוועטע רייכע גוים און האבן געהאט פון כל טוב. זייער שטוב איז געווען א גרויסע, מיט הויכע פענצטער, גאר ניט ווי די איבעריקע פינצטערע הייזלאך אין

דאָרף. זייער פירונג איז אויך ניט געווען אַזוי ווי בא די איבעריקע פויערים. פיליפ האָט ניט געטראָגן קיין לאַפּטשעס, נאָר שטיוול מיט הויכע כאָליעוועס, און האָט אפילו זיין ווייב ניט געשלאָגן.

פון מיין מאַמען האָבן ביידע, פיליפּ און פיליפּיכע, שטאַרק געהאַלטן, שטענדיק גערופן זי „ריוועטשקא" און „קאַכאַניא" (ליבינקע).

ווען מיר זיינען אָנגעקומען, זיינען זיי ביידע אויפגעשטאַנען, אָנגעצונדען די שטיקלאַך האָלץ און עס איז געוואָרן ליכטיק. פיליפּ האָט זיך גענומען צום שטעלן דעם סאַמאָוואַר — ער איז געווען דער איינציקער פויער, וואָס האָט געהאַט אַ סאַמאָוואַר — פיליפּיכע האָט זיך גענומען אָנבריען מילך אין אַ נייער כלי, לכתחילה געקויפט געוואָרן צוליב דער מאַמען. זי האָט דערלאַנגט געקאָכטע אייער, אַ פרישן שטיק האָניג, וועלכן די מאַמע האָט, אגב, מיך ניט געלאָזט עסן פאַרן שלאָף, און מיר האָבן געהאַט אַ גאַנץ גוטע וועטשערקע, הלוואי אין דער היים ניט ערגער!

די מאַמע האָט זיך געלייגט אָפּרוען, האָט דערמאָנט פיליפּ'ן ער זאָל ניט פאַרגעסן אַז מען דאַרף אויפשטיין מיט די „ערשטע העגער": זי מוז פאַרטיק ווערן ניט שפּעטער ווי ביז דאָנערשטיק נאַכט, דורך דער נאַכט פאָרן מיט דער סחורה צוריק אין שטאָט כדי אָנצוקומען פרייטיק פרי, ערב יום כפור, אַהיים.

פיליפּ האָט זיך צוגעהערט מיט דעם ערנסט פון אַ מענטשן, וואָס פאַרשטייט די וויכטיקייט פון דער צייט, האָט צוגעשאָקלט מיט דעם קאָפּ, און געזאָגט:

— זייט רואיק און שלאָפט געשמאַק, איך וועל דיך שוין וועקן אין דער ריכטיקער צייט.

און אָוועקלייגנדיק היפּשע עטלאַכע פויערשע פוטערם אויף דער לענג פון דער באַנק און אין מיטן אַ קישן, האָבן מיר זיך געלייגט איינע צו די אַנדערע מיט'ן קאָפּ צו קאָפּ.

די מאַמע, די אויגן שוין פאַרמאַכטע, דערמאָנט מיך נאָך אָן קריאת-שמע לייענען און ווערט באַלד אנשלאָפן. מיר אָבער שלאָפט זיך עפּעס ניט. מאָדנע געשטאַלטן דרייען זיך פאַר מיינע אויגן און

צעמישן זיך. עס טראַכט זיך מיר פון אַ סך, אַ סך זאַכן, זיי שפּרינגען איינע איבער די אַנדערע, שלענגלען און קיטלען זיך. דער וואַלד שרעקט, אָבער ציט מיך. אַך, ווי עס ווילט זיך וויסן, וואָס עס טוט זיך אין זיינע באַהעלטענישן? זיינען טאַקע פאַראַן וואַלד מענטשן? וואָס טוען זיי, וואָס עסן זיי, וואו זיינען זיי, און צוליב וואָס? — וואָס טוען די חיות אַ גאַנצע נאַכט? ווי לעבט זיך זיי ווינטער אין די גרויסע שנייען? אַיי, ס'אַראַ רחמנות אויף די קליינינקע פייגעלאַך! זייערע מאַמעס פליען אַוועק און זיי בלייבן נעבאַך איינינקע אַליין אין דער פינצטער — אָט דערפאַר, הפנים, פּישטשען זיי אַזוי אומעטיק.

איך דריי זיך איבער אויף דער אַנדער זייט און דערזע, אַז די העלצלאַך דערברענען שוין ביז צום סוף. עס גיט אַ קנאַק די, אַן אַנדערע כאַפּט זיך אויף, גיט אַ בליץ, און שיסט אַרויס אַ שטיקעלע רויטע קול, אָבער דאָס זיינען שוין די לעצטע כחות.

שוואַרצע שאָטנס ציען זיך פון דאָרטן און פאַרשפּרייטן זיך איבער דער גאַנצער שטוב. די ווענט, די בענק, איך און די מאַמע ווערן צוגעדעקט מיט שוואַרצן טול. איך טו אַ קוק אויף דער מאַמען, איר גוטער פּנים איז אויסגעמאַטערט. איך דערמאָן זיך אָן דעם האָניג — פאַרוואָס האָט די מאַמע מיך דעם האָניג ניט געלאָזט עסן? פאַרוואָס טאָר מען עפּעס ניט עסן קיין האָניק פאַר'ן שלאָף? עס איז דאָך זיס, אַ מחיה! און דער ריח פון האָניק, האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעשמעקט מיר אין נאָז... מיין בליק איז געפאַלן אויף די לאַנגע בענק אַרום די ווענט און האָט מיר פלוצלונג דערמאָנט אויף די בענק פון אונדזער שול. די באַנק לעבן אויוון איז געווען זייער ברייט. דאָרט איז פיליפּ מיט זיין הויזגעזינט געשלאָפן. בעט, באַנק, אויוון האָבן זיך געמישט אין קאָפּ און פאַראייניקט זיך. איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער שניידערשער שול וואו די בימה איז געווען אָן אויוון, דאָס הייסט, דער אויוון איז געווען די בימה!

קיין מעבל איז בא פיליפּן אין שטוב ניט געווען, אַ חוץ אַ לאַנגלאַכער טיש, וואָס איז געשטאַנען אויבן־אָן, לעבן דעם ווינקל, וואו

עס איז געהאנגען א גרויסער פּאָרטרעט. אונטער דעם פּאָרטרעט איז געהאנגען א בלעכענער אייל־לעמפּל, וואָס האָט קוים געצאַנקט. דאָס לעמפּל האָט מיך דערמאָנט אָן דעם נר־תמיד אין שול. די שול האָט מיך ארויפגעפירט אויף מיין ערשטן אלף־בית מלמד, וועלכער איז שטענדיק געגאַנגען, סיי זומער, סיי ווינטער, מיט אן אָפענער ברוסט, און בא וועמען ניט נאָר די באָרד און פּאות, נאָר אפילו די האָר אויפן הארצן זיינען, דאכט זיך, געווען קאָלטענעוואַטע. ער פלעגט מיט א גרויסן ביינערנעם טייטל טייטלען און געפּיקעט אין יעדן אות און געזאָגט :

— זעסט, אָט דאָ איז דאָס טירעלע אָפן — דאָס איז א „היי“. זאָג־זשע, „היי“ ! אָ, דו, חמור איינער, היי איז וואָס מען גיט עסן א פערד. אָט, אזעלכע פערד, ווי דו ביסט.

און ער לאַכט אליין פון זיין חכמה.

איך האָב זיך תיכף דערמאָנט אָן דעם פערדל וואָס האָט אונדז געשלעפּט היינט פון שטאָט און די שמיץ וואָס ער האָט געקראָגן, אָן זיינע גרויסע, פּאַרוויינטע אויגן, פּונקט ווי מיין חבר׳ס, ווען דער רבי האָט אים אָפּגעשמיסן.

מיין חבר האָט זיך געקלאָגט פאַר די חברים, אז דער פּאַסקודניק, דער רבי, האָט אים אומזיסט געשמיסן, ער איז ניט שולדיק געווען. ער האָט די גלאָז ניט צעבראָכן. און אז ער וועט זיך נאָך אָפּרעכענען מיט דעם אלטן אשמדאי. נישקשה, זאָל נאָר קומען סוף זמן, ער וועט אים וואַרפן א שטיין אין קאָפּ.

און איך טראַכט און חידוש זיך, אפשר האָט אויך דאָס פערדל באַקלאָגט זיך פאַר זיינע חברים פאַר די אומזיסטע שמיץ. אומזיסטע שמיץ, זאָגט מען, טוען נאָך שטאַרקער וויי. פאַר וואָס איז דאָס ? — און אויך ער, דאָס פערדל, וועט זיך אָפּרעכענען צום סוף זמן ? און אפשר איז ער גאָר א גילגול. ווער ווייסט ? אפשר דאַרף ער דאָס אָפּקומען פאַר זיינע אמאַליקע עבֵרות ? איי, איי, איי ! עס איז א רחמנות ! מען טאָר א פערד ניט שלאָגן, חלילה, איך וועל קיינמאָל מיט א האַנט ניט אָנרירן א פערדעלע ! איי, ווי גוט דאָס איז, וואָס איך

בין ניט געבאָרן געוואָרן קיין פערדל... מען דאַרף זיין פרום — חלילה ניט מגלגול ווערן אין אַזאַ שטומער בריאה...

רויטינקע פינטעלאַך גאָר אָן אַ שיר, ווי אַ רעגן, האָבן זיך אויסגעגאָסן אויף מיר, פון דעם צאַנקנדיקן לעמפּל, אָבער אַט זיינען זיי געוואָרן בלוילאַך, געדרייט זיך אין אַ קאַראַהאָד, אין האַלבע לבנה׳ס — אויפגעגאַנגען און אונטערגעגאַנגען, עס איז געוואָרן טונקעלער, אויסגעשפּרייט זיך ווי אַן אַטלאַסענער מאַנטל איבער מיר און — איך בין אנשלאָפן געוואָרן.

איך בין הפנים אויפגעשטאַנען שפּעט. ניט די מאַמע און ניט פיליפּ זיינען געווען אין שטוב. אין דרויסן איז פּאַמעלאַך געגאַנגען אַ דראָבנער, געדיכטער רעגן, פון יענע וויינענדיקע האַרבסטיקע רעגנדלאַך, וועלכע קריכן אַריין אין די ביינער, אפילו ווען מען זיצט אין שטוב, און וואַרפן אָן אַ מאָדנע מרה-שחורה, אַז עס ווילט זיך אויך וויינען...

פיליפּיכע האָט צו מיר עפּעס גערעדט, מיט׳ן פינגער אָנגעוויזן אויפ׳ן טיש, וואו עס איז געשטאַנען עסנווארג, און האָט געשמייכלט. מיר איז דאָס אָבער אין קאָפּ ניט געקראָכן. עס איז מיר געווען זייער אומעטיק. איך האָב זיך אויסגעדרייט צום פענצטער און פאַרטרויערטערהייט געקוקט און געקוקט. די נעכטיקע געדאַנקען האָבן ווידער זיך גענומען פּלאָנטערן באַ מיר אין קאָפּ, און איך האָב זיך דערמאָנט, אַז מען דאַרף זיין פרום.

איך האָב זיך געשטעלט דאַווענען. געדאַווענט מיט האַרץ און מיט כוונה. אָבער פאַר מיינע אויגן האָט זיך אַוועקגעשטעלט פיליפּ׳ס ניין-יאָריקע טעכטערל, זייער אַ וואַוילינקע און חנ׳עוודיקע שיקסעלע. זי האָט געהאַלטן אין איין האַנט אַ גרויס שטיק ברויט, אין דער אַנדערער — אַ בייגל, וואָס די מאַמע האָט איר געבראַכט אַ מתנה, און נאָך איטלאַכן געזונטן בים פון דעם ברויט, האָט זי פאַרביסן מיט אַ קליין ברעקעלע בייגל, אַקוראַט, ווי דאָס וואָלט געווען, גאָט וויים, וואָס פאַר אַ מאכל. זי האָט זיך באַלעקט און באַסמאַקעוועט און ניט

אַראָפּגענומען די אויגן פון מיר. איך האָב זיך פאַנאַנדערגעלאַכט הויך אויפ׳ן קול. די שיקסעלע האָט זיך אויך צעלאַכט. זי רוקט זיך ביסלאַכווייז מיט אַ זייט צו מיר און קייכט פון געלעכטער. פיליפּיכע האָט מיט אַ האַלבן טאָן געבייזערט זיך אויף איר קאַטקע׳ן. יענע האָט אָבער געטאָן אירס, — געביסן דעם ברויט און דעם בייגל און געלאַכט.

מיר איז געוואָרן פריילאַכער. איך האָב אָפּגע׳פּטר׳ט אויף גיך דעם דאַווענען און שוין בדעה געהאַט נעמען זיך צו דער אכילה. — קאַטקעס עסן האָט אויפגעוועקט אויך מיין אַפּעטיט. האָב איך זיך אָבער דערמאָנט, וואָס דער טאַטע האָט מיר אָנגעזאָגט — חלילה וחס, ניט צורירן זיך צו קיין זאַך איידער איך פרעג פריער בא דער מאַמען, צי מען מעג אָדער מען טאָר דאָס ניט עסן.

די מאַמע איז געקומען.

זי איז געווען נאַס, פּיטש־נאַס, ביז׳ן לייב דורכגעווייקט. זי איז געווען אויך שטאַרק אָנגעהאָרעוועט און פאַרמאַטערט, אָבער דוקא גוט אויפגעלייגט און פריילאַך. קענטיג, זי האָט געהאַט אַ גוטן פריי־מאַרגן — די אַסענינע האָט זיך איינגעגעבן!

פיליפּיכע האָט איר געהאָלפן אַראָפּשלעפּן די נאַסע קורטקע, האָט עס אויסגעשפּרייט לעבן אויוון — טריקענען זיך, דערלאַנגט אַ פּאָר טרוקענע וואָלענע זאָקן און מיר זיינען געגאַנגען צום טיש עסן.

פיליפּ און די מאַמע האָבן דערציילט טשיקאַווע זאַכן — ווי אי־וואַן האַפּקע האָט זיך גאַנץ שיין אָנגעטרונקען מיט דעם בראָנפן, וואָס די מאַמע האָט אים מכבד געווען, גאַנץ פיין פאַרביסן מיט אַ בולקע. אָבער אַז עס איז געקומען צו געבן אַסענינע, האָט ער זיך געקראַצט אין פּאַטעלניצע, געקווענקלט זיך און געזאָגט, אַז ער האָט ניט וואָס צו געבן און קען ניט געבן. ביז ער, פיליפּ, האָט אים גוט אויסגע׳מוסר׳ט, און די מאַמע האָט אים געגעבן אַ גוטן גאָב. דערנאָך האָט ער שוין דוקא געגעבן אַ גוטע, אָבער גאָר אַ גוטע אַסענינע.

מען האָט דערציילט נאָך זאַכן, גערעדט. פיליפּיכע האָט סודות׳דיק

עפּעס אַריינגעשושקעט דער מאַמען אין אויער. מען האָט געקוקט אויף מיר, אויף דער שיקסעלע, געקוקט און געלאַכט, און די מאַמע האָט פּלוצלינג מיך געכאַפּט קושן.

איך האָב זיך מיט אַ כיון גע׳ברוגז׳ט, אויפגעוואָרפן דער מאַמען, פאַרוואָס זי האָט מיך אָפּגענאַרט, הלמאי זי האָט מיך ניט אויפגעוועקט און ניט גענומען גיין אין אַסעניגע? צו וואָס־זשע בין איך אינגאַנצן געפאָרן אַהער?... די מאַמע האָט הייליק צוגעזאָגט, אַז מאָרגן, אויב עס וועט ניט רעגענען, וועט זי מיך געווים נעמען.

— אָבער, זע דו זאָלסט קיין חרטה ניט האָבן, זונעלע. עס איז גאָר ניט אַזוי געשמאַק ווי דו מיינסט. — האָט זי פאַרענדיקט.

דערווייל האָט מען געבראַכט אויף צוויי פאָר פערד אָנגעלאָדן די מתנות, וואָס די מאַמע האָט אין דעם פרימאָרגן צונויפגעקליבן. מען האָט דאָס אַראָפּגעלייגט ביי פּיליפּ׳ן אין שפּייכלער און מיר זיינען אַהין געגאַנגען „טאָן אַרבעט״, ווי די מאַמע האָט זיך אויסגעדריקט.

באַם פאַנאַנדערסאָרטירן די תבואות און באַם צושטעלן יעדע זאַך אויף אַן אָרט, האָט די קליינע קאַטקע זיך אויסגעצייכנט מיט איר בריה׳שקייט, ווי אַן אַלטע געניטע האַנט. די מאַמע, וואָס איר איז דאָס שטאַרק געפעלן געוואָרן, און וועלכע איז געווען סיי ווי צופרידן פון דעם פרימאָרגן, האָט דערלאַנגט קאַטקען אַ גרויסע — אַ קאָפּיקענע — קאָנפעקט:

נאַ, קאַטינקע, דו ביסט אַ וואוילע, געראָטענע באַלעבאָס־טעטשקע!

יענע, ניט לאַנג טראַכטנדיק, איז צוגעלאָפן צו מיר אַ שיינענדיקע פון גליק, האָט צעבראָכן דעם קאָנפעקט און, שפּאַרנדיק מיר גלייך אין מויל אַריין די גרעסערע העלפט, האָט זי זיך הילכיק פאַנאַנדערגעלאַכט און מיר אַ קוש געטאָן...

אַלע האָבן אָנגעהויבן לאַכן. אָבער איך בין געוואָרן ווי אַ צעמישטער. עפּעס אַ מאָדנע ווייכקייט, אַ צופלום פון אַ ליבער וואַ־

רימקייט האָט זיך צעגאָסן אין אַלע מיינע גלידער. אָבער די חרפּה? וואָס וועט דער רבי זאָגן, און די חברים?

פּיליפּ, וועלנדיק פאַרגלעטן די מעשה מיט'ן קוש, האָט קאָט־קען אַנגעפּאַטשט. לכתחילה האָט דאָס מיר, דוכט זיך, הנאה געטאָן: אַ מצוה אויף איר! אדרבא, זאָל זי וויסן. אָבער גלייך האָט דאָס מיך זייער פאַרדראָסן. און אַז זי האָט אָנגעהויבן וויינען, האָט עס מיך פאַרנומען פאַר דער צענטער ריפּ. איבער מיר וויינט זי, נעבאך. איך בין צוגעלאָפן צו איר, אָנגעהויבן גלעטן איר קאָפּ — אירע זייַדענע פלאַקסענע האָר האָבן זיך אַזוי ווייך, אַזוי צערטלאַך געפילט צווישן מיינע פינגער. איך האָב מיט מיין אַרבל געווישט פאַמעלאַך אירע טרערן — ווי באָב, וואָס זיינען גערונען איבער אירע האַלב־ווייסע און האַלב־רויטע פוכקע בעקלאַך. געבעטן זי זאָל ניט וויינען מער, אָנגעבאָטן איר די איינציקע קאָפּיקע, וואָס איך האָב געהאַט. אָבער זי האָט ניט גענומען. זי האָט געקוקט אויף מיר מיט אירע אויגן פול טרערן, געשלוכצט, געשמייכלט אַזוי חנ'עוודיק. מיר איז צעגאַנגען דאָס האַרץ פון רחמנות, מיך האָט אַזוי עפּעס געצויגן צו איר. איך האָב געוואָלט איבער איר געוועלטיקן, אָבער ניט געקענט — און געגעבן איר אַ האַרציקן קוש.

אויף מאָרגן האָט די מאַמע געהאַלטן וואָרט. פּיליפּ איז געווען גראָד פאַרנומען אין זיין שייער, האָט די מאַמע מיך גענומען פאַר אַ „שטיקל הילף". געראָגנט האָט ניט, אָבער דער הימל איז געווען דיק און שטאַרק פאַרוואָלקנט, און עס איז געווען „פינצטער ווי דער אידישער גלות". די לופט איז געווען פייכט און קאַלט, און בלאָטע איז געווען ביז'ן האַלדז. אויפשטייענדיק אין האַלבע נאַכט און אַרומגייענדיק פון אַ וואַרימער שטוב, האָב איך געציטערט מיט אַלע מיינע גלידער. אַ חוץ דעם, האָב איך זיך געשראָקן אויך. איך האָב מורא געהאַט שלעפן זיך מיט דער מאַמען אַליין צו די שייערס — אַ שטיק וועג פון דאָרף. אין האַרצן האָב איך שוין חרטה געקראָגן אויפ'ן גאַנצן עסק. האָב אָבער פאַרביסן די ליפּן און ניט אונטערגעגעבן זיך.

קיין אויסגעטראָטענע וועגן פון די הייזער צו די שייערס זיינען

באַ אונדזערע פּויערים ניט געווען, און אין דער פֿינצטערניש וואָלט מען סײַ ווי ניט געזען. די מאַמע האָט זיך שטענדיק געאײַלט, דערצו האָט זי געהאַט אין זינען, אַז גייענדיק לעבן די הײַזער, קען דעם גוי'ס „ווײַבערע", די „כלב'טע", אָנשטויסן זיך, אַז דאָס גייט מען צו איר מאַן אין שײַער, אַרויסצוקריגן עפּעס פֿון איר „האָב און גוטס", און קאָן ניט נאָר מאַכן סקאַנדאַלן, נאָר אויך פּשוט גוט מכבד זײַן. — האָט זי זיך געלאָזן קריכן מיט מיר איבער פּאַרקאַנעס און פּלויטן — זײַטיקע וועגן, אָבער פֿיל קירצערע.

און דאָ בין איך איר באמת גוט צונוץ געקומען. איך האָב זיך גיך אַרויפֿגעדראַפּעט אויפֿ'ן פּאַרקאַן, גענומען באַ דער מאַמען דעם פּעקל זעק, די בוקליאַזשקע בראָנפֿן און דעם זעקעלע „פּאַרבייסן", אַראָפּגעלאָזן דאָס אויף דער אַנדער זײַט. אויב דאָרטן איז געווען קויטיקלאַך, האָט דאָס אויך ניט אויסגעמאַכט. איך האָב געגעבן אַ האַנט דער מאַמען און געהאָלפֿן איר אַריבערקלעטערן. די מאַמע איז שוין געווען גאָר צופֿרידן מיט מיר — מאַכט זיך אָבער אַ נײַע צרה, די הינט. די דאָרפֿישע הינט איז, קענטיק ניט געפֿעלן געוואָרן אונדזער קלעטערן, און ניט קענענדיק קיין אידן, ניט געוואוינט צו דעם אידישן גאַנג און קליידונג, זײַנען זיי אונדז באַפֿאַלן מיט גרויס כעס און צאָרן. איך האָב אָנגעהויבן צו גוואַלדעווען. די מאַמע האָט גענומען שרײַען אויף מיר — איך זאָל ניט שרײַען. זי האָט אויף גיך אַרויסגעכאַפּט אַ בולקע, צעבראָכן אין שטיקלאַך און צוגעוואָרפֿן די הינט. זי האָט גערעדט צו זיי, געבעטן זיך באַ זיי, אפֿשר געמוסר'ט זיי, און צוביסלאַך זיי אײַנגעשטילט... מיר זײַנען אַרײַנגעגאַנגען צו אַנדריי פּאַטשאָק אין שײַער אַרײַן.

— גוט מאָרגן, העלף גאָט! דער אויבערשטער האָט געגעבן און וועט דיר געבן נאָך כפל כפלים, כדי דו זאָלסט קענען אויך אונדז געבן.

— גוט יאָר, ריוועטשקע. אָ, אַ דאַנק זײַן הייליקן נאָמען, ניטאָ וואָס צו זינדיקן. האָט אונדז ניט געקריוודעט דעם יאָר — נו, איך וועל דיך אויך ניט קריוודען. אַז גאָט גיט — דאַרף מען אויך געבן.

די מאַמע האָט אים מכבד געווען מיט אַ גלעזל שנאַפּס. דער גוי האָט מיט גרויס אַפּעטיט אויסגעטרונקען איינע און נאָך איינע און אַ דריטע.

— מער טאָר מען ניט, — זאָגט ער. — מען דאַרף נאָך אַרבעטן.

— פאַר אַ האָרעפּאַשנעם מענטשן איז גוט אַ גלעזעלע שנאַפּס. נאַ, טרינק אויס און פאַרביים, אָט האָסטו, אַ גוטן שמאַלץ הערינג מיט אַ בולקע. נישקשה, עס וועט דיר ניט פאַרשאַטן. כ'לעבן, עס וועט דיר געבן מער כח און פרישקייט צו דרעשן גאָט'ס גאָב און דיין האָרעוואַניע!

אַנדריי האָט עפּעס אַ מאָדנעם דריי און הויב געטאָן איין אַקסל, אַ שמייכל געטאָן, אויסגעטרונקען, און שניידנדיק דעם הערינג האָט ער אַ רוף געטאָן דעם זון, וועלכער האָט זיך ערגעץ אַרומגעדרייט אַרום שייער, און וועלכן מיר האָבן פריער גאָר ניט באַמערקט.

דער זון איז געווען אַ געזונטער שייגעץ פון אַ יאָר צוואַנציק, מיט אַ פּנים געשטופּלט ווי אַ ריב־אייזן, מיט צוויי גרויסע וואַסער־דיקע אויגן און מיט אַ פּלאַטשיקן נאָז. קייקלענדיק זיך אויף זיינע צוויי אויסגעדרייטע פיס, ווי האַלבע בייגל, האָט ער זיך דערנענטערט צו אונדז און אויסגעקערט אין מויל אַריין די קוואַרטירל בראַנפן וואָס דער פאָטער האָט אים געגעבן, אַ הירזשע געטאָן, ווי אַ פערד, מיט די נאָז־לעכער, אַ שאָקל געטאָן מיט דער צעפּאַטלטער טשופּרינע, אַ כאַפּ געטאָן אַ שטיק הערינג מיט בולקע און, אַ שפּיי טוענדיק מיט אַ פולן מויל, מיט אַ קנאַק אויף דר'ערד, האָט ער דאָס אַריינגערוקט אין מויל, ווי אַ דייזשע — און אַ מורמל געטאָן:

— אוי, וואָס פאַר אַ ביטערער בראָנפן, שדים ווייסן דאָס. אָבער ביטער.

דערביי האָט ער געמאַכט אַזאַ האַוואַיע, פון וועלכער עס איז שווער געווען צו פאַרשטיין, צי חידוש'ט ער זיך דאָס, צי ער באַ־סמאַקעוועט זיך פון גרויס הנאה, אָדערביידע זאַכן אין איינעם.

דער טאַטע מיט'ן זון האָבן זיך מער ניט געלאָזן בעטן. אדרבא, זיי האָבן איינער דעם אַנדערן מכבד געווען מיט'ן טרינקען און פאַר־

בייסן. זיך ניט געאײַלט, געקייט פּאַמעלאַך, געשמועסט — געלויבט דעם בראָנפן, דעם הערינג און דער מאַמען... קענטיק, זי האָט זיך אײַנגעקויפט בײַ ביידן אין גוטער לאַסקע. זי האָט פאַנאַנדערגעבונדן אירע זעק, אַ קלאַפּ געטאָן דעם יונגן אין פּלייצע און אַ זאָג געטאָן:

— נו, טשימאַך, אַ נו, װעלן מיר זען, װי דו װעסט מיך באַהאַנדלען.

און טשימאַך האָט געגעבן מיט אַ ברייטער האַנט: געגעבן אַ פּאָר מעסטלאַך קאָרן, האָבער, גריקע — אַ מעסטעלע װייץ, אַ זעקל קאַרטאָפל, ציבעלעס, לײַנזוימען — געגעבן פון אַלץ, װאָס עס האָט זיך געפונען אין שייער. מען האָט נאָך אַמאָל אויסגעטרונקען — און ער האָט װידער אַמאָל געגעבן. איצט האָט ער געגעבן באָב, אַרבעס, ניס, און צום סוף — גאָר אַ קערבל האָניק. װאָלט די מאַמע געװען נאָך צוגעשטאַנען צו זיי, װאָלט זי געקענט אַרויסבאַקומען נאָך און נאָך. אָבער זי איז געװען „מיט אַ האַרץ”, װי זי האָט זיך אויסגעדריקט. און איר איז געװען „פּריקרע” אַזוי פיל צו שלעפּן בײַ זיי. זי האָט זיי אמת־האַרציק באַדאַנקט, אָנגעװוּנטשעװעט כל טוב, געגעבן נאָך אַמאָל אויסטרינקען און פאַרבײַסן — דעם מאָל אַ פּאָר גוטע בײַגל, — און גענומען זיך צום פאַרבינדן די זעק.

װען זי האָט אָנגעהויבן לויבן און גאָר ניט געקענט זיך אָנלויבן טשימאַכקעלעס גוטסקייט, האָט דער אַלטער אַנדריי אַ לאַך געטאָן און געזאָגט:

— ניין, ריװעטשקע, עט, װאָס מיר גוט, װען מיר גוט. ער איז האַרט, װי אַ שטיין, מײַן טשימאַכקע. נאָר אָט גאָר ניט, דו ביזט אַ מזל'דיקע — און גאָר. האָסט געדאַרפט זען, װאָס פאַר אַן אָפּשניט דער באַטיושקאַ, דער גלח, האָט דאָ געהאַט. אַ האַלב מעסטעלע האָבער האָט ער אים געגעבן און גענוג. װאָס יענער האָט ניט צעטענה'ט, װיפיל ער האָט זיך בײַ טשימאַכקען ניט געבעטן ער זאָל אים געבן כאָטש נאָך עפּעס — ניין. „עס איז גענוג פאַר דיר”, האָט ער געענטפערט. און אַזוי טאַקע איז ער מיט בזיונות אַװעקגעגאַנגען. אונדזער אייגענער באַטיושקאַ, — עס איז מיר אַ חרפּה די אויגן צו

ווייזן. דעם שמיד אונדזוערן — האָט ער זיך אויך ניט איבערגעגעבן, דעם שענקער, — האָט ער אינגאַנצן אַרויסגעטריבן — אַ לעק ניט געגעבן. דעם שניידער האָט ער נאָך דאָרטן, כלומר'שט, דאַכט זיך, עפּעס יאָ געגעבן ווי עס באַדאַרף צו זיין, אָבער קיין העלפט ניט פון דעם, וואָס א י ך גיב אַלע יאָר. אָט, דו, נאָר דו, האָסט מזל, הלואי וויטער, דיך האָט ער באַהאַנדלט פ י י ן, אָבער פיין, וואָס פיין הייסט. ניט אמת, הא?

— נישקשה, נישקשה, — האָט די מאַמע געפּרואווט פּאַרענט־פערן טשימאַכ'ן, — ער וויים מסתמא, וואָס ער טוט. אָט, אַז ער וועט קומען אין שטאָט, וועל איך אים אויך שיין מכבד זיין.

טשימאַק, וועלכער האָט זיך דערוויל געפּאָרעט אין אָפּרוקן און צושטעלן די פאַרבונדענע זעק, וואָס געהערן שוין דער מאַמען, האָט, ניט קוקנדיק אויף קיינעם און ניט אַ קער טוענדיק זיך אפילו, נאָר צו זיך אַליין, אָדער צו די זעק, אַ זאָג געטאָן:

— אָט דאָס איז דאָך אַן אַלטער נאַר, ווייס ניט, וואו איין, וואו אוים. גיי נעם זיך אָן אויף דער גאַנצער כאַליאַסטרע, וואָס קומען זיך צושלעפּן. גיב און גיב. פון גאָר דער וועלט קומען זיי. נאָר שלעפּן און שלעפּן וואָלטן זיי. הם, דער באַטיושקאַ. אַ סך גיט ער דיר? (און דאָ האָט ער בייז אַ קוק געטאָן אויף דעם פאָטער). ער קומט מיט זיין גראָבן בויך און מיט אַ מאָרדע גלאַנצדיק פון פעטס — און גיב אים. מאָנט. אַ חלק האָט ער אַריינגעלייגט. ער האָט גאָט געבעטן, זאָגט ער. שדים זאָלן אים נעמען. נישקשה, אַז דו ביסט געגאַנגען צו אים בעטן אויסבאָרגן אַ פּאָר מעסטלאַך ווייץ, איז ער אַנדערש ניט מרוצה געוואָרן, סיידן דו זאָלסט אים אָפּגעבן דריי מעסטלאַך פאַר צוויי. אַ יאָ, הא? גאָטס מענטש. הם, אַ קרענק וועל איך אים געבן. איך האָב חרטה אפילו אויף די ביסל האָבער, אַרויסוואַרפן בעסער געדאַרפט. דו לייגסט, דו אַלטער עובר־בטל, דעם שמיד האָב איך געגעבן מער ווי אים איז געקומען. דעם שניידער — זאָגסט דאָך אַליין — געגוג געגעבן. און מאַשקען דעם שענקער? — אַ מכה. ער איז רייכער פאַר אונדז און ער שטעלט צו צום חשבון. אַ גנב, אַ

ווייסל פון אַן איי — איבער'ן קאָפּ געדאַרפט געבן. אָבער אַט די רבקה, אַ גוטע, ערלאַכע זשידאָוועטשקע. קומסט צו איר אין קראָם, גיט זי דיר אַ ביסל אייל צו דער בולקע, אַ ביסל דיעגאַכץ אויף די רעדער שמירן, באָרגט אַ פוד זאַלץ, אַ פּאָר צענדליק טאַראַנעס, ווען קיין געלט איז ניטאָ — נאָך ביז היינטיקן טאָג ניט באַצאָלט. אַ פאַרגלייכעניש אַ ביסל. אַ פרוי האָרעוועט נעבאָך, ווערט פאַרשוואַרצט; אָט זעסט דאָך, שלעפּט זיך אַרום בייטאָג און ביינאַכט — ווייל אירע קינדער מפרנס זיין. נו, טאַ, אַז גאָט העלפט, פאַרוואָס ניט? אודאי דאַרף מען איר געבן אַ חלק! איר קומט. דו פאַרשטייסט?...

די מאַמע האָט זיך געפּרעגלט פון נחת, געבענטשט און געלויבט דעם חכם טשימאַכן און געשוואָרן, אַז אַזא יאָר זאָל זי האָבן ווי גערעכט ער איז.

מיר זיינען אין נאָך פיר-פינף שייערס געווען יענעם פרימאָרגן. איינער האָט געגעבן מער, אַן אַנדערער — ווייניקער, קיינער אָבער האָט ניט אַרויסגעלאָזן מיט גאָרניט. דאָ האָט די מאַמע אַ חוב'ל אויפגעמאָנט, דאָרטן — אַ ביסל סחורה געקויפט גאַנץ ביים וועג. און אויך דער פרימאָרגן איז געווען אַ גאַנץ גוטער.

ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט צו פיליפּן אין שטוב, איז שוין געווען גאַנץ שפּעט. מיר זיינען געווען שטאַרק הונגעריק און זייער אויסגעמאַטערט. די מאַמע אָבער, אַזוי גיך ווי זי האָט נאָר עפּעס איבערגעביסן, האָט זי זיך שוין ווידער אָנגעהויבן איילן. זי דאַרף, זאָגט זי, געוואָר ווערן עטלאַכע באַקאַנטע גויעס. „מען קען עפּעס וויסן? אפשר עפּעס מאַכן?" און מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען שוין דעם מאָל איבער די הייזער. די באַקאַנטע גויעס האָבן אונדז ניט געגעבן אַזאַ קבלת פנים, ווי זייערע מענער אין די שייערס. אפילו אויף אונדזער „גוט-מאָרגן" מיט אַ האַלבן מויל געענטפערט. געווען גאָר אומצופרידן פון אונדזער וויזיט און געקוקט אויף אונדז קרום. ערשט דערנאָך, ווען די מאַמע האָט מיט זיי זיך פאַנאַנדערגערעדט, דערמאָנט אַלע זכות אָבות, די טובות וואָס זי האָט זיי געטאָן, און דערצו נאָך מכבד געווען זיי מיט די קינדער מיט גוטע עפּל, באַרן,

בייגל און צוקערקעס, האָט אַ וועלכע גויע אַראָפּגענומען די האַנט פון הארצן און געגעבן עפּעס. ווער — אַ ביסל קאַנאָפּליעס, מאָן אָדער אַ בינטעלע פלאַקס, ווער — אַ פּאָר צענדליק אייער, אַ הון צי אַ האָן. אַלץ אַזעלכע קלייניקייטן, וואָס האָבן בײַ די גויעס קיין גרויסן ווערט ניט געהאַט.

די מאַמע האָט געזאָגט, אַז אַרום און אַרום האָט זי פּונדעסט־וועגן אָנגעקליבן עפּעס, וואָס עס איז כדאי געווען איר טרחה — בײַ די כלב׳טעס קען מען זיך בעסער ניט דערלעבן. גוט איז דאָס אויך: אָט האָבן מיר געקראָגן עופות אויף כפרות שלאָגן. אָבער לגבי די מתנות, וואָס מיר האָבן געקראָגן אין די שייערס, זיינען די ווייבערשע שטוב־מתנות געווען אַ גאָרנישט שבגאָרנישט, טאַקע נאָר מיאוס געמאַכט זיך.

איך האָב זיך געפילט שטאַרק אָפּגענאַרט, געקריוודעט, האָב פּראָטעסטירט און געפרעגט בײַ דער מאַמען:

— סטייטש, פאַרוואָס האָבן די גויעס אונדז אַזוי שלעכט, אַזוי מיאוס באַהאַנדלט?

די מאַמע האָט געלאַכט און געזאָגט:

— אַי, דו ביסט דאָך גאָר אַ נאַרעלע, זיי זיינען דאָך ווייבער,— ווייבער גיבן זיך ניט צופיל איבער.

ווען מיר זיינען דאַנערשטיק שפּעט בײַנאַכט אַרויסגעפאָרן צוריק אַהיים, האָבן זיבן פּאָר פערד געפירט די צונויפגעקליבענע „אַסעניגע" פון פּאַנקראַטאָוויטש. די וואָגנס זיינען געווען גאַנץ הויך אָנגעלאָדן. און מיך האָט די מאַמע אַריינגעקוועטשט אַזוי צווישן די זעק סחורה, אַז איך זאָל חלילה, שלאָפנדיק, ניט אַראָפּפאַלן פון וואָגן. די נאַכט איז געווען ליכטיק, קלאָר, טרוקן און קאַלט, די פערד זיינען געגאַנגען פּאַמעלאך און די גוים, האַלטנדיק די לייצעס, זיינען געגאַנגען בײַ די זייטען און האָבן גאַנץ לעבעדיק געשמועסט. איינציקע פון זיי האָבן תמימות׳דיק און גוטמוטיק באַמערקט, אַז קיין איין באַלעבאָס אין דאָרף פאַרמאָגט ניט אַזוי פיל סחורה, וויפיל די מאַמע פירט דאָ אַרויס

— גאָרניט אַקערנדיק און ניט זייענדיק, אָבער זיי פֿאַרגינען איר מיט׳ן גאַנצן האַרצן, „ווייל ניטאָ וואָס צו ריידן — זי איז אַ וואוילע זשידאָ־וואַטשקע”. איך בין געזעסן און געשאָקלט זיך, געוויגט זיך און געדרעמלט, און פֿון דער רייזע צוריק האָב איך גראָד הנאה געהאַט.

וועלטשיק יחיאל׳ס.

אָך גאָר פון קינדוויים־אויף, האָב איך שוין דרך ארץ גע־האַט פאַר דעם פעטער וועלטשיק. באַ אונדז אין שטוב האָט מען שטענדיק זיין נאָמען נאָר צו גוטן דערמאָנט און מיט גרוים אָפּשיי. אפילו דער טאַטע האָט גע־האַלטן פון אים אַ וועלט. און דער טאַטע איז אין די זאַכן געווען זייער געהיטן. ער האָט קיין שלעכטס אויף קיינעם ניט גערעדט, אָבער ער האָט שטאַרק זיך אויס־געלאַכט פון אונדזערע מיוחסים, די בערן. ער פלעגט זיך אַ קרים טאָן אָדער אַ שטאַרקן מאַך טאָן מיט דער האַנט און אַ ברום טאָן: „עט, וויים איך וואָס". אָבער ער האָט פאַר זיין מאַמע׳ס ברודער, דעם פעטער וועלטשיק, שטענדיק געהאַט אַ גוט וואָרט. „ער איז אַ געהויבענער איד. אָבער טאַקע נאָר פון די געהויבענע" — פלעגט ער אויף אים זאָגן. און דערביי צושאָקלען מיטן פינגער לעבן רעכטן אויג, וואָס דאָס האָט באַטייט, אַז ער מיינט נאָך אַ סך מער, ווי דאָס וואָס ער זאָגט.

דער פעטער וועלטשיק איז געווען דער געהויבענער מענטש, דער מיוחס, די גילדערנע פאָן אין דער משפּחה. באַ אַ שידוך איז ער געווען אַ גאַנצער נדן. פּשש, וועלטשיק יחיאל׳ס אַ לייבלאַכער שוועסטער קינד", „וועלטשיק יחיאל׳ס אַ פלימעניק", אָדער „ער, צי זי, שטאַמען דאָך פון וועלטשיק יחיאל׳ס משפּחה!"

די משפּחה גופא האָט זיך אויך באַצויגן צו אים גאָר אַנדערש ווי צו אַנדערע קרובים. אַז עס פלעגט קומען צו שלח מנות שיקן, פלעגט מען דעם פעטער וועלטשיק׳ן שיקן עפּעס גאָר פון אַן אַנדער שניט און סאָרט: אַ פלעשל אַרעק, צי קאָניאַק, אַ פּאָר גרויסע

פּאַמעראַנצן, וואָס זיינען געווען אַ זעלטנקייט בײַ אונדז. און אַז דער שלח-מנות-טרעגער איז געקומען צוריק, האָט מען גאָרניט געזוכט אין טעלער, ווי דער שטייגער איז געווען, נאָכקוקן, וואָס ער האָט אָפּגעשיקט, ניין. מען האָט אפילו ניט אַ קוק געטאָן אין יענער זייט. עפּעס דער עצם שיקן שלח-מנות דעם פעטער וועלטשיק׳ן איז געווען שוין אַ כבוד. ווער רעדט, אַז עס האָט זיך אימיצן אין דער משפּחה איינגעגעבן אַראָפּצוּבּרענגען דעם פעטער צו אַ סנדק, אויף אַ ברית, אָדער די כלה אונטער דער חופּה בענטשן, איז דאָס געווען אַ גרויסע זאַך, מען האָט לאַנג דערנאָך גערעדט דערפון מיט גרויס צופרידנקייט.

איך געדענק, ווי איין ערב יום כפּור, נאָך דער סעודה המפסקת, ווען דער טאַטע האָט בײַם בענטשן זיך שוין גוט אויסגעוויינט און די מאַמע האָט זיך געקליבן טאָן די זעלביקע זאַך, נאָר מיט מער חשק, בײַם ליכט בענטשן, האָט דער טאַטע מיך גענומען פאַר׳ן האַנט און געפירט דעם ערשטן מאָל צום פעטער בענטשן זיך.

אַ הויכער איד, כמעט אַ זקן שוין, מיט געקרייזלטע פּאות, מיט אַ גרויסער לאַנגער באָרד, וועלכע איז אַריינגעפאַלן אין אַ גראָקייט, און פון וועלכער ער האָט מיט צוויי פינגער געגלעט נאָר איין איינציקע האָר, מיט שפּאָקולן אַרויפגערוקט אויפ׳ן שטערן, איז ער געזעסן פאַרטיפט אין אַ ספר. דאָס פּנים איז געווען אַלט אפילו, אָבער זייער ווייך און גוט. זיינע טיף אַריינגעזעצטע אויגן האָבן געשמייכלט און געפינקלט, ווי בײַ אַ קלוגן יונג, אַ שטיפער. בײַ אונדזער אַריינקומען האָט ער געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי אויפצוהייבן זיך. ער האָט אונדז אָפּגעגעבן אַ ברייטן גוט יום-טוב: „לשנה טובה תחתמו“, און ער האָט געוואַשן די הענט, אויפגעהויבן זיי איבער דעם טאַטנ׳ס אָנגעבויגענעם קאָפּ, צוגעמאַכט שטייף די אויגן, אַ קרעכץ געטאָן און מיט גרויס כונה געשעפּטשעט זיין ברכה.

קיין איבעריקער פרומאַק איז ער אויך ניט געווען. ער איז געווען אַן ערלאַכער איד אויף זיין אייגענעם אָריגינעלן שטייגער. ער האָט, למשל, קיין פלייש אָדער פיש ניט געגעסן.

— אַ רחמנות אויף גאָט׳ס באַשעפעניש, — פלעגט ער זאָגן. — עט, מען קען זיך גאַנץ גוט באַגיין, אַז מען זאָל זיי ניט עסן.

יע, עס זיינען געווען באַ אונדז אפשר פרימערע אידן, אָבער קיין ע ר ל א כ ע ר ע אידן, ווי וועלטשיק יחיאל׳ס איז ניט געווען.

קיין גביר איז ער קיינמאָל ניט געווען, אפילו ניט קיין נגיד. ער האָט געלעבט ברייטלאַך און איז געווען אַן אָנגעזעענער באַלעבאָס. אין די פריערדיקע יאָרן האָט ער געהאַנדלט מיט וואַלד, געווען אַ איד אַ סוחר. אָבער צו דער עלטער איז ער געבליבן באַ זיין שיינעם טראַקטיר*), וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן מאַרק, וואוהין אַלע מילי־טערישע לייט פון דער פעסטונג און די שטאָטישע באַאַמטע פלעגן אַריינקומען, צוליב דעם גוטן נאָמען, וואָס דער טראַקטיר האָט געהאַט נאָך פון גאָר אַמאַליקע צייטן.

וועלטשיק אַליין האָט זיך אין געשעפט שוין כמעט גאָרניט געמישט. ווען־ניט־ווען נאָר, ווען ס׳פלעגט קומען אַן אַלטער באַקאַנ־טער, אַן אָנגעזעענער גענעראַל און נאָכפרעגן זיך אויף „גאָספּאָדין קאַצענעלענסאָן", פלעגט ער אַריינגיין, האַרציק באַגריסן זיך און גוט דורכשמועסן זיך וועגן פּאָליטיק, וועגן די אַמאַליקע גוטע יאָרן א. ד. ג.

די גויים האָבן פון אים אויך שטאַרק געהאַלטן: „אַ קלוגער איד און זייער אַן ערלאַכער", פלעגן זיי אויף אים זאָגן.

אָבער באמת גרויס, כמעט הייליק, איז וועלטשיק׳ס נאָמען געוואָרן ערשט שפּעטער, ווען ער איז שוין געווען אין די זיבעציקער, דורך אָט דער מעשה:

אין אַ שיינעם זומערדיקן פרייטיק, נאָך האַלבן טאָג, איז וועלטשיק יחיאל׳ס, ווי זיין שטייגער איז געווען, געקומען שוין פון בעדל האָט אָנגעטאָן אַ ווייס העמד מיט אַ גרויסן קלאָרן קאָלנער, דער ארבע־כנפות מיט די ברייטע שוואַרצע פּאַסן צעשפּרייט אין זיין גאַנצער ברייט, אַ שפּיציקע סאַמעטענע יאַרמאָלקע אויף דעם גרויען קאָפּ און ווייסע זאָקן, ווי שניי, אויף די פיס אַריינגעשטעקטע אין

---

*) אַ ווײַן־הויז.

גרינגע פּאַנטאָפל; ער האָט זיך אַוועקגעזעצט באַ אַ לאַנגן געדעקטן טיש. באַ איין ברעג טיש זיינען געשטאַנען די צוויי פינף-רערנדיקע בלאַנקענדיקע זילבערנע לייכטער מיט גרויסע סטאַרין-ליכט פּאַרטיק צום בענטשן, אויף דעם אַנדערן — זיינען געלעגן צוויי גרויסע חלות פון זעמל-מעל, מיט פלעכטלאַך פון אויבן, אַנגעבויגן איינע צו די אַנדערע, און צוגעדעקט מיט אַ ווייסער סערוועטקע. אינמיטן טיש איז געשטאַנען דער פינקלדיקער גראַפין ווין אויף אַ זילבערנעם טעצל, אַרומגערינגלט מיט דעם גאָלדענעם קדוש-בעכער און אַ האַלבן טוץ זילבערנע קעלישקעס, — מיט׳ן חומש, מיט אַ שטאַרק גלאָז טיי פון דעם סאַמאָוואַר, וועלכער איז טאַקע דאָ באַם זייט געשטאַנען אויף אַ טאַבורעטקע*) און האָט אונטערגעזונגען פאַר זיך עפּעס אַ פּריילאַכס... אין שטוב, אַרום שטוב, אויף אַלע חפצים איז געווען אויסגעגאָסן דער זיבעטער חן פון דעם ליבן שבת.

פלוצלונג איז אַריינגעלאָפן איציקל, דער משרת פון טראַקטיר זייער איבערגעשראָקן, האָט געבעטן מחילה באַ וועלטשיק׳ן, וואָס ער שטערט אים איצטער, אָבער ער מוז... ער וויים ניט, וואָס צו טאָן: עפּעס אַ באָסיאַק**), אַן אָקסן-טרייבער, האָט זיך צוגעטשעפּעט, ווי אַ קלעק, — איך מוז אים געבן אויסטרינקען, ער טרעט ניט אָפּ, באַלעבאָס-לעבן!

— וואָס-זשע ביסטו אַזוי צעדרומשקעט, איך בעט דיך? וואָס איז דאָ דער חידוש, וואָס אַ גוי וויל אַ טרונק בראָנפן? וואָס דען האָסטו געוואָלט, ער זאָל זאָגן שיר-השירים? פון וואָס אַ מענטש ווערט דאָס נתפּעל! גיי שוין גיי, נאַרעלע דו! זאָג אים, אַז באַ אונדז איז שוין שבת, און אַז ער וועט די מציאה קריגן ערגעץ אַנדערש.

— באַלעבאָס-לעבן, אויף נאמנות, כ׳לעבן, כ׳קען פון דעם באָסיאַק ניט אויסהאַלטן. איך זאָג אייך, ער וועט אָנטאָן גרויסע צרות... ער האַלט אינאיין שרייען, אַז, נישקשה, ער האָט נאָך פאַרדינט אַ טרונק

---

*) אַ קיילאַכדיקע פּראָסטע שטול.

**) אַ באָרוועסער, אָפּגעריסענער.

בראָנפן... וועט מען אים ניט געבן אַ שנאַפּס, וועט ער די שטוב, זאָגט ער, חרוב מאַכן !...

— נו, גוט, גיב אים אַ שנאַפּס, דאָס הייסט, זיי אים מכבד, דו פאַרשטייסט... באַ אונדז איז שבת, קיין מסחר מאַכן מיר ניט, אָבער גיב אים אַ טרונק בראָנפן אַזוי זיך — אָן געלט ! און לאָז מיך צורו איצטער ; כ׳לעבן, איך האָב בילכערע זאַכן צו טאָן. עס איז דאָך שבת, איציקל, שבת !

ווען וועלטשיק האָט שוין אָנגעטאָן די אַטלעסענע קאַפּאָטע, דאָס שטריימל, אַרומגעוויקלט אַרום זיך דעם ברייטן גאַרטל און איז שוין געווען איינגעאַנצן פאַרטיק צו גיין אין שול צו קבלת שבת, איז איציק ווידער געקומען, אָבער דעם מאָל ניט אַליין — אָן אָפּגעריסענער, אָפּגעשליסענער, כמעט אַ באָרוויסער הויכער גוי, אין די מיטעלע יאָרן, איז געשטאַנען אין טיר און האָט פאַרצאַמט וועלטשיק׳ן דעם וועג. ער האָט אומגעלומפּערט געשמייכלט, שעלמיש געקוקט און צוגעוואונקען מיט איין אויג צו וועלטשיק׳ן.

— ער דערקענט מיך ניט, — האָט ער געמורמלט מער צו זיך אַליין. — שדים זאָלן דאָס נעמען ; אַ פאַרשאָלטענער מזל !... און אפשר מאַכט ער זיך דאָס, בכיון טוט ער דאָס ?... ער איז דאָך אַ איד, פאַרט אַ איד ! הם, עס לוינט זיך אים ניט, מיך צו דערקענען... וואָס קען מען פון אַ אידן דערוואַרטן ?... אַך, טאַטעלאַך מיינע, אַליין שולדיק... אַליין, אַליין ! און ווער וואָלט בעסער געווען ? שוין אַזוי לאַנג... אָבער צום טייוול זאָל דאָס גיין !... הער קאַצענעלסאָן, איר קענט מיך גאָרניט, האַ ? נו, זאָל זיין אַזוי, איך האָב צו אייך ניט, מיר וועלן בלייבן גוטע פריינט... אָט הייסט געבן אויסטרינקען, פאַר אייער געזונט, חשוב׳ער הער קאַצענעלסאָן! וואָס איז געווען, איז געווען. געוועזענעס קערט זיך ניט אום צוריק... אַזאַ גורל מסתמא, וואָס קען מען מאַכן ? נו, הייסט איר געבן אַ שנאַפּס ?...

וועלטשיק, דערהערנדיק דעם באָסיאַק׳ס קול, זיין ריינעם גוטן רוסיש, האָט זיך גענומען אים גוט באַטראַכטן. אַריינקוקנדיק טיף אין זיינע אויגן, האָט וועלטשיק פּלוצלונג אָנגעכאַפּט אים מיטביידע

הענט, האָט אים שטאַרק געטרייסלט און האָט מיט אַ פרייליכן הויכן קול אויסגעשריגן:

— פאָלקאָווניק, איוואַן פּעטראָוויטש וואָס־זשע מאַכט איר, ליבער פריינט? זייער אַ גוטער אַנגעלייגטער גאַסט! גלויבט מיר, הער פּאָלקאָווניק, אַז איך בין זייער גערן, זייער צופרידן צו זען אייך. אַך, אַזוי אומגעריכט, אַ פיינער גאַסט! יע, יע, ווי איך זע, הער פאָלקאָווניק, האָט אייך דער אויבערשטער ניט געשאָנעוועט... אָבער גאָט איז אַ פאָטער, ער שטראָפט און דערבאַרימט זיך. ווער ווייס, אפשר פון היינט אָן וועט אייער רעדל זיך איבערדרייען, ווער ווייס? קומט־זשע אַהער, הער פאָלקאָווניק. זיצט, זייט מיין גאַסט. איציק! דערלאַנג קאָניאַק, ווייִן, פיש, חלה. באַדין דעם פאָלקאָווניק און גיב אים אַלץ וואָס ער וויל!

דער אָקסנטרייבער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ווי אַ מטושטש׳ער, מיט פאַנאַנדערגעריסענע אויגן און מיט אַן אָפענע מויל, האָט זיך גענומען נייגן, בעטן פאַרגעבונג, „שולדיק, שולדיק“... האָט ער אַלץ גע׳טענה׳ט. אַ נאַרישקייט... ער האָט ניט פאַרדינט אַזאַ אויפנאַמע. עט, ער וועט בעסער גיין, ער איז געווען אַזוי גראָב, אַזוי צודרינגלאַך, ווי אַן עכטער באַסיאַק, ער קען איצטער וועלטשיקען אין די אויגן ניט קוקן!

— אי, אי, אי, וועלטשיק׳ל, מלאכ׳ל מיינער, טייבעלע, זייט מוחל און פאַרגיט אַ שיכור׳ן אָקסנטרייבער!

— ניין, ניין, — איז וועלטשיק באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע, — איר מוזט דאָ בײַ מיר בלייבן לכל הפּחות איבער שבת. און מאָרגן באַנאַכט וועלן מיר שוין פון אַלץ מיט אַנאַנדער ריידן. איר ווייסט דאָך, מיר זיינען אידן, שבת, מען מוז אין שול גיין איצטער. אָט פאָלגט מיך, און בלייבט דאָ גאַסטעווען בײַ מיר. איציק, מאַך די סוכה. קלייב צו, גיב ריינע בעטגעוואַנט, האַנטיכער, וואַסער, זייף... רוט זיך אָפּ, פאָלקאָווניק, עסט און טרינקט און גאָט וועט פירן מסתמא ווי גוט איז.

דער פאָלקאָווניק האָט זיך לחלוטין אָפּגעזאָגט פון צו בלייבן בײַ

וועלטשיק'ן איבער שבת, האָט נאָך הונדערט מאָל געבעטן מחילה. פון דער טיפעניש פון זיין נשמה, האָט ער געזאָגט, בעט ער מחילה. געטענה'ט, אַז ער איז אַ פאַרגרעבטער מענטש און, צוליינגדיק די האַנט צום האַרצן, האָט ער מיליטעריש אַ געשריי געטאָן מיט טרערן אין דער שטימע:

— איך בין שולדיק. זייט מיר גרויסמוטיק מוחל!

וועלטשיק'ן האָט זיך קוים איינגעגעבן איינצורעדן דעם פּאָל־קאָווניק ער זאָל כאַטש עפּעס עסן און טרינקען דערוויילע, און אַז מאָרגן באַנאַכט זאָל ער זיכער קומען. אויב ניט וועט ער, וועלטשיק, געפינען זיך שטאַרק באַליידיקט. און אגב האָט ער דאָך מיט אים וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין צו שמועסן. אָבער איצטער מוז ער אים אַנטשולדיקן — ער מוז גיין אין שול צו קבלת שבת.

איוואַן פּעטראָוויטש איז געבליבן זיצן. ער האָט אַריינגעשטעקט ביידע הענט אין זיין גרויסן קאָפּ האָר, די עלענבויגנס אָנגעשפּאַרט אָן טיש און זיך ביטער פאַנאַנדערגעוויינט. ער האָט אָנגעגאָסן פאַרטראַכטערהייט אַ קעלישעקל קאָניאַק, געדרייט אים אויף אַלע זייטן, אויפגעהויבן צום אויג, לאַנג, לאַנג געקוקט, געקרעכצט און געזיפצט, האָט אים אַ קער געטאָן מיט'ן דעק אַרויף זיך אין מויל אריין, אַ כאַפּ געטאָן דאָס היטל און איז אַרויסגעלאָפן. איציק איז אים נאָכגעלאָפן. געבעטן זיך רחמים ער זאָל זיך אומקערן, עסן עפּעס, טרינקען, ער האָט שוין פאַרטיק טיי, — וועלטשיק וועט שטאַרק ברוגז זיין אויף אים, איציק'ן, וואָס ער האָט אים אַזוי אַרויסגעלאָזן, אָבער ער האָט בשום אופן גאָר ניט געקענט פועל'ן. אים פאַרדריסט... עס פאַרדריסט אים שוין די גאַנצע מעשה, האָט ניט געדאַרפט באַ־אומרואיקן דעם חשובן זקן, עס איז אים אַ חרפּה, אַ בושה!... ער וועט זיך נאָך מישב זיין... וועט אפשר מאָרגן באַנאַכט פאָרט נאָך אַריינגיין זעגענען זיך. ער האָט דאָך געגעבן זיין ערן וואָרט וועלטשיק'ן!

עס איז געווען אַ שיינע קלאָרע און וואַרימע זומער נאַכט. באַ וועלטשיק'ן אין שטוב זעט מען דורך די אָפענע פענצטער דעם רב

און נאָך אַ פּאָר חשוב׳ע באַלעבאַטים, וואָס וועלטשיק האָט זיי פּאַר־בעטן צו זיך אויף מלוה מלכה, ווייל ער האָט וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין דורכצושמועסן זיך. מען זיצט אַרום טיש, אַלע נאָך אין די שבת׳דיקע מלבושים. מען טרינקט טיי און מען זינגט זיך צו.

— רבותי, — האָט וועלטשיק אָנגעהויבן, — ווער פון אייך געדענקט נאָך דעם פּאָלקאָווניק איוואַן פּעטראָוויטש? איר געדענקט דאָך אַלע מסתמא די גרויסע שרפה. געדענקט איר, ווער עס האָט נפשות געראַטעוועט, אונדזער שול מציל געווען, די ספרי תורות אַרויסגעטראָגן? איר געדענקט, האַ? געדענקט איר ווי אַ פּאָלקאָווניק, אַ פריינט מיינער, איז געקומען צולויפן מיט די סאָלדאַטן, האָט זיך ממש אין פייער געוואָרפן און געהייסן די סאָלדאַטן נעצן זייערע שינעלן און אַרומלייגן מיט זיי די שול? געדענקט איר, ווי מיר האָבן אים דערנאָך אויף די הענט געטראָגן, אין שול געבראַכט?

— פּטור, נו, פּאָר וואָס זאָל מען ניט געדענקען, עס וועט אפשר זיין דעריין אַ יאָר־פופצן בסך הכל, אויב ניט נאָך ווייניקער. אָה, אַ וואוילער גוי געווען. פון די אמת׳ע חסדי אומות העולם, אַ דימענטענער מענטש, אַן אוהב ישראל. פּשש, גאָר אַ זעלטנקייט, וואָס איז ניט בנמצא! — האָט דער עולם מיט לתפעלות זיינע מיינונגען אַרויסגעזאָגט.

— אָבער אנטקעגן וואָס זאָגט איר דאָס, ר׳ וואָלף, וואָס האָט איר זיך גראָד דערמאָנט איצטער אין דער גרויסער שרפה און אין דעם פּאָלקאָווניק?

— איך וועל אייך זאָגן צוליב וואָס. ער איז דאָ אין שטאָט בא אונדז, וועט אפשר נאָך באַלד אַהער קומען. אָבער זאָל דער אויבערשטער דאָס מאַכן פון אַלע שונאים אונדזערע, וואָס ער האָט פון אים געמאַכט. אַ גוואַלד, אַן אימה, וואָס פון אים איז נעבאך געוואָרן. אַ באָסיאַק, אַן אַקסנטרייבער איז ער געוואָרן! אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, אַ גאַנץ רחמנות.

— אוי ווייי, אוי וויי, אַזוי? אַ באָסיאַק? טע, טע, טע, אַן עברה בנאמנות, אַזש דאָס האַרץ פאַרקלעמט — האָבן זיך אַ פּאָר אָפּגערופן.

— עט, נאַט אייך אַ פּיטאַק, גוי'שע צרות... מסתמא וועט ער דאָס מיט בראָנפן פאַרטרינקען. אַ גוי איז אַ גוי. אַ שכור אודאי! וואָס דען, גרעסערע תכליתים וועט פון זיי ווערן, וואָס? כע, כע, כע, אַ פּאָלקאָווניק, דאַכט זיך. אָט, נאַדיר, אַן אָקסן טרייבער געוואָרן. דערדינט זיך באַ ניקאָלייען, ימח שמו!

— אָבער וואָס האָבן מיר זיך אַזוי פאַרזאָרגט פאַר פרעמדע צרות, איך בעט אייך, — האָט אַן עלטערער איד, ריידנדיק אויפ'ן זייט*) אַביסל הייזעריקלאַך צוגעבייזערט זיך. — קנאַפּ האָבן מיר אייגענע צרות, וואָס?

אָבער דער רב, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן, האָט זיך דאָ אַריינגעמישט:

— ניין, איר זייט אומגערעכט, אידן באַדאַרפן דאַנקבאַר זיין! אַ מענטש, וואָס האָט איינגעשטעלט זיין אייגן לעבן אין קאָן, צוליב אַ אידישער שול, צוליב אונדזערע הייליקע ספרי תורות, האָט געראַטעוועט אידישע גוטס און אידישע בלוט און געפינט זיך איצטער אין אַן עת צרה, טאָר מען ניט שטיין פון ווייטן. דאָס איז אַנטקעגן דער אידישער מדת־רחמים, דאָס איז אַ חלול השם, חלילה. איך וואָלט דאַריבער זאָגן, מען זאָל זיך צונויפליגן, באַקליידן און באַשוכן אים, שיין מכבד זיין און געבן טאַקע עטלאַכע רובל אויפ'ן וועג. דעם אידישן נאָמען וועט דאָס אויך מאַכן כבוד.

טייל האָבן זיך אפילו געקווענקלט... געלט אויסגעבן, האָבן זיי געגלויבט, איז פאַראַן אַ סך בילכערע זאַכן. אָבער זיי האָבן ניט געקענט זיך קעגנשטעלן דעם רב, האָבן זיי גענומען ריידן וועגן „שוין צייט אפשר גיין אַהיים" און גענומען רוקן זיך צום טיר מיט פאַרדראָס.

אָבער אָט איז גראָד אַריינגעקומען דער פּאָלקאָווניק. שטייענדיק באַם טיר, האָט ער זיך צו אַלעמען אַ נייג געטאָן, געבעטן אַנטשולדיקונג, ער האָט געמיינט, זאָגט ער, אַז עס איז שוין אויס שבת, אָבער ווי עס ווייזט אויס, האָט ער געמאַכט אַ טעות. נאָר קיין בייז, ער גייט גלייך אַוועק. ערוועט ניט שטערן.

*) אויף די אונטערשטע טענער און הייזעריקלאַך.

— ניין, ניין, פּאָלקאָווניק — האָט וועלטשיק איילנדיק צוגייענדיק צו אים געזאָגט, — איר שטערט אונדז דורכאויס ניט. עס איז שוין טאַקע אויס שבת. — און נעמענדיק אים אונטער'ן אָרעם, האָט ער אים צוגעפירט צום טיש, פאָרגעשטעלט פאַר די געסט און פאַר דעם רב.

דער גוי איז געווען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט, געפילט באַ זיך שטאַרק געפאַלן, און זיך געבעטן באַ „גאָספּאָדין קאַצענעלענסאָן" ער זאָל אים איצטער לאָזן גיין.

— עס איז ניט די צייט, — האָט ער גע'טענה'ט — בעסער אַן אַנדערש מאָל, אויב עס וועט זיך מאַכן.

— גאָט איז מיט אייך, הער פּאָלקאָווניק, — איז אים וועלטשיק אַריינגעפאַלן אין די רייד. — עס זיינען דאָך אַלץ אייגענע מענטשן, היימישע, וועלכע קענען אייך, וועלכע געדענקען די טובות, וואָס איר האָט אונדז געטאָן בעת דער גרויסער שרפה, ווי איר האָט מיט גוואַלד, טאַקע פשוט מיט גוואַלד, ניט געלאָזן דער פייער זאָל די קראָמען אויפ'ן מאַרק פאַרכאַפּן. ווי איר אַליין האָט אויסגעטאָן דעם מונדיר*), געלאָפן אין שול און די ספרי תורות אַרויסגעטראָגן און אָנגעזאָגט אייערע סאָלדאַטן, זיי זאָלן דאָס היטן. חיות ניט זיכער. עס זיינען הייליקע זאַכן! עך, ליבער פּאָלקאָווניק, אפנים גאָר אַ שלעכטע מיינונג האָט איר פון אונדז אידן, מיינענדיק, אַז מיר האָבן אַלץ פאַרגעסן!

איוואַן פּעטראָוויטש האָט אַלץ אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט:

— עט, קלייניקייטן, פּוסטע זאַכן, ניט ווערט איבערצורירן, אָדער דערמאָנען אפילו.

אָבער ער האָט זיך פאָרט דערפילט אַביסל שטייפער, וועלטשיק'ס וואַרימע, פריינדלאַכע רייד האָבן אים צוגעגעבן מוט און ער האָט זיך געזעצט צום טיש.

מען האָט דערלאַנגט עסן און טרינקען, דער רב אַליין האָט אָנגעגאָסן אַ קעלישעקל, דערלאַנגט דער אורח און געדריקט אים

*) אַ מיליטערישער ראָק.

שטאַרק די האַנט, אויך די איבעריקע אידן האָבן געמאַכט צו אים לחיים, געבענטשט אים און געווינטשעוועט אַל דאָס גוטס. מען האָט זיך צערעדט וועגן אַלטע צייטן, וועגן מלחמות, וועגן פּאָליטיק, וועגן דער אידן־פראַגע, וואָס האָט שטאַרק פאַראינטערעסירט איוואַן פּעטראָוויטש׳ן. וועלטשיק האָט דערוויילע, ניט באַמערקט צו ווערן, אַרויסגערוקט זיך און באַלד צוריקגעקומען מיט עפּעס אַ פאַר׳חתמ׳טן פּעקל אין האַנט.

— רבותי, — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ הויכער, קלאָרער שטים, — רבותי, זייט מוחל, וואָס איך שלאָג אייך איבער... אָבער עס איז אַ וויכטיקער ענין. מיט אַן ערך אַ צוועלף־דרייצן יאָר צוריק, אַקוראַט פאַר דער קרימער מלחמה, איז געקומען צו מיר אַט דער געערטער פּאָלקאָווניק, איוואַן פּעטראָוויטש, און דערלאַנגענדיק מיר אַט דעם דאָזיקן פּעקל, האָט ער אַזוי געזאָגט: „הער קאַצענעלענסאָן, איך גיי איצטער אין מלחמה אַוועק, איך האָב ניט קיין פאַמיליע, קיין קרובים, קיין פריינט, וועמען איך זאָל וועלן פאַרזאָרגן, איך פאַרטרוי דיר אַט דעם פּעקל. דאָ איז אַכט טויזנט רובל. — נו, וועל איך גע׳הרג׳עט ווערן, איז דיין מזל, געהערט דיר דאָס געלט. אויב איך וועל צוריק קומען, וועסטו מיר דעם פּעקל אומקערן. אַ, אין דעם בין איך זיכער! און איך וועל דיך שוין גוט באַפרידיקן". — די אַלע יאָרן האָב איך ניט געהערט פון איוואַן פּעטראָוויטש׳ן, אָבער גאָר ניט, קיין וואָרט, קיין איינגעטונקענע פען ניט געהאַט, ווי אין וואַסער, אָדער חלילה אין פייער פאַרפאַלן געוואָרן. געכטן האָב איך אים דעם ערשטן מאָל דערזען. איך האָב אים גלייך דערקענט. עס איז אָבער שוין געווען שבת און איך האָב געמוזט דאָס אָפּלייגן ביז היינט. איצטער אָבער, הער פּאָלקאָווניק, דאָ, אַט האָט איר אייער פאַרטפעל. דאָ איז דאָס געלט, עס איז ניט גערירט געוואָרן. עס איז אייער אייגנס, אייער אייגן כשר געלט.

דער הער פּאָלקאָווניק האָט די לעצטע ווערטער שוין ניט געהערט ער איז געפאַלן אין חלשות.

עס איז געוואָרן אַ טומל. דער עולם, אַ פאַרגאַפטער פון דער־

גאַנצער מעשה, האָט זיך גוט איבערגעשראָקן. מען האָט געשיקט נאָך אַ דאָקטאָר און וועלטשיק — אַ טראַכט־טוענדיק, מאַלע וואָס עס קען חלילה טרעפן... אַ גוי צווישן אידן, דער רב איז אויך דאָ, אַ פּעקל געלט נאָך דערצו, אַ קשיה אויף פּאָניע גנב! מען איז דאָך אין גלות — האָט מען געמאָלדן דער פּאָליציי, און אַ קוואַרטאַלנע איז געקומען. מ׳האָט דעם פּאַציענט געשטעלט באַנקעס, געריבן מיט ספּירט און קוים אָפּגעמינטערט.

אַז דער פּאָלקאָווניק איז געקומען צו זיך איז ער אַרויפגעפאַלן וועלטשיק׳ן אויפ׳ן האַלדז, געכאַפּט קושן, און מיט אַ געבראָכענער שטים, פון גרויס געוויין, האָט ער זיך גענומען בעטן בײַ וועלטשיק׳ן, ער זאָל דאָס געלד ניט געבן אים, ער דאַרף ניט, אים וועט עס ניט נוצן מער, ער איז שוין סײַ ווי אַ פאַרפאַלענער מענטש.

— איך וועל פון זינען אַראָפּ, — האָט ער געזאָגט, — בין איך דאָ צווישן מענטשן אָדער מלאכים? מלאכים, אויף מיין ערן־וואָרט, מלאכים. אי, אי, אי, מיינע הערן, און איר זייט דאָס אידן? אָט די אידן, אויף וועלכע איך האָב זיך דאָס אַזוי פיל אָנגעהערט אַל דאָס בייז? עס קען ניט זיין, עפּעס איז דאָ ניט גלאַט, עס שיקט זיך ניט, עס איז אַ חלום. ניט אַנדערש ווי אַ חלום. זייט איר דאָס די גנבים, די בייטל שניידער, די בלוט־זויגער? מאָדנע, כ׳לעבן, עס איז מאָדנע. קענט איר דען ניט מיר קלאָר מאַכן, וואו איך בין אין דער וועלט? בין איך דאָס משוגע געוואָרן, בין איך אויף אַן אמת צווישן אידן? גלויבט איר, אַז אידן וועלן אויפנעמען אַזאַ ווי איך בין — אָט, טוט נאָר אַ קוק אויף מיר — אַ שכור, אַן אָקסנטרייבער, אַ מענטש ערגער ווי אַ הונט — וועלן אידן אַזאַ איינעם אויפנעמען מיט אַזאַ כבוד, מיט אַזויפיל מענטשלאַכקייט, פריינטלאַכקייט און דערלאַנגען מיר אַכט טויזנט קארבן, פון וועלכע איך האָב שוין גאָר ניט געטראַכט, לאַנג פון זינען אַרויסגעשלאָגן, אפילו אויף אַ קוואַרטירל בראָנפן ניט געריכט זיך צו באַקומען — זיינען דאָס אידן, האַ? אידן, אידן, צום טייוול, אויב אידן זיינען אַזעלכע... המ, המ. טאַ פאַר וואָס זיינען מיר ניט אַלע אידן?

דער קווארטאלנע וואלט אפשר געקענט דערציילן איוואן פעט־ראוויטש'ן, אז עס זיינען פאראן אויך אנדערע אידן, מיט וועמען ער אליין טיילט זיך אמאל אין א גנבה'לע. אבער זייענדיג ארומגערינגלט מיט השוב'ע אידישע באלעבאטים אין א שטוב פון זייער אן אנגעזעע־נעם באלעבאס, האט ער נאר צוגעשאקלט מיט'ן קאפ און צוגעשטימט: יע, יע, אידן זיינען אן אנשטענדיק פאלק, אבער זייער קלוג. קלוג גאר אן א שיר.

איוואן פעטראוויטש האט זיך דערווילע צוביסלאכוויים אינגאנצן בארואיקט. מען האט זיך צוריקגעזעצט באם טיש. דער קוואר־טאלנע מיט דעם דאקטאר — בא די זייטן פון דעם פאלקאווניק. ער האט געעפנט דאס פעקל. די וויגרעשנע־בילעטן און די הונדערטער זיינען געציילט געווארן אקוראט. איוואן פעטראוויטש האט ניט אנדערש געוואלט, אז וועלטשיק זאל לכל הפחות נעמען א העלפט. אזוי איז דאך געווען דער אפמאך, האט ער גע'טענה'ט. וועלטשיק האט זיך אין גאנצן אפגעזאגט.

— ניין, דער אפמאך איז געווען, — האט ער געזאגט, — אז דער פאלקאווניק וועט אים באפרידיקן. נו, ער — געלויבט איז זיין הייליקער נאמען — דארף ניט. ער האט גענוג. אויב דער פאל־קאווניק וויל, אים, וועלטשיק'ן, פארשאפן א נחת־רוח, קען ער געבן א נדבה אט דעם רב, פאר דער תלמוד תורה, ארימינקע יתומים'לאך, צי פאר'ן הקדש, וואו אלטע און קראנקע האלטן זיך אויף.

איוואן פעטראוויטש האט מיט א ברייטער האנט איבערגעגעבן דעם רב אי פאר'ן הקדש, אי פאר דער תלמוד תורה.; האט געגעבן א גרויסע סומע אויף א נייער באד, געלאזן געלט פאר דער אלטער שול, וועלכע ער האט פון דער שרפה אפגעראטעוועט, אז מען זאל זי איבערבויען.

בקיצור, עס איז ניט געווען איין עפנטלאכער אידישער אנשטאלט, וואס ער האט ניט געגעבן דארויף א היפשע סומע. ער האט א פינף טויזנט קארבן אויף אזא אופן צעטיילט. דער קווארטאלנע איז געזעסן ווי אויף שפילקעס. האט געפרופט דערמאנען דעם אלגעמיינעם

האָספּיטאַל, אַ געוויסן קלויסטער, אָבער איוואַן פּעטראָוויטש האָט אויף דעם האָספּיטאַל דערלאַנגט, ווידער אַמאָל דעם רב, אַ פינף־און־צוואַנציקער, און וועגן קלויסטער האָט ער זיך געמאַכט ניט ווּיסנדיק.

עס איז שוין געוואָרן גאַנץ שפּעט. אָבער איוואַן פּעטראָוויטש האָט געבעטן — מען זאָל האָבן אַביסל געדולד. ער וויל דערציילן, וועלטשיק'ן איבערהויפּט, וואָס עס איז מיט אים פאַרלאָפן די גאַנצע צייט.

אין דער קרימער מלחמה האָט ער מיט זיין פאָלק געקעמפט ווי אַ לייב, פאַר זיין קייסער און פאַר זיין פאָטערלאַנד איז ער געווען גרייט אומצוברענגען זיך. האָט זיך אין פילע שלאַכטן זייער פיין אויסגעצייכנט און צום סוף פאַרוואונדעט געוואָרן... ער האָט דער־וואָרט אַ העכערן ראַנג, מעדאַלן און נאַגראַדעס, וועלכע זיינען אָבער הפנים אים ניט באַשערט געווען.

איוואַן פּעטראָוויטש האָט דערנאָך דערציילט, ווי אַזוי ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן. און איז געקומען צו דער איצטיקער לאַגע — ער האָט זיך צעקריגט מיט אַ גענעראַל, וועלכער האָט געוואָלט אַרויפ־צווינגען אויף אים חתונה צו האָבן מיט זיין טאָכטער — אַן אַלטע, העסלאַכע מויד; ווי יענער האָט אים פאַר'מסור'ט אין ברעכן דיסציפּ־לין, ווי ער איז לאַנג געזעסן אין תפיסה, און צום סוף האָט מען אים באַרויבט פון אַלע מיליטערישע און ציווילע רעכט. פון גרויס ביטער־קייט און פאַרצווייפלונג האָט ער אָנגעהויבן שכור'ן, איז אַריינגעפאַלן אין שלעכטער קאָמפּאַניע און איז געוואָרן אויס מענטש. אַ חיה, אַ ווילדע. יע, אַ בלוטדורשטיקע חיה איז ער געוואָרן. און אַז צוקר־מענדיק מיט דעם טאַבון*) אָקסן אַהער, איז באַ אים שוין געבליבן צו נעמען נקמה. כאָטש פון איינעם נעמען נקמה, פאַר אַלע זיינע צרות און יסורים און פאַר די אומגערעכטיקייטן, וואָס זיינען אים געשען. אָבער — דעם הער קאַצענעלענסאָן'ס איינפאַכקייט, זיין אָפנהאַרצי־קייט, זיין אמת־מענטשלאַכע און פריינטלאַכע אויפנאַמע, האָבן

---

*) אַ גאַנצע פּאַרטיי, אַ צאָל פי.

איבערגעדרייט באַ אים די גאַנצע אינגעווייד און דאָס פאַרטרונקענע מענטשלאכע אין אים האָט זיך אויפגעכאַפּט און גענומען די אויבער האַנט איבער דער חיה.

— יע, הויך געשעצטער און פיל געאַכטעטער ליבער הער קאַצענעלענסאָן איר האָט געראַטעוועט זיך, אייער שיינע, בכבוד'יקע עלטער. איר האָט מיך געראַטעוועט און פאַרהיט פון אומזיסטן בלוט פאַרגיסן. איר האָט מיר אומגעקערט ניט נאָר עטלאכע טויזנט רובל, נאָר איר האָט מיר צוריקגעגעבן מיין מענטשלאַכקייט. איר האָט מיך פון דאָס ניי באַשאַפן. יע, מיינע אייגענע האָבן מיך פאַרשטויסן, געמאַכט אַ תל פון מיר, און איר — אידן, די פאַרשפּיגענע, באַרעדטע, אויף וועמען איך האָב זיך אַזויפיל מיאוס'קייטן אָנגעהערט, איר, איר. וואָס פאַר אַ איראָניע דאָס איז? איר, האָט מיך מקרב געווען, אויפגענומען ווי אַ גאַסט, ווי אַ פריינט, איר האָט מיך אויפגעלעבט און צוריק געמאַכט פאַר אַ מענטש. דער גרויסער, גוטער גאָט זאָל אייך באַצאָלן. איך גיי, איך גיי איצטער אַוועק פון אייך, אָבער אויף אַ נייעם וועג און אייביק וועט אין מיין האַרצן זיין פאַר'חתמ'ט דער הייליקער נאָמער פון אָט דעם מלאך, הער קאַצענעלענסאָן. און דער נאָמען „איד" וועט באַ מיר זיין טייער און הייליק.

אַלע האָבן אים געדריקט די האַנט. מיט וועלטשיק'ן האָט ער זיך צעקושט און מיט אַ הורא פאַר פּאָלקאָווניק איוואַן פּעטראָוויטש האָבן זיך די אידן פון דעם גוי צעשיידט — דער רב און די איבעריקע האָבן וועלטשיק'ן זייער געלויבט, פאַר מקדש השם זיין, געזאָגט, אַז ער איז אַ כבוד פאַר דעם כלל ישראל, וואָס ניט אַלע קענען דאָס באַווייזן.

איך האָב וועלטשיק'ן שפּעטער נאָכמאָל געזען אין דינאַבורג. ער איז געקומען צו אַ חתונה. איך בין געווען שוין דאַן אַ יונגער מאַן פון אַ יאָר צוואַנציק. זיין איידים, אַ גביר, האָט אים געשענקט אַ קעסטל ציגאַרן, וואָס האָט געקאָסט אַ רובל אַ שטיק.

האַלטנדיק אַ ציגאַר, האָט ער געזאָגט:

— ניין, אַזעלכע ציגאַרן איז אַ זינד צו רויכערן. מען לאָזט אַוועק

וועלטשיק יחיאל׳ם

מיט רויך דעם ווערט פֿון אַ פּוד מעל, מיט וואָס אַ פֿאַמיליע קען אַ וואָך לעבן.

אוּן ער האָט אַוועקגעוואָרפֿן דעם ציגאַר.
וועלטשיק האָט געלעבט ביז הונדערט און זעקס יאָר.

מיינע איבערלעבונגען אין די חדר־יאָרן

פינף יאָר בין איך אַלט געווען, ווען מען האָט מיך אָפּ־געגעבן אין חדר.

געררופן האָט די מאַמע מיך ניט אַנדערש, ווי „תנא׳־לע מיינער“, „חכם־עתיק“ און „מופלג“. נאָך איידער איך האָב געוואוסט דעם באַטייט פון די ווערטער. דער טאַטע פלעגט, גלעטנדיק מיך איבער׳ן קאָפּ, צוגעבן:

— ער וועט אם־ירצה־השם קענען גוט לערנען. ער האָט אַ גוט קעפּעלע.

וועגן תורה, לומדות און תלמידי חכמים האָט מען שטענדיק גערעדט אין שטוב מיט גרויס התפּעלות. אַ קרוב אונדזערער האָט חתונה געמאַכט אַ טאָכטער, האָט מען כסדר זיך גע׳חידוש׳ט, געשמוצערט מיט די ליפּן: „אַי, אַי, וואָס פאַר אַ וואוילער חתן, אַן עלוי, גאָר אַ צאַצקע, אַן אַנטיק!“ און די מאַמע האָט מיט אַ ביסל קנאה אויסגעלאָזן:

— אַז גאָט וויל דאַרף מען דען חכמות? באַשערט אַ גליק.

מיין באָבע פלעגט טענה׳ן צו מיר:

— דו ווייסט, זונעלע, אַז דו וועסט קענען לערנען, וועט מען דיר געבן גאָר אַ פיינע כלה, מיט קעסט, מיט נדן; און טאַטע־מאַמע וועט מען אָפּגילטן.

גערעדט האָט זי דאָס צו מיר, נאָך איידער מען האָט מיך אין חדר אָפּגעגעבן. און איך האָב קיין ברעקל באַגריף ניט געהאַט, וואָס עס באַטייטן אירע רייד.

דער טאָג, ווען מען האָט אָפּגעגעבן אַ קינד אין חדר, איז געווען אַ יום טוב. דעם אינגעלע האָט מען איינגעוויקלט אין אַ טלית און אויף די הענט געטראָגן אין חדר. מען האָט אים געוויזן דעם אלף־בית

— אין גרויסע אותיות אָנגעקלעפּט אויף אַ ברעטל — און בעת ער האָט זיך איינגעקוקט, איז געפאַלן פון אויבן געלט, צוקערקעס און אַנדערע גוטע זאַכן.

צו אונדז זיינען אויף מיין חדר־מאַלצייט געקומען אַ סך שיינע מענטשן, און מיין מאַמע האָט אָנגעקוואָלן פון נחת. עס זיינען געווען אויך עטלאַכע גרויסע חסידים מיין טאַטנס נאָנטע חברים. מען האָט געטרונקען שנאַפּס, געזונגען חסידישע נגונים און מען איז געזעסן לאַנג, לאַנג — ביז שפּעט אין דער נאַכט — און געפירט טיפע שמועסן.

דעם מיין פון די רייד האָב איך, פאַרשטייט זיך, ניט פאַרשטאַנען. און זיי זיינען מיך גאָרניט אָנגעגאַנגען. אָבער שפּעטער מיט אַ יאָר זיבן, ווען מען האָט מיין ברודער אָפּגעגעבן אין חדר און די זעלביקע אידן זיינען ווידער אַמאָל געווען בײַ אונדז צו דער סעודה, האָב איך זיך שוין גוט צוגעהערט צום שמועס.

זיי האָבן אַלע מסכים געווען, אַז אַזוי וואויל און גוט איז צו דעם, וואָס קען און וויל, און זיצט און לערנט; און אַז געבענטשט זאָל זיין די מאַמע, וואָס האָט אַזאַ קינד אויף דער וועלט געבראַכט.

מיין ערשטער דרדקי מלמד איז געווען שלמה׳קע ניוזשעווער. דער חדר איז געווען אין איטעלעס שול.

שלמה׳קע איז געווען אַ הויכער איד מיט אַ ברייטן, גוטן, נאַרע־שעוואַטן פּנים. ער האָט געטראָגן אַ שפּיציקע יאַרמולקע אויף דער פּאַטילניצע. די יאַרמולקע האָט צוגעדעקט אַ גרויסן קאָלטון. אין חדר איז שלמה׳קע געזעסן שטענדיק אָן אַ זשופּעצע. דער וואָלענער, ברייטער אַרבע־כנפות האָט צוגעדעקט זיין אָפענעם בוזים. די ציצית האָבן דערגרייכט כמעט ביז צו דער ערד. ער פלעגט גאַנץ אָפט אויף זיי אַרויפטרעטן און כאַפּן זיי אַלע ווײלע קושן. ער איז געווען אַ מזג טוב, אַ מענטש אָן אַ גאַל; קיינמאָל ניט בייז געווען, ניט געשריען. ער איז געווען מער אַ חבר צו די קינדער איידער אַ רבי. ער האָט זיך געשפּילט מיט די קינדער; זיי האָבן געהאַלטן זיך פאַרוויז אָן זיינע ציצית און געשפּילט מיט אים אין פערדלאַך לויפנדיק אַרום דער בימה אין שול.

אויף דעם אלף-בית האָט ער געטייטלט מיט אַ גרויסן ביינערנעם טייטל, מיט וועלכן מען העלפט-צו אין דער ספר תורה דעם בעל-קריאה. ער האָט שטענדיק געשמייכלט און איטלאַכן אינגעלע גערופן: זונעניו.

— זעסט, זונעניו, דעם קאַראַמיסל, ווי באַ אַ וואַסער-טרעגער? דאָס איז אַן אלף. זאָג-זשע, זונעניו: אלף, אלף.

דער „ב" איז געווען אַ קליטעלע מיט אַן אָפענעם טירעלע; דער „ג" — מיט אַ ביטעלע אונטן; דער „ד" — אַ העקעלע; דער „ה" איז „דאָס, וואָס פערד עסן"; „ו" איז אַ שטעקעלע מיט אַ סוק אויבן; „ז" — אַ שטעקעלע מיט אַ קעפּעלע; „ח" — אַן אושאַק אויף דער טיר; „ט" איז — טראַ-לאַ-לאַ, טראַ-לאַ-לאַ, ווי מען זינגט, און „י" איז אַ יוד... אַ איד, אָט ווי איך, ווי דו; אַ וואויל אות, אַ קליינס, אָבער זייער אַ וואוילס.

ער האָט געהאַט אויך נעמען פאַר די איבעריקע אותיות, — טשי-קאַווע נעמען ווי אַ „לאַנגער האַלדז", אַ „קרומער רוקן". מיר האָבן געלאַכט, אָבער די אותיות גוט געדענקט.

תלמידים זיינען געווען באַ אַ צוואַנציק, און דער רבי האָט פּשוט קיין צייט ניט געהאַט צו פאַרמוטשען אַ אינגל מיט צופיל לערנען. דורך דעם ערשטן זמן האָט ער אויסגעלערנט די אינגלאַך דעם אלף-בית; אַ געראָטענערן — שעפּטשען אין סדור, און גאָר אַ וואויל אינגל — דאַוונען. ער פלעגט זיך ניט קוואַפּען צו האַלטן דעם תלמיד באַ זיך לענגער, איידער אַ זמן, העכסטנס, צוויי.

ער האָט געהאַט אַ באַהעלפער, וועלכער האָט געדאַרפט אַכטונג געבן אויף די קינדער און פירן זיי אין און פון חדר. זומער האָט ער אונדז געטראָגן, ווי אַ באַראַן, אויף די פּלייצעס; ווינטער געפירט אונדז אויף אַ שליטעלע. אָך, ווי געשליטלט זיך.

דער באַהעלפער האָט אויך געדאַרפט ברענגען די וואַרעמסן פון דער היים. און דאָ פלעגט ער זיך פאַרפּלאָנטערן און אָנטאָן צרות. קודם פלעגט ער פאַרביטן — ניט געדענקען אַקוראַט, וואָסער טעפּעלע געהערט דעם און וואָסער — יענעם; פלעגט אָפּגעבן אַ רייכנ'ס וואַ-רעמס אַן אָרימען אינגל, און פאַרקערט. דער רייכער אינגל פלעגט זיך

בריקען, בײַזערן: ניט געוואוינט געווען, הפנים, צו אַן אָרימען מאָל־צײַט. אַן אַנדערש מאָל פלעגט דער באַהעלפער גאָר פאַרגעסן אַן אַ אינגל און אים זײַן וואַרעמס גאָר ניט ברענגען. די גרעסטע צרה אָבער איז געווען וואָס ער פלעגט אַנמאַכן שאלות — פלעגט אַרויפשטעלן אַ הייסן מילכיקן קרופּניק אין אַ לײמענעם טעפּעלע אויף אַ הייסן געבראָטנס אין אַ פאַרצעלײענער שיסעלע — און דער דין האָט כמעט שטענדיק גע'פסק'נט טריף. „בײדע טריף״, פלעגט ער זאָגן. די אינגלאַך פלעגן זײַן הונגעריק, װײנען, שרײַען. אַמאָל פלעגט דער באַהעלפער אַוועקלויפן און קויפן אַ פּאָר אײער־בײגל פאַר זײַן אײגן געלט און צעטײלן די הונגעריקע אינגלאַך. דער רבי פלעגט זאָגן:

— חמור, פערדישע קאָפּ, בהמה דו אײנער. פון די פּאָר גילדן אַ זמן, וואָס דו קריגסט בײַ אַ אינגל, וועט דאָך דיר דער קאָפּ ניט סטײען. דו וועסט דאָך אַפילו אויף אַ פּאָר שטיוול צום ווינטער־צו ניט אָפּשפּאָרן.

יענער פלעגט זיך אָפּזיפצן, אַרײַנרוקן בײדע הענט אין די געדיכטע שוואַרצע האָר פון קאָפּ און נעמען קראַצן גיך, גיך און מיט גרויס חשק פלעגט זיך מיט דער פאַלע אָפּווישן דעם פאַרשוויצטן פנים — און דערבײַ איז דאָס געבליבן.

מיר פלעגן לאַכן פון דעם באַהעלפער'ס מאָדנע האַוואַיעס, וואָס ער פלעגט מאַכן. ער האָט געקאָנט קונציק פײַפן און נאָכמאַכן פײגעלאַך. מיר פלעגן אויף אים רחמנות האָבן, ווען ער פלעגט זיך צעוויינען. סײַ דער רבי, סײַ דער באַהעלפער זײַנען געווען גוטע, און איך האָב קײן שווערן עול פון חדר ניט געוואוסט.

בײַ שלמה'קען האָב איך אָפּגעלערנט נאָר אײן זמן — ער האָט אַלײן געזאָגט דעם טאַטן, אַז מען מעג מיט מיר אָנהויבן לערנען חומש און אַז ער קען דאָס ניט.

נייע מלמדים

וווען איך בין געוואָרן באַ אַכט-ניין יאָר אַלט האָט מען מיך אָפּגעגעבן צו זבולון דעם מלמד. באַ אים בין איך פאַרבליבן לערנען גאַנצע זיבן זמנים. זבולון האָט געשמ׳ט פאַר אַ גוטן מלמד. ער איז ניט געווען קיין גזלן, אָבער זייער שטרענג, און מיר האָבן פאַר זיין „דוך" געציטערט. ער איז געווען אַ גאַנץ קלוגער איד, געקענט גוט לערנען און איז געווען אַ מתנגד. ער האָט זיך געהאַלטן ריין און ציכטיק, קיינמאָל ניט געגאַנגען אָפּגעלאָזן, און ער האָט שטאַרק אַכטונג געגעבן אויך אויף אונדזער הילוך און אויפפירונג, אַז מיר זאָלן ניט זיין אָפּגעלאָזן. ער האָט אפילו די פאות אויף אַ העלפט אונטערגעגרייזלט, אויף וואָס אַנדערע באַלעבאַטים זיינע, — די חסידישע, — זיינען בייז געווען. „דער זבולון איז גאָר אַ היינטיקער", האָבן זיי אונטערגעבורטשעט.

תלמידים באַ אים זיינען געווען זעקס. דער שכר לימוד איז געווען אַרום צען-צוועלף קאַרבן אַ זמן. נאָר וואָס לענגער מען איז פאַרבליבן באַ אים, האָט מען באַדאַרפט מער צאָלן. אַרום און אַרום אָבער האָט ער פון זיין קנעלונג ניט געהאַט גענוג אויף חיונה. זיין ווייב פלעגט אָפט קומען אין חדר בעטן געלט באַ אים און שרייען אַז די קינדער גייען אוים פאַר הונגער. אויף וואָס ער פלעגט כמעט שטענדיק האָבן איין ענטפער: „נו, שנייד פון מיר אָפּ אַ פּוס, אַ האַנט."

ער האָט געהאַט זעקס קינדערלאך און געווען איינגעטונקט אין חובות.

אים איז געווען ניט גוט, און אונדז נאָך ערגער.

דער חדר איז געווען באַ מיין חבר יודעלען. זיין טאַטע איז געווען

אברהם דער רימען-קרעמער, אַ איד, וואָס האָט אין די יונגע יאָרן גע־קענט גוט לערנען. האָט אָבער שפּעטער קיין מאָל קיין ספר אין האַנט ניט גענומען. ער איז ניט געווען קיין אָרימאַן, אָבער זייענדיק אַ סלוצקער, איז ער געווען קאַרג, און האָט געוואוינט מיט זיין ווייב און צוויי קינדער אין איין-איינציקן, ניט קיין גרויסן און ניט קיין הויכן חדר, וואָס איז געווען צוגעבויט, ווי א סוכה, צום הויף-צו, צו אַ הויף וואָס האָט גע׳שמ׳ט מיט טיפע קויט און בלאָטעס ביז׳ן האַלדז.

אונדזער חדר האָט אברהם אריינגעלאָזן צו זיך, כדי פאַרגרינגערן זיך דעם שכר למוד און כדי זיין יודל זאָל ניט דאַרפן לויפן אין חדר הין און צוריק און רייסן די שטיוועלאַך.

די איינריכטונג פון חדר, אין וועלכן איך האָב פאַרבראַכט דריי און אַ האַלב קיילאַכדיקע יאָר, איז געווען ניט גאָר פון די געהויבענע. די צוויי הילצערנע בעטן, וואָס זיינען געשטאַנען ווי אַ „ד" אין יידע ווינקעלאַך לעבן אויוון, זיינען געווען אביסל אָפּגעפּאַרבט רויטלאַך. אויף דעם ווייבערשן בעט איז געווען אָנגעוואָרפן בעט-געוואַנט ביז דער סטעליע. דאָס איז געווען דער באַלעבאָסטעס זאַכן פון איר חתונה נאָך. זי האָט זיך מיט דעם שטאַרק איבערגענומען און זיך גרויס געהאַלטן. אַ קאַסטן מיט אַ פליכעוואַטן צודעק, אַ האַלבע דעק אָפּגעשיילט, איז אַ העלפט געשטאַנען אַרויסגערוקט פון אונטער׳ן בעט און האָט גע־דינט פאַר אַ לייטער אַרויפצוקריכן אויף דעם בעט. אַן אלטער קאָמאָד, מיט שטענדיק אָפענע שופלאָדן איז געשטאַנען רעכטס. לעבן די פענצטער — איינע אין מזרח-וואַנט, די אַנדערע אין דרום — זיינען געשטאַנען צוויי קאַנאַפּעס וואָס אַמאָל זיינען זיי געווען ווייסע, היל־צערנע, אָבער איצט האָבן זיי אויסגעקוקט ווי בלייענע, מיט אַ טונקל־בלויען קאָליר. לעבן קאַנאַפּע, אין מיטן שטוב, איז געשטאַנען דער טיש, וואָס זיינע פיסלאַך זיינען געווען צונויפגעבונדן מיט שטריקלאַך און וואָס פלעגט באַ איטלאַכן ריר שאָקלען זיך, קרעכצן און זינגען מיט אַ מאָדנעם ניגון. לעבן טיש, צו דער אַנדער זייט, איז געשטאַנען דאָס בענקל. ניט אַזוי אויף צו זיצן האָט מען עס גענדאַרפט, ווי צוליב דעם ליגן — אַ זייער נויטיקע זאַך אין חדר... די בריק, וואו דאָס בענקל

איז געשטאַנען, איז געווען אויסגעקרימט און די פיסלאַך פון בענקל צעדרייטע; האָט זיך דאָס בענקל שטענדיק געוויגט און געהושקעט, און מיר האָבן עס גערופן „די הושקע".

— אַי, וועט דיך דער רבי הושקען... וואַרט וואַרט, דו וועסט שוין קריגן אַ גוטן חלק אויף דער „הושקע"! — פלעגן מיר רייצן זיך איינער מיט דעם אַנדערן.

אַ זייגער, פון מלך סאָבעצקי'ס צייטן, מיט צוויי שווערע וואָגן, געצויגן אויף שטריקלאַך, איז געהאַנגען אויבן־אָן, אויף דער מזרח־וואַנט. דערביי איז געהאַנגען אַ פּאָרטרעט, וואו דאָס פּנים איז ניט געווען קענטיק, דערין זיינען די פליגן שולדיק געווען. אויף דעם דאָזיקן פּאָרטרעט האָט מען געזאָגט, אַז דאָס איז געווען משה מאָנטע־פיאָרע. לעבן אויוון אין ווינקל איז געשטאַנען: אַ פּאָמעלע, אַ קאָטשע־רע, אַ לאָפּעטע און אַ בעזים. אונטער'ן אויוון — אַ זאַשלינקע, אַ מולטער א פּאָר קאטשעלקעס און די דייזשע, — אַלץ מכשירים אַזעלכע, אָן וועלכע קיין איין אידיש הויז קען זיך ניט באַגיין. אויף דער פּאָליצע לעבן אויוון זיינען צו איין זייט געשטאַנען די מילכיקע, צו דער אַנדער זייט — די פליישיקע טעפּלאַך. אויף אַ פּאָליצע נידעריקער איז גע־שטאַנען די מילכיקע און פליישיקע געפעס, אָפּגעטיילט מיט אַ מחיצה פון דער גראַפין, אויף צו האַלטן ווין אויף קידוש.

אַ פּאָר לייכטער מעשענע, אַ חנוכה־לאָמפּ אַ בלעכענער, אַ האַק און אַ האַמער האָבן זיך אַרויסגעזען פון צווישן די אַלטע „סקרופּיאַ־קעס" פון אונטער'ן בעט. האַרט באַ דער טיר איז פון איין זייט גע־שטאַנען די פּאָמוניצע — אַ ברייטער צעבער, אָבער אַ נידעריקער, פאַר אומריינע וואַסער... און פון דער אַנדער זייט איז אויף אַ טאַבו־רעטקע געשטאַנען אַן עמער מיט וואַסער, צו וועלכן עס איז געווען צוגעבונדן, אויף אַ שטריק, אַ בלעכענע קווערטל, פול מיט געלע פאַרזשאַווערטע פינטלאַך, אויף צו טרינקען. די גרויסע דייזשקע וואַסער, וועלכע דער וואַסער־טרעגער פלעגט אָנפילן אַלע פרייטיק, איז געשטאַנען אין פיר־הויז. אָבער פאַר אונדז, קינדער, איז זי געווען צו הויך צו דערלאַנגען.

אין איין פענצטער זיינען אַ פּאָר שויבן געווען אויף שטענדיק פאַרשלאָגן מיט ברעטלאַך, און אין דער אַנדערער — זיינען זיי געווען פאַרשטעקט מיט שמאַטעס. די שמאַטעס זיינען געווען צעפּוילט פון דער פייכטקייט און פלעגן דורכלאָזן ווינטער די קעלט. דערפון פלעגן מיר זיך אָפט פאַרקילן.

די באַלעבאָסטע אונדזערע איז געווען אַ פרוי, וואָס האָט מער צייט פאַרבראַכט אין קראָם איידער אין שטוב, און האָט דעם חדר, אין וועלכן מיר האָבן פאַרבראַכט צוועלף שעה אין מעת לעת, אויסגעקערט נאָר אַלע ערב שבת. דעם רבי'ן פלעגט גאַנץ אָפט אויסקומען אָפּווישן דעם טיש פון דעם פאַרגאָסענעם קרופּניק פון דער נעכטיקער וועטשערע, אָדער אָפּרייניקן דאָס, וואָס דער חוצפה'דיקער האָן האָט אָפּגעטאָן. דעם רבי'ן איז דאָס ניט געווען גאָר צום האַרצן און דאָס פלעגט אים אַריינברענגען אין כעס, וואָס סוף כל סוף האָט זיך דאָס אויסגעלאָזן צו אונדזערע קעפּ, און אַמאָל נאָך מער ווי צו די קעפּ.

קומען אין חדר האָט מען באַ זבולונ'ען געמוזט ניט שפּעטער ווי האַלב נאָך אַכט אין דער פרי און אַהיים איז מען געגאַנגען נאָך ניין באַנאַכט. אַ חוץ אַן איבעררייס פון אַן ערך אַ שעה אויף וואַרעמס, אַרום האַלב נאָך צוויי באַטאָג, האָט מען דעם גאַנצן טאָג און אַ שטיק נאַכט פאַרבראַכט אין חדר.

וואַרעמס-צייט פלעגן מיר, ווי אָפּגעריסן זיך פון אַ קייט אַרומלויפן. וואָס מיר וואַרעמס? ווען מיר עסן? — מיר פלעגן לויפן, שטיפן, שפּילן; „קערן אַ וועלט", ווי דער רבי פלעגט זאָגן.

איך און יודל זיינען שטענדיק געווען די ערשטע צו פאַרפירן עפּעס „אַן אַקט, אַ מעשה", אָדער אָפּטאָן אַ שפּיצל, וואָס טריפה יונגען קענען. די איבעריקע חברים, האָבנדיק דרך-ארץ פאַר אונדז, פלעגן אונדז נאָכטאָן און נאָכמאַכן.

דאָס שטיפן פלעגט אונדז אַזוי פאַרשלינגען, מיר פלעגן זיך דערין אַזוי אַריינטאָן, אַז זעלטן ווען פלעגן מיר זיך דערמאָנען, אַז מען דאַרף עסן, אָדער אַ קוק טאָן אויפ'ן זייגער, ווי שפּעט עס איז. מיר פלעגן זיך כאַפּן אַ פּאָר מינוט פאַר דעם רבינ'ס צוריקקומען און קיין צייט

ניט געהאַט צו לויפן אַהיים. גאַנץ אָפט פלעגן מיר בלייבן הונגעריקע און ניט טאָרן נאָך אַ פּיפּס טאָן וועגן דעם: חלילה וחס דער רבי זאָל זיך ניט דערוויסן.



דער סדר הלימוד

דער סדר היום פון די לימודים איז פאַר וואָרמעס געווען אַלע מאָל גלייך. אָבער נאָך וואָרמעס איז שוין געווען אַ חילוק אין די לימודים פון זומער ביז ווינטער. תנ״ך האָט מען שטענדיק געמוזט לערנען ניט אַנדערש ווי פאַר־נאַכט. און אַזוי ווי ווינטער ווערט באַלד נאָך וואָרמעס פאַרנאַכט, פלעגט מען באַלד, קומענדיק פון וואָרמעס, נעמען זיך פאַר תנ״ך. תנ״ך לערנען האָבן מיר אַלע ליב געהאַט, מיר האָבן קיינמאָל ניט געגענעצט און קיינמאָל האָט „דער קאָפּ ניט וויי געטאָן״, ווי בײַ דער גמרא. דער רבי האָט ניט געדאַרפט אַלע ווײַלע שרייען: „חמור דו, לייג זיך אַריין!״ מיר האָבן געלערנט מיט חשק און הנאה געהאַט פון די שיינע מעשות. מיר האָבן אַנגעקוואָלן פון גאָט'ס נסים, באַוואונדערט די העלדישקייט פון גדעון, יפתח און אַנטציקט געווען פון דבורה'ס שירה.

אויף מיר האָט דער תנ״ך געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. די מעשות, די נסים, די נעמען פון די מלכים, האָבן זיך ווי איינגעקריצט אין מיין זכרון, און איך האָב תנ״ך געדענקט אַ סך לענגער איידער אַלע אַנדערע לימודים. דורכלויפנדיק נאָר אַ צוויי מאָל אַ קאַפּיטל תנ״ך האָב איך אים שוין געקענט אויף אויסווייניק.

מיין טאַטע, אַ איד אַ גרויסער למדן און אַ פאַרברענטער חסיד, האָט פון תנ״ך דוקא זייער אַ סך געהאַלטן. אפילו גאָר אין די שפּע־טערדיקע יאָרן, ווען איך בין שוין געווען אין אַמעריקע, פלעגט ער מיר שטענדיק אין זיינע בריוו דערמאָנען אויף דעם תנ״ך. ער האָט מיך געוואָרנט איך זאָל, חלילה, ניט פאַרלאָזן דעם הייליקן תנ״ך און ניט פאַרפעלן באַקאַנט מאַכן מיינע קינדער מיט דעם גרויסן אוצר.

וואָס ליגט באַהאַלטן אין דעם תנ"ך. „תנ"ך, — האָט ער געשריבן, — איז אַ גרויסע שמירה פאַר אידישקייט, אַ טייערע סגולה פאַר דער ריינקייט פון דער נשמה", און ער איז ז י כ ע ר, אַז „לערנענדיק תנ"ך קאָן מען שוין ניט און מען וועט ניט פאַרגעסן אָן גאָט!"

צי זיין השערה האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק אָדער ניין, איז אַן אַנדער זאַך, אָבער אין יענער צייט, אין מיינע חדר־יאָרן, האָט ער מיך זייער דערמוטיקט לערנען תנ"ך. ער האָט מיר געצאָלט צוויי קאָפּיקעס (אַ היפּשע מטבע צו יענער צייט) פאַר איטלאַכן קאַפּיטל תנ"ך, וואָס איך האָב אויסגעלערנט אויף אויסווייניק. איך האָב דאָס גערן געטאָן, געלערנט מיט חשק און געהאַט אַ הכנסה אַן אייגנס.

מיין מתנגד'ישער רבי האָט פון תנ"ך, פאַרקערט, אַ גאַנץ קליינעם וועזן געמאַכט. ער האָט געלערנט מיט אונז תנ"ך ווי אוים נויט, האָט קיינמאָל קיין ברעקל מוט אונדז ניט צוגעגעבן און קיין גוט וואָרט ניט געהאַט פאַר מיין גאַנצן פלייסן זיך, אפילו ניט דעמאָלט, ווען איך האָב געזאָגט אויף אויסווייניק, ווי אַ וואַסער, קאַפּיטל נאָך קאַפּיטל.

לויבן אַ אינגל אין די אויגן האָט מען בכלל ניט געטאָרט. ער קען נאָך קאַליע ווערן. אַז שוין גאָר גוט — האָבן מיר געדאַרפט אָנשטויסן זיך פון רבינ'ס אַ קוק, פון זיינער אַ מינע; פון זיין פּנים האָבן מיר געדאַרפט אַרויסלייענען און דערקענען, אויב מיר האָבן גוט גע'דרשנ'ט. אָבער באַם תנ"ך לערנען האָבן מיר אַזעלכע גוטע סימנים אויף אים קיינמאָל ניט באַמערקט. דער חדר איז אין די יאָרן געוואָרן אַ שווערע, זייער אַ שווערע לאַסט אויף אונדזערע יונגע פּלייצעס; אַ מורא'דיקער יאָך, פון וועלכן מיר האָבן מיט אַלע מיטלען געזוכט פּטור ווערן אָבער אומזיסט. דער חדר האָט אונדז געשטיקט און געדריקט אָן רחמנות. קיין לאַך, קיין פרייע מינע האָט מען ניט געטאָרט באַווייזן. שטרענג, אָנגעצויגן, שטענדיק אין איין מורא און פּחד האָט מען אונדז געהאַלטן: דאָרטן — ניט שטיי, אַהין — ניט גיי, אָט אַזוי דאַרף מען זיצן, אָט אַזוי די הענט האַלטן, מען טאָר דעם קאָפּ גיט אויפהויבן! ווי פאַר־ברעכער, ווי עפּעס פאַרזינדיקטע און פאַרשאַלטענע האָט מען אונדז געהאַלטן. באַלעבאַטים איבער אונדז האָבן מיר געהאַט איבער גענוג:

אַ חוץ דעם רבי'ן, איז דאָך נאָך געווען אין דער היים אַ טאַטע־מאַמע, זאָלן געזונט זיין, אַן עלטערער ברודער, אַ שוועסטער — אַלעמען פּאַלג און פּאַר אַלעמען האָב מורא. ווארים אויב ניט, איז אַ חוץ וואָס זיי האָבן אַליין גאַנץ גוט געקענט זיך אַן עצה געבן מיט אַ קליינעם אינגל, האָט מען כסדר געסטראַשעט מיט דערציילן דעם רבי'ן. דער „אויס־מסר'ן דעם רבי'ן" איז ממש ווי אַ חלף געלעגן איבער אונדזערע העלדזער. גאָר ווילד פרעמדע אַן עלטערער איד עפּעס, אָדער אַ אידע־נע, האָבן זיך געשאָפן מיט אונדז, געקאָמאַנדעוועט, געהייסן און פאַר־באָטן, און — אַלעמען פּאָלג! אַז ניט, פלעגן זיי באַלד צולייגן דעם פינגער צום נאָז און סטראַשען: וואַרט, וואַרט, דו וועסט שוין קריגן אַ גוטן חלק. איך וועל אָקאָרשט אויס'מסר'ן דעם רבי'ן — פון וואָס אונדז פלעגט דאָס האַרץ איינפאַלן!

איך געדענק, איינמאָל איז געקומען אין חדר אַ דיקע אידענע און אויסגע'מסר'ט דעם רבי'ן אויף יוסף מאַשע פאַלטעס, אַז קויפנדיק באַ איר אַן עפּל, האָט ער זי באַליידיקט. נו, נו, יוספ'ס פולער פּנים איז געוואָרן ווי אַן אָפּגעקאָלכטער; ער האָט גע'טענה'ט, אַז ניט אַזוי איז עס געווען, ניט דאָס האָט ער געזאָגט. דער מגושמ'דיקער עדות, די מאַרק־אידענע, אָבער האָט זיך ניט געלאָזן פאַרדרייען דעם קאָפּ און איז באַשטאַנען אויף איר'ס. מיט איר באַזונדער מענה לשון האָט זי נאָך צוגעגאָסן אייל אויפ'ן פייער, אַז זי איז אַן אלמנה, דאַרף פאַרזאָרגן קינדער, פאַר אינגלאַך שכר־למוד צאָלן, און וואו איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַזאַ פּיזשיק זאָל אַן עלטערן מענטשן אַזוי פאַרשעמען פאַר לייטן אין די אויגן?

דער רבי האָט געהייסן יוספ'ן גיין לייגן זיך, אָבער ניט אויף דעם געוויינלאַכן בענקל, נאָר אויפ'ן טיש גאָר. דאָס איז געווען אַ נייע שטראָף, גאָר אַ באַזונדערע, כדי אַפּנים די דיקע אידענע זאָל אַוועקגיין אינגאַנצן צופרידן.

יוסף האָט זיך געבעטן רחמים, געשוואָרן, אַז ער וועט שוין גוט און פרום זיין, ער האָט געקושט די הענט באַ דעם רבי'ן, באַ דער אידענע, האָט געבעטן, אַז דעם מאָל, נאָר דעם איינציקן מאָל, זאָל דער

רבי אים מוחל זיין, אָבער די גזלנ׳ישע הערצער, סיי דעם רבינ׳ס און סיי דער פּאַסקודנער אידענעס, האָבן פון קיין רחמנות ניט געוואָלט וויסן, און יוסף האָט געמוזט אַליין אָפּשפּילן זיך די פּליודערלאַך, קריכן אויפ׳ן טיש, אליין לייגן זיך און אַליין אויפהויבן דאָס העמדל... דער רבי האָט אים געשמיסן שטאַרק און לאַנג, און וואָס שטאַרקער דער בחור׳ל האָט געשריען, געדריגעט מיט די פיס און פאַרשטעלט מיט די הענט דעם אָרט פון די שמיץ, אַלץ שטאַרקער, מיט מער כעס און רציחה האָט דער רבי געשמיסן... מיר אַלע איבעריקע זיינען געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, בלייכע און דערשלאָגענע. יוספּ׳ס בזיונות און ווייטיק האָבן מיר אויך געפילט. דעם רבי׳ן האָבן מיר דעמאָלט פיינט געהאַט פון טיפן האַרצן, אָבער נאָך מער — די אידענע! מיר האָבן דערנאָך, שוין שפּעטער, אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז קיינער פון אונדז זאָל בײַ דער אידענע קיינמאָל גאָרניט קויפן. און זי האָט דאָס טאַקע דערפילט. איז איז געקומען אין חדר בעטן, מען זאָל איר מוחל זיין. דער רבי האָט אונדז אויך געבעטן, געפּראַוועט אונדז איינשמועסן, אָבער מיר האָבן פון דער אידענע׳ס טישל געוויכט אַליין און געבעטן אויך אַנדערע אינגלאַך, חברים פון די נאָענטע חדרים, אַז זיי זאָלן מיט דער אידענע ניט האַנדלען.

זומערדיקע יום־טובים

זומער איז די לערנען־צייט געווען לענגער איידער ווינטער. אונדזער רבי זבולון האָט ניט זייער שטאַרק געקוקט אויף דער צייט. אַבי עס איז געווען ליכטיק און קויפן ליכט האָט מען ניט געדאַרפט, האָט ער אונדז צוגעגעבן נאָך אַ האַלבע שעה, אָדער אַ גאַנצע שעה אפילו. אויפ'ן פראָסט זיצט מען ניט, פלעגט ער זאָגן, און קיין „שטונדן" גיט ער אויך ניט: איז וואָס מען כאַפּט אַריין, איז ווי געפינען. דעם פאַרנאַכט, וואָס מיר פלעגן ווינטער אַזוי גוט פאַרברענגען, ווען דער רבי פלעגט גיין אין שול צו מנחה און מעריב, האָבן מיר זומער, ווען עס פלעגט ווערן פינצטער ערשט אַרום ניין דעם זייגער, אויך פאַרלוירן... אָבער ניט קוקנדיק אויף דעם אַלעם, איז זומער דער חדר געווען אַ סך גרינגער. טיר און פענצטער זיינען געווען אָפן, עס איז געווען פריש, לופטיק, ליכטיק און וואַרים—אַ מחיה!

דער דרויסן האָט געגלאַנצט און געפינקלט, געוואונקען און געצויגן פון שטוב ווי אַ מאַגנעט, און מיר זיינען טאַקע געלאָפן אין דרויסן, מיט פאַרשידענע אויסריידן. דער רבי פלעגט זיך אפילו בייזערן, טענה'ן, פאַרוואָס דאַרף ער ניט לויפן אַזוי אָפט? — אַ חכם אַ איד! אָבער, אַזוי ווי באַווייזן אַז אונדזער אַרויסלויפן איז ניט נויטיק, האָט ער דאָך ניט געקענט, האָבן מיר זיך געטאָן אונדזערס און געלאָפן. און דוקא פאַר־ווייז. מיר פלעגן זיך נאָכיאָגן נאָך אַ פליג, אַ זשוקל כאַפּן, הרג'ענען אַ שפין און רחמנות האָבן אויף אַ גאָט'ס בהמה'לע, וועלכע האָט געטראָגן וואַסער און געהאָלפן לעשן דעם בית־המקדש. מיר האָבן געשטיפט, געלאַכט און אָנגעקוואָלן גאָר אָן אַ פאַרוואָס, גלאַט הנאה געהאַט פון גאָט'ס וועלט.

זומער איז דער רבי אַליין אויך געווען אַ סך אַ בעסערער; ער איז געווען מערסטנס גוט אויפגעלייגט און ניט פאַרזויערט בייז. אין זייער הייסע טעג פלעגן מיר גיין זיך באָדן — אמת, אפילו מיט׳ן רבי׳ן, אָבער פאַרט געגאַנגען; געפליוסקעט זיך אין וואַסער, געשפּרונגען אויף איין פוס און געלאַכט. אײלן זיך, פאַרשטייט זיך, האָבן מיר זיך ניט געאײלט, ניט אפילו אויפ׳ן וועג אַהין און צוריק אוודאי ניט. ווי־ניט־ווי האָבן מיר צעריבן אַ וועלכע שעה אָדער מער, און דאָס איז גע־ווען אַ גרויס געווינס. דורך דעם זומער האָבן מיר גאָר אויפגעלעבט. מיר דאַכט, אַז אויסגעוואַקסן זיינען מיר נאָר אין זומער!

היינט טאַקע די זומערדיקע יום־טובים׳לאך! זיי זיינען געווען גאָר אַנדערע, האָבן געהאַט גאָר אַן אַנדער טעם און אַן אַנדער חן!

אָט איז ל״ג בעומר — אַך, אַ סעודה געפּראַוועט אויפן פרייען פעלד, פאַר אַ טישטוך איז געווען דאָס גרינע גראָז, און — לויף, פלי, כאַפּ שוואַלבן וויפיל דיין האַרץ גלוסט!

דעם אמת זאָגנדיק איז ממש כאַפּן, האָבן מיר זיי קיינמאָל ניט געכאַפּט; אפילו ווען משה׳קע פסח־אייזיק׳ס האָט אַ פאַרסאָפּעטער, אַ פאַרשוויצטער געשריען און גערופן אונדז און געשוואָרן שטיין און ביין, אַז ער האָט אַן אמתע שוואַלב דאָ אונטערן היטל, וועלכער ער האָט געהאַלטן מיט ביידע הענט פעסט צוגעקוועטשט צום גראָז. אפילו דעמאָלט, ווען מיר האָבן געוואָרפן גורל, ווער עס זאָל זיין דער גליקלאַכער און דער ערשטער אונטעררוקן פאַמעלאַכקע די האַנט אונ־טער׳ן היטל און אַרויסנעמען זי, און מיר אַלע האָבן מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס און צעפלאַמטע פּנים׳ער אומגעדולדיק געשטאַנען אין אַ רעדל און געוואַרט און געהאַפּט, אַז איטלאַכער פון אונדז וועט זי אַ טאַפּ טאָן, אַ גלעט טאָן, אָדער אפשר טאַקע האַלטן אין די אייגענע הענט — אפילו דעמאָלט איז אויך קיין פייגעלע דאָרטן ניט געווען. מיר זיי־נען געבליבן, ווי אָפּגעשמיסענע. מיר האָבן נאָר געקוקט איינער אויף דעם אַנדערן ווי נאַראָנים און אַ נעם געטאָן זיך צו משה׳קען. מיר האָבן אים געמאַכט לאַנגע נעזער, אָפּגעשפּאָט און אָפּגעלאַכט פון אים, געמאַכט פון אים אויסצודרייען, אָנגעטאָן אים צרות און צום סוף

ערשט געבענטשט אים מיט גרויס פּאַראַד מיט אַ נייעם נאָמען —
משה׳קע דאָס פייגעלע!

אָבער געיאָגט זיך נאָך די שוואַלבן, געלאָפן, געשריען און געוואָרפן די היטלען אויף זיי האָבן מיר גאָר אָן א שיר, און געהאַט גרויס נחת דערפון און משונה׳דיקע התפעלות.

היינט די ל״ג בעומר׳דיקע ביקסלאַך! עפּעס אַ קלייניקייט די ביקסלאַך! עס מאַכט ניט אויס, וואָס מיר האָבן אַלע מעסערס אין שטוב צעבראָכן, די פינגער צעשניטן, גענוג קניפּן און סטוקאַטשעס פון אַן עלטערן געקראָגן. עס איז דאָס אַלץ כדאי געווען. עפּעס אַ שפּאַס — האָבן אַ ביקסעלע אין די אייגענע הענט!

צווי קיילאַכדיקע וואָכן פאַר ל״ג בעומר און אפשר צווי דערנאָך האָבן מיר געהאַלטן אין איין טענה׳ן און ריידן, דערציילן איינע די אַנדערע פון די נסים, וואָס איז געשען מיט דעם מייסטערוועןן דעם ביקסל. ל״ג בעומר איז געווען אַ קוואַל פון שמחה פאַר אונדז אויף אַ גאַנץ לאַנגער צייט. ערשט שפּעטער, ווען מיר האָבן שוין געהאַלטן באַ שבועות, האָבן מיר פאַרגעסן דעם ל״ג בעומר.

דער ליבער שבועות איז געקומען, ווי עס קומט גאָר אומגע־ריכטערהייט אַ שטילער, טייערער גאַסט. אָן פּויק, אָן פּאַראַד, אָבער פריש און פריילאַך, ער לאַכט און זינגט און ברענגט אַ סך טייערע מתנות! עס איז אַזוי גוט אויפ׳ן האַרצן, אַז עס קנאַקט זיך אַליין, דאַכט זיך, מיט דער צונג, די ליפּן שמוצערן טשיקאַווע און עס פייפט זיך, כאָטש מ׳טאָר ניט פייפן.

יע, שבועות איז באַ אונדז קינדער געווען אַ מתנה פון זיין ליבן נאָמען. — אין רעכטן מיטן זמן כמעט אַ גאַנצע וואָך הוליען און פריי זיין! מיר האָבן פון טיפן האַרצן געדאַנקט און געלויבט דעם אויי־בערשטן, וואָס ער האָט אונדז געבענטשט מיט דער תורה, וואָס צוליב איר יום-טוב זיינען מיר פריי געוואָרן עטלאַכע טעג פון צו לערנען זי.

די טייערע שבועות׳דיקע מאכלים קאָן מען אויך ניט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. די זיסינקע קאַווע מיט די פרישינקע געשמאַקע פּוטער-קיכלאַך איז געווען אַ מאכל-מאכלים. ס׳איז צעגאַנגען אין מויל.

דער חסרון איז געווען נאר, וואס עס האט זיך צו־גיך אראפגעגליטשט; נאך גאר קיין צייט ניט געהאט גוט באסמאקעווען זיך און שוין קיין זכר ניטא... אבער די גוטע מאמינקע פארשטייט זיך אויף איר חכם און גיט נאך א שטיקל און נאך א שטיקל. „עס, זונעלע, עס, זאל דיר וואויל באקומען“, — לייגט זי נאך צו. די שוועסטער, וועלכע זיינען מיך מקנא, פארגינען ניט און מאנען בא דער מאמען אויך א גרעסערן חלק, באקומען א פייג אונטער דער נאז... „וואס גלייכט איר זיך צו אים? ער איז דאך עפעס א חדר־אינגל, וועט איבער הונדערט און צוואנציק יאר קדיש זאגן, וועט א גוטע שפארע*) זיין פאר דער מאמען, און פון אייך וואס, הא?“ און ווי זיי אויף צו להכעיס דער־לאנגט זי מיר א פרישינקע בלינצע, אנגעפאקט מיט קעז און דער זאפט לויפט מיר אזש איבער די ליפן. — יע, א טייערער יום־טוב אז געווען דער שבועות, טאקע גאר אן אנטיק!

אפילו שבעה עשר בתמוז און תשעה באב זיינען אויך געווען בא אונדז פארערכנט פאר גאנץ פיינע יום־טובים! מיר זיינען דאך פריי געווען פון חדר! ווער רעדט תשעה באב — אויף אים האבן מיר אונדזערע אויגן ארויסגעקוקט! נאך ערב תשעה באב האט מען שוין געדארפט אין וואלד לויפן בערעלאך קלייבן, און טאקע דווקא די גרויסע, די גוטע בערעלאך, און באנאכט, צו קינות זאגן, וואַרפן זיי גנבה׳שע אין אימעצענ׳ס האר. אך, וואס פאר א גדולה עס איז געווען, בעת א גרויסער בחור, וועלנדיק ארויסשלעפן א בערעלע, האט אים נאך מער פארפלאנטערט אין זיין קודלע און ארויסגעריסן מיט א גאנצער זשמע־ניע האר!

היינט דאס שווערדל־מאכן — דאס איז גארניט? מען האט גע־שניצט, אנגעמאכט א פולע הויז מיט סטרוזשקעס, געפארבט דאס שווערדל און פארשמירט די הענט, דעם פנים און דעם אנצוג, און צום סאמע סוף גענומט עס און צעברעכט זיך גאר!... מען האט געמוזט ווידער אמאל אנהויבן און ווידער שוויצן, ארבעטן און שוויצן! ניט

*) א שטיצע, אן אנשפארונג.

ווייניק פריילאך איז געווען אבער אויף מארגן, ווען מיר האבן א גאנצע כאליאסטרע אוועקגעלאזן זיך אויפ'ן פעלד — צום בית-עולם. מיר זיינען געשפרונגען איבער פארקאנעס, איבער די שמאלינקע קלאטקעס, און פארגאנגען זיך פון געלעכטער, ווען די ווייבער אין זייערע ווייסע זאקן פלעגן אראפפאלן פון קלאטקע טאקע גלייך אין די ליימיקע קויט און בלאטע... „אי, אינגעלע, העלף מיר ארויסקריכן“, — פלעגן זיי זיך בעטן בא אונדז און שוין ארויסשטעקן די האנט. אדער: „זע, זונעלע, מיין קינה איז אריינגעפאלן... אי, אן עבירה, ערשט נעכטן געקויפט“. פון אזעלכע זאכן פלעגן מיר הנאה האבן.

אויפ'ן בית-עולם האבן מיר זיך געשפילט אין באהעלטעניש צווישן די מצבות. מיר האבן געלייענט די איינגעקריצטע, באגילטע ווערטער אויף זיי און אמת הנאה געהאט פון דער גאנצער מעשה. דער חורבן בית-המקדש האט אונדז א ברעקל ניט געארט. עס איז געווען א שאד נאר, וואס ביידע בתי-מקדשים זיינען חרוב געווארן גראד אין איין טאג און בא אונדז צוגענומען נאך א יום-טוב'ל!

ארום שבת נחמו האט שוין אנגעהויבן שמעקן און בלאזן מיט סוף הזמן, מיט דעם לאנגן, זעקס-וואכעדיקן זאטן און פריילאכן סוף זמן!

ווי עפעס דורך א שפרונג האבן מיר, גארניט צונויפגערעדטערהייט, דערפילט דעם כח פון סוף זמן. מיר האבן געזען באשיינפערלאך, ווי דאס אייז ברעכט זיך, עס טייעט און צעגייט און לאזט אפ דעם רבינ'ס שטרענגקייט און די מורא און פחד פאר אים; עס פלאצן די שטייפע רייפן, וואס האבן אונדז געהאלטן ארומגענומען ארום און ארום און געשטיקט אונדז איבער פינף חדשים; דער רבי ווערט מילדער, שוואַכער, און מיר — אלץ מוטיקער און דרייסטער! מען קוקט שוין ניט אזוי אויף דער פינטלאכקייט פון דער צייט; אז מען קומט א ביסל שפעטער אין חדר, איז אויך קיין סכנה ניט; אז דער „לייענען“ גייט ניט ווי א וואסער, איז אויך קיין בייז ניט, און אז איינער מאכט עפעס א מאדנע האוואיעלע, פון וועלכער אלע צעלאכן זיך אויפ'ן קול, מאכט

זיך דער רבי ניט וויסנדיק — כלומר׳שט גאָרניט געזען און גאָרניט געהערט.

דעם גוואַלדאָוונעם כח פון סוף זמן קאָן מען אַרויסזען פון אָט דער מעשה:

עס איז געווען אַ זונטיק אין אָנהייב אלול. דער שופר האָט גע־שאַלט און אויסגערופן, אַז דער סוף פון אונדזער גלות איז געקומען, די גאולה איז שוין דאָ און שטייט באַם טיר. דער טאָג איז געווען אַ שיינער, אַ וואַרימער, אויפ׳ן האַרצן איז געווען פריילאַך, לעבעדיק. מיר האָבן זיך געפּרעגלט פון נחת! אין חדר זיינען מיר געקומען ניט אַלע מיט אַמאָל, ווי אין מיטן זמן, נאָר ווער — פריער, ווער — שפּע־טער און ווער — גאָר שפּעט. דער לעצטער איז געקומען חיים־איטשע זשאַמע דעם סטאָליאַר׳ס, אַ אינגל אַ שטילינקער, אַביסל אַ דערשלאָ־גענער, און צוליב דעם, וואָס זיין טאַטע איז געווען אַ באַלמעלאָכע און אונדזערע טאַטעס — חשוב׳ע באַלעבאַטים, איז ער אונדז אַלעמען געווען אונטערטעניק. געקומען איז ער דעם מאָל מיט אַ צעדראַפּעטן פּנים. דאָס איז געווען זייער אַ שווערע זינד אין די אויגן פון זבולון דעם מלמד. ער האָט דאָס קיינמאָל ניט פאַרגעבן, סיידן דורך שמייסן אויפ׳ן הוילן לייב. האָט זיך אָנגעהויבן די געוויינלאָכע אויספאָרשונג: ווי אַזוי און סטייטש, און מיט וועמען האָט ער זיך געשלאָגן? חיים־איטשע האָט גע׳טענה׳ט און געשוואָרן, אַז דאָס האָט אים צעדראַפּעט זיין קלייניקע שוועסטערל, אַז ער האָט זיך מיט קיינעם ניט געשלאָגן און אַז ער קען ברענגען עדות פון דער היים. זבולון האָט אָבער ניט גע־וואָלט פון קיין זאַך וויסן, און ער האָט אַרויסגעגעבן זיין גזר־דין, אַז חיים־איטשע זאָל גיין צום בענקל און ניט מאַכן קיין שהיות, אָפּשפּילען זיך און זיך אַליין לייגן. דער בחור׳ל אָבער רירט זיך ניט פון אָרט; ער וויינט ניט, שרייט ניט, בעט זיך ניט באַ דעם רבי׳ן; גאָרניט, זיצט אַ פאַרגליווערטער. דער רבי גיט אַ געשריי, אַ ברום: „דיר זאָג איך, צי ניין?" אָבער חיים־איטשע — ווי ניט אים מיינט מען דאָס. דער רבי ווערט שוין גוט אין כעס. רוקט האַסטיק אָפּ דעם טיש צו נעמען דעם אינגל מיט „אונטערפירערס" און זאָגט אים שוין צו דערפאַר אַ

טאָפּעלע פּאָרציע ; דעם סטאָליאַר'ס אינגל אָבער, אַ געזונטער בחור, האַלט זיך פעסט מיט ביידע הענטלאַך אָן די פּאַרענטשן פון דער קאַנאַפּע, וואו ער איז געזעסן און לאָזט זיך פון פלעק ניט. דער רבי ווערט פול כעס, פאַרלירט זיך און ווייסט ניט וואָס צו טאָן. רויט איז ער ווי אַ בוראַק, אויף זיינע שלייפן שטייען די אָדערן אָנגעצויגן ווי דראַטשוועס, אויגן — ווי בײַ אַ גזלן, און קריצנדיק מיט די ציינער האָט ער זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דעם קליינעם אינגל. ער שלעפּט אים שוין ניט צום בענקל, וועגן אָפּשפּילען די פליודערלאַך דערמאָנט ער אויך ניט, נאָר ער וויל אים אַנידערלייגן דאָ אויפ'ן אָרט. חיים-איטשע אָבער רייסט זיך, קראַצט מיט די נעגל און בייסט מיט די ציינער. עס איז געוואָרן אַן אמת'ע מלחמה. נאָך אַ לאַנגן ראַנגלען זיך האָט דער רבי סוף כל סוף גובר געווען און בייגעקומען דעם אינגל, אָבער יענער דריגעט מיט די פיס מיט'ן גאַנצן כח. דער רבי גיט אַ רוף אַ אינגל, ער זאָל האַלטן חיים-איטשע'ן פאַר די פיס, אָבער יענער פאָלגט ניט. ער רופט אַן אַנדערן, אָבער קיינער רירט זיך ניט. „אַהאַ, — זשיפּעט דער רבי פול כעס און גיפט, — אַהאַ, אַ בונט האָט איר געמאַכט ? איך וועל אייך שוין וויזן. איך וועל אייך איינציקווייז צעפּאַסעווען, אַז בלוט וועט רינען"... און נאָך מיט מער אימפּעט און רציחה האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זיין קרבן. חיים-איטשע האָט אים אָבער דערלאַנגט מיט'ן אָפּצאַס אַזאַ קלאַפּ אין די ציינער, אַז ער האָט איין צאָן אינגאַנצן אַרויסגעשלאָגן און אַ צווייטן צעקאַליעטשעט. דער רבי, אַ באַגאָסענער מיט בלוט, איז געפאַלן אין חלשות. דער בחור'ל האָט גאָר ניט געטראַכט און איז אַנטלאָפן אַהיים. מיר זיינען געבליבן ווי פון אַ בליץ דערשלאָגן, ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. איינער האָט אָנגעהויבן שרייען, אַן אַנדער אינגל האָט געשפּריצט דעם רבי'ן מיט קאַלטע וואַסער, עס האָט זיך צונויפגעקליבן אַ רעדל, אידן און אידע-נעס האָבן געאָכעט, געהויכעט : „אַ שיינע וועלט אָנגעשטאַנען. מען שלאָגט שוין ברוך-השם אַ רבי'ן". מען האָט דעם רבי'ן אָפּגעמינטערט און אונטער די הענט אָפּגעפירט אים אַהיים, מער טויט ווי לעבעדיק.

עטלאַכע טעג איז דער רבי קראַנק געווען. קיינער פון אונדז איז

ניט געגאַנגען אים מבקר חולה זיין, אָדער אַפילו נאָכפרעגן זיך וואָס עס טוט זיך מיט אים. געלאָפן זיינען מיר אַלע ווײַלע צו חיים־איטשען, וועלכער איז געוואָרן אין אונדזערע אויגן אַ גרויסער חשוב — ממש אַ העלד.

מיר האָבן פאַר זיין טאַטן און מאַמען אָנגערעדט אויף דעם רבי׳ן אַז ער איז אַזוינער און אַזעלכער; קיין ליגנס אויך ניט געזשאַלעוועט. און דער סוף איז געווען, אַז זשאַמע דער סטאָליאַר האָט ניט נאָר חיים־איטשען ניט באַשטראָפט, נאָר ער האָט נאָך געזאָגט: „אַ מצוה אויף דעם כניאָק״. ער האָט נאָך אַליין בדעה די באָרד און פאות דעם מלמד אויסצורייסן. זיין וואָרט האָט ער אפילו ניט געהאַלטן, אָבער חיים־איטשען האָט ער בײַ זבולון דעם מלמד צוגענומען און יענער איז געבליבן אי מיט אַ צאָן ווייניקער אין מויל, אי מיט אַ תלמיד ווייניקער אין חדר, אי מיט אַ רעפּוטאַציע פון יענער קאָץ, וועלכער די מייז האָבן צעביסן

אַז אין עטלאַכע טעג אַרום איז דער רבי געקומען אין חדר, האָט מיר אַזש דאָס האַרץ פאַרקוועטשט פאַר צער קוקנדיק אויף אים. ער איז געווען בלייך, דערשלאָגן, האָט אַלע ווײַלע געזיפצט; זיין רייד האָט זיך, דורך דעם פעלן פון דעם פאָדערשטן צאָן, אינגאַנצן גע־ענדערט, און איך האָב בײַ זיך אין האַרצן חרטה געהאַט אויף מיינע שלעכטע מחשבות וועגן אים. עס האָט מיך פאַרדראָסן פאַר די ליגנס, וואָס איך האָב אָנגערעדט אויף אים, און איך בין געווען גרייט צו בעטן אים מחילה. איך האָב אפילו שוין אָפּגעמאַכט בײַ זיך קיינמאָל מער ניט גיין קעגן רבי׳ן; פאַלגן אים אין פייער און אין וואַסער. אָבער אָט האָט דער רבי אַרומגעקוקט זיך און, ווי צו זיך אַליין, אַ פרעג געטאָן: „וואָס, חיים־איטשע איז ניטאָ?״ און גלייך איז איבער־אַ־נייעם דאָס גאַנצע בילד אַרויפגעשוואומען פאַר מיינע אויגן: איך האָב זיך דערמאָנט אָן חיים־איטשע׳ס יסורים און אָן זיין העלדישן ניט־לאָזן זיך. ווי דער רבי איז אַרויפגעפאַלן אויף אים, מיט וואָס פאַר אַן אכזריות ער האָט אים געשטיקט, דערמאָנט זיך אָן די ווערטער וואָס ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט איטלאַכן באַזונדער פון אונדז שמייסן, אַז בלוט

וועט רינען, — און בײַ מיר איז געבליבן, אַז דער רבי האָט כשר פֿאַרדינט זײַן פּסק! פֿע, דער רבי איז אַ פּאַסקודניאַק, אַ רשע מרושע, ער האָט נישט קיין גאָט אין האַרצן, פֿאַרשוועכט דעם סוף זמן! — אַ מצוה, אַ מצוה אויף אים, זאָל ער ווייטער וויסן, ווי שמייסן אום סוף זמן!... און מיט אַ באַזונדער פֿרייד האָב איך זיך אָפּגערופֿן און געזאָגט:

— חיים-איטשע וועט מער נישט לערנען בײַ אײַך. זײַן טאַטע און מאַמע ווילן נישט שיקן זייער אינגל אין אַ חדר, וואו מען שמייסט אפֿילו אום סוף זמן!

דער רבי האָט פֿאַרביסן מיט די ליפּן און גאָרנישט געענטפֿערט. קענטיק, אַז אויף אַזאַ אומגליק האָט ער זיך אַליין נישט געריכט.

די אַלע איבעריקע זמנים, וואָס איך בין נאָך פֿאַרבליבן בײַ זבולונ'ען, האָט ער שוין נאָענט צום סוף זמן אַפֿילו קיין הויך קול אויף אונדז נישט אויפֿגעהויבן; געווען ווייך ווי פּוטער, גאָר אַ גאַנצער גוטער-ברודער מיט אונדז; עס איז נישט געווען צו דערקענען, אַז ער איז דער זעלביקער רבי.



בין הזמנים

סוף זמן איז געווען אַ נייע וועלט פאַר אונדז, אַ שיינע און אַ פֿריילאַכע וועלט! פֿון האַלב אלול ביז סאַמע ראש חודש חשון — זעקס קוילאַכדיקע וואָכן — זיינען מיר געווען אָן אַן אויבער־האַר און אָן באַלע־באַטים איבער זיך; ניטאָ קיין חדר, קיין עול, קיין זאָרג — פֿרייע פֿייגעלאַך! און דערצו נאָך אַזעלכע זאַטע, פֿריילאַכע, לוסטיקע יום־טובים!

טאַטע־מאַמע זיינען געווען פֿאַרנומען, פֿאַרטראָגן אין יום־טוב מאַכן און אין מאַכן אויף יום־טוב; דער גאַנצער דערוואַקסענער עולם איז געווען פֿאַרטאָן אין תהלים און סליחות זאָגן; דערנאָך אין זוכן ווייסע הענער אויף כפּרות, סכך קויפֿן, אַ פֿיינעם אתרוג איינהאַנדלען און אין אונדז, קליינוואַרג, געגליבט איז דער אויבערשטער, האָט מען זיך גאָר פֿאַרגעסן. און טאָמער האָט מען זיך יאָ אויף אונדז דערמאָנט, איז דאָס געווען, פֿאַרקערט, צום גוטן. מען האָט גאָר געקראָגן איינזעעניש מיט אונדז. אין די תשובה־טעג האָט מען פֿאַר אונדז דרך־ארץ געהאַט, געלאָזט די קונדסים אפֿילו אַרום דער בימה זיך דרייען; מיר האָבן אַ גוט וואָרט געהערט, אַ קלאַפּ אין פּלייצקע, אַ לייכטן קניפּ אין בעקל באַקומען מיט אַ ליב־לאַכער באַמערקונג: „זע־ זונעלע, ניט פֿאַרגעס למען השם אין אָמן, יהא שמיה רבא!“

מיר זיינען געוואָרן געהויבן בא זיך, ווי אַ פּלוצלינג אויפֿגעקומענער נגיד, געוואָרן דרייסטער און אָפּט — טאַקע חוצפּה׳דיק אויך.

האָט גאָט געהאָלפֿן און עס איז געווען אַ שיינער, טרוקענער

האַרבסט, איז ווער צו אונדז גאָר גלייך געווען? מיר האָבן געהאַט פון אַלעם גוטן. כאַליאַסטרעווייז זיינען מיר געגאַנגען איבער די סעדער; איין אינגל האָט געקויפט עפּעס פאַר אַ קאָפּיקע און די איבעריקע האָבען געֿלקח'נט, אָדער צוגעשאַרט מיט די פיס די פרוכט צום פּאַרקן־צו און שוין אויף יענער זייט, אונטערגראָבענדיק די ערד, אַרויסגעשאַרט ווי עס איז.

איינמאָל האָט דער שומר פון סאָד אַריינגעכאַפּט אַ אינגלס האַנט און האַלט און קוועטשט זי. מאָנט, אָדער פינף קאָפּיקעס מזומן, אָדער מען זאָל אים אַריבערוואַרפן דאָס היטל פאַר אַ משכון. דער אינגל האָט געשריען קולי קולות, געשוואָרן, ווי ער איז אַ איד, אַז דאָס איז ניט ער. חברים, אויף דער זייט, האָבן עדות געזאָגט אויף דעם אמת, אָבער יענער האָט זיך געמאַכט ניט ווויסנדיק און געקוועטשט נאָך שטאַרקער. שלעכט. חברה האָט פּרובירט צוזאַמען אַ ריס טאָן דעם אינגלס אָרעם. האָט אָבער דער אינגל געמאַכט אַזעלכע גוואַלדן, אַז איבער'חזר'ן די זעלביקע זאַך האָט מען שוין מורא געהאַט. איך ווייס ניט, וואָס וואָלט געווען דער סוף דערפון, ווען איינער פאַלט ניט אויף אַ שפּיצל: חברה האָט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער אַנדער זייט פּאַרקן פון סאָד און גענומען רייסן פּירות, אויף וואָס די וועלט שטייט. פאַרשטייט זיך, אַז דער שומר האָט זיך באַלד געלאָזט לויפן מיט זיין לאַנגער בייטש אַהינצו, און דעם אינגלס האַנט געמוזט אָפּלאָזן.

אָט די ערפינדונג איז שוין בא אונדז געבליבן אויף שטענדיק און מיר האָבן זי דערנאָך אויסגענוצט אויף אַ גאָר גרויסן אופן. מען האָט געוואָרפן גורל, ווער עס זאָל גיין אויף „קדוש השם" און זיך לאָזן כאַפּן און די איבעריקע האָבן זיך צעשאָטן אין אַלע זייטן פון סאָד־פּאַרקנס — און פּרוכטן זיינען שוין געווען פולע קעשענעס.

אַז אַ איד פלעגט אָנהייבן זיך בעטן, טענה'ן, אַז ער איז אַן אָרעמאַן, ער לעבט פון דעם סאָד מיט ווייב און קינדער, מען זאָל אויף אים רחמנות האָבן, פלעגן מיר אים גוט באַהאַנדלען און אָפּ־

טרעטן, אָבער אַ בייזן אידן, וואָס פלעגט ווייזן כעס, פלעגן מיר געבן אויף וואָס די וועלט שטייט.

גאָרטנס האָבן מיר אויך ניט פאַרבראַקירט, דערהויפּט יענע, וואו עס זיינען געוואַקסן פאַנע־רויזן, סטרוטשע באַב און סטרוטשע־אַרבעס. אַמאָל פלעגט אַ אידענע אַרויסלויפן, שרייען, שילטן — „נעמט שוין, נעמט; זאָל אייך די ערד נעמען, רבונו של עולם, אָבער צע־שטעָרט מיר ניט די בייטן, — טרעטן זאָל מען שוין אויף אייערע קברים, האַרציקער פאָטער!“

אַ גויע פלעגט אַרויסלויפן און אויף איר לשון און מיט אַן אַנדער נוסח שרייען און זידלען און נאָך מיט אַ בעזים דערצו. מיר זיינען אָבער געווען שטייף באַ זיך, געמאַנט אונדזערס און גענומען מיט גוואַלד.

שלעכט איז נאָר געווען דאָרטן, וואו עס איז געווען אַ הונט, קיין זאַך האָט ניט געהאָלפן, ווער רעדט נאָך, אויב דער הונט איז געווען אַ גרויסער און אַ קודלעוואַטער. מיר האָבן אים געזידלט, גערופן „אידנ־פיינט“ און סוף כל סוף אַנטלאָפן.

סליחות־צייט איז געווען גאָר אַ באַזונדער נייער קאַפּיטל. איך בין טאַקע ניט געווען מחויב אויפצושטיין צו סליחות; פאַרקערט גאָר, דער טאַטע פלעגט אָפט ניט לאָזן מיך גאָר פרי אויפשטיין. פלעגט שטענדיג זאָגן: „שלאָף, שלאָף נאָך, ישראליק, נישקשה, דיינע זינד זיינען נאָך ניט קיין גרויסע און דיינע עבירות גייען דאָך אויף מיר“. אָבער, פונדעסטוועגן, בין איך פאָרט אויפגעשטאַנען. און עס איז געווען גוט — גוט ווי די וועלט.

דער טאַטע איז שוין געווען לאַנג אויפגעשטאַנען, און זאָגט, און זאָגט, זינגט אונטער שטילינקערהייט, און אַזוי אומעטיק־זיס — אַ מחיה! ער שטעלט אַליין אָן דעם סאַמאָוואַר, און דערוויל זאָגט ער אַליץ, זיפצט, קרעכצט; דער סאַמאָוואַר העלפט אים אונטער. אין שטוב איז שטיל, דער שאָטן פון ליכט איז צעשפּרייט מיט אַ באַזונדער מרה־שחורה, אימעצער קערט זיך איבער אויף דער אַנדער זייט און ווערט געשמאַק ווידער אַנשלאָפן... איך כאַפּ זיך אַראָפּ, גיס אָפּ אויף

גיך נעגל־וואַסער און בין שוין לעבן דעם טאַטן. ער מוסר'ט מיך, כלומרשט, וואָס איך האָב אים ניט געפאָלגט און אויפגעשטאַנען, אָבער זיינע אויגן זאָגן מיר עפּעס גאָר אַנדערש — פול מיט ליבשאַפט און צופרידנקייט. ער קוועלט גאָר אָן פון גרויס נחת־רוח, וואָס איך בין אַליין, מיט מיין אייגענעם ווילן, אויפגעשטאַנען גאָט בעטן. ער גלעט מיך איבער'ן קעפּל און זאָגט: „אַי, דו נאַרעלע,דו". ער גיסט מיר אָן אַ גלעזל טיי מיט אַ סך מילך: „טרינק, זונעלע, טרינק, — זאָגט ער, — טיי מיט מילך איז גוט פאַר דיר". ער נעמט מיך פאַר'ן האַנט און מיר גייען אין שול.

אין דרויסן שיינט די לבנה. זי איז גרויס, קלאָר און רואיק. עס איז ליכטיק, כמעט ווי באַטאָג. נאָר ס'איז עפּעס אַ סך חנ'עוודיקער, שטילער און עניוות'דיקער, פונקט ווי עס פּאַסט זיך פאַר סליחות־צייט. די לופט איז ריין, ציכטיק, פריש און קאַלטלאַך־טרוקן, אָן אַנטיק.

פון פילע הייזער זעען זיך פייערלאַך. די בהרחבה'דיק אויסגעשפּרייטע לבנה־שאָטנס אויף די ווענט און הייזער מישן זיך מיט די קלייניקע ליכט־שאָטנס, שפּילן זיך אינאיינעם, אַקוראַט ווי די גביר'ישע אינגלאַך מיט זייערע ארימינקע חברים. מיר גייען פאַרביי שולן און בתי־מדרשים; עס רייסן זיך אַרויס פון דאָרט קולות, וואָס קומען פון טיפן האַרצן.

דער טאַטע הייבט זיך אָן איילן, לויפט אונטער צוביסלאַך און שלעפּט מיך מיט. מיר באַגעגענען נאָך אידן, וועלכע איילן זיך אויך און אַלע זיינען עפּעס אַזוי ווי צעשראָקן און אומרואיק... ווער עס לויפט מיט דעם טלית און תפילין אונטערן אָרעם, ווער — נאָר מיט אַ סליחה, און אָט איז אַן אַלטע אידענע מיט אַ גרויסן קרבן־מנחה, קוים וואָס זי שלעפּט אים, און הוסט, אַז עס ווערט מיר אַ גרויסער רחמנות אויף איר. איך וויל איר העלפן אונטערטראָגן דעם סידור, לאָזט זי ניט און זאָגט: „נאַרעלע, ער איז דאָך באַלד גרעסער פון דיר".

אויפ'ן האַרצן איז מאָדנע — אי גוט, אי עפּעס פאַרדראָסיק; אי

פרייליך, אי אומעטיק. דער חזן וויינט און זינגט, זינגט און וויינט, פונקט ווי בא מיר אויפ'ן האַרצן.

אידן שאָקלען זיך, ווי די ביימער אין וואַלד, שאָקלען זיך מיט גרוים חשק און צום טאַקט. און ווען צו „שמע קולנו" איז געוואָרן אַ געפילדער און אַ באַנומענער געשריי אויף דער העכסטער אָקטאַווע, האָב איך זיך אין פלוג שטאַרק דערשראָקן, געמיינט, גאָט ווייס, וואָס עס האָט פלוצלינג געטראָפן, האָב אָבער פאַרשטאַנען, אַז דערפאַר שרייען דאָס אידן אַזוי הויך, כדי זייער קול זאָל אַזש צום הימל דער־גרייכן... און האָב זיך באַרואיקט.

דער תשליך ראש השנה איז אויך געווען אַן ענין — טרייסלען די עבירות פון די קעשענעס, אַ שטופ טאָן אַ אינגל צום טייך און יענער דערשרעקט זיך, אָדער אַ כאַפּ טאָן אַ היטל און אַוועקלאָזן עס שווימען מיט די פריש אָפּגעטרייסלטע עבירות איבער'ן טייך... דער אינגל שרייט, וויינט און אַלע לאַכן.

אָבער צו ערב יום כפור קומט דאָס ניט.

דער ערב יום כפור'דיקער טאַראַראַם איז געווען גאָר פון אַן אַנדער סאָרט און אַ סך נענטער צום האַרצן. אַ קליינינקייט, מיט די כפרות אַליין וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן!

לויפן נאָך די כפרות, כאַפּן זיי, בינדן, אַרויפציען זיי אויף אַ שטעקן מיט די קעפּלאַך אַראָפּ און טראָגן זיי זאַלבענאַנד צום שוחט.

די רעכטע הנאה אָבער איז געווען אויפן הויף באַם שוחט. דער גאַנצער הויף איז געווען אויסגעבעט מיט פעדערן. די לופט פול מיט פעדערן. עס האָט געשיינט מיט פעדערן. אין בלוט פאַרפלעקטע האָבן זיי זיך געקלעפּט צום פנים, און עס האָט אויסגעזען, ווי די גאַנצע וועלט וואָלט זיין בלויז פעדערן.

אָבער אָט האָט אַן אָרים דינסט־מיידל אָנגעהויבן שרייען און קלאָגן: אַ צרה האָט איר געטראָפן, אַ חורבן האָט זי באַגעגנט, איר גאָלאַנסקער האָן מיט די פליודערן אויף די פיס ,האָט זיך אָפּגעפּענטעט און איז אַנטלאָפן.

— אַי אינגעלע, קרוינעלע מיינער, — ווענדט זי זיך צו מיר —

זע כאַפּ מיר דעם האָן, פֿאַרדין אַ לעבעדיקע מצווה. איך וועל האָבן פֿון מיין באַלעבאָסטע אָפּגעשניטענע יאָרן.

און מיינער — גלייך נאָכ׳ן האָן מיט דער מצוות. איך האָב זיך שנעל אַריבערגעדראַפּעט איבער אַ פּאָר פּאַרקאַנעס און אַריינגעלאָפֿן אין שטאַל נאָך דעם האָן. דער חברה־מאַן האָט שוין דערווייל באַוויזן אומצופּאַדן אַרום אַ פֿרעמדער הון און קלאַפּט שוין צופֿרידן מיט די פֿליגלען און זינגט אַזוי ברייטלאַך אויס זיין „קוקע רעקו!" אַהער־אַהין, איך האָב אים געכאַפּט און ניט האָבנדיק מיט וואָס אַנדערש — האָב איך אים געבונדן מיט מיינער אַ ציצה — און, אַ צופֿרידענער גענומען אים אַוועקטראָגן צו זיין אייגנטימער.

אָבער, אָט האָב איך דערזען אַ פֿערד אין שטאַל. ער שטייט און צופּט מיט חשק און אַפּעטיט פֿון אַ בינטל היי אין דער הויך, אַקוראַט, ווי אויך ער דאַרף זיך פֿאַרפּאַסטן. הײַנט, ווי באַשטייט מען דאָס קעגן דעם נסיון און ניט אויסרייסן אַ פּאָר סטרונעס פֿאַר דער פֿידעלע, וואָס איך האָב געהאַט בדעה צו מאַכן. איך בין פּאַמעלאַך צוגעגאַנגען פֿון הינטן און מיט דער איינציקער פֿרייער האַנט — אין דער אַנדערער איז דאָך געווען דער האָן — האָב איך מיט מיין גאַנצן כח אַ ריס געטאָן ,ניט איין האָר, אויף וואָס דער פֿערד וואָלט אפֿשר מוחל געווען, נאָר אַ גאַנצע זשמעניע... און דער פֿערד, ניט לאַנג טראַכטנדיק, האָט דערלאַנגט אַ שטאַרקן בריק, מיינענדיק, הפּנים, מיך, אָבער געטראָפֿן האָט ער פּונקט אין מיין כפּרה, אין דער מיידלס האָן, טאַקע גלייך אין קעפּל, און אים דער׳הרג׳עט...

ניט טויט, ניט לעבעדיק, בין איך אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטאַל.

דער מיידל האָב איך געזאָגט, אַז דער האָן איז גאָר אַ מאדים, און אַז איך קאָן אים ניט כאַפּן. אָבער אין מיר איז דאָס האַרץ איינגעפֿאַלן; די שרעק, דער רחמנות אויף דעם אָרימען האָן נעבאַך און דער צער פֿון דער מיידל האָבן מיך גאָר צעטרייסלט, און איך האָב זיך קוים דערשלעפּט צוריק צום שוחט׳ס הויף. פֿון דער שוועסטער האָב איך געקראָגן אַ גוטע פּאַרציע: וואו בין איך דאָס פֿאַרפֿאַלן געוואָרן?

אויף דעם הויף זיינען געווען עטלאַכע שוחטים. לעבן איטלאַכן

פון זיי איז געשטאַנען אַ געהילף, וואָס האָט זיך געלערנט די מעלאָכע פון קוילען און האָט מיט אַ ליכט צוגעלייכט דער געניטער האַנט צו טאָן די מעלאָכע ווי עס באַדאַרף צו זיין, אַקוראַט ווי דער דין איז.

די שוחטים זיינען געווען זייער פאַרנומען. זיי האָבן געאַרבעט ווי בינען, קיין צייט ניט געהאַט ממש דעם נאָז אָפּווישן. דער שוחט גיט אַ כאַפּ אַ האָן, אַ הון, און מאַכט איר „טשיק" איבער'ן האַלז און גיט איר אַ שליידער, וואו פעפער וואַקסט, און כאַפּט שוין אַן אַנדערע. די געקוילעטע און ניט־דערקוילעטע עופות שפּרינגען אין דער הויך, דרייען זיך און טאַנצן דעם טויטן־טאַנץ... זיי מישן זיך אויס מיט די אַנדערע עופות, שרייען, ליאַרעמען; אידן, אידענעס, אינגלאַך און מיידלאַך שרייען זיי נאָך איבער; שילטן בייזערן זיך, שטופּן זיך: „עס איז מיין כפּרה!" „ניין, מיינע!" און עס טוט זיך חושך!... עס פעלן אויך ניט קיין קללות, חרמות, מען שילט מיט „אַ פינצטערן יאָר", מיט „אַ שוואַרצער התימה"; מען שווערט זיך מיט כל השבועות; ווער — :„אַזאַ גוט יאָר זאָל ער האָבן ווי דער האָן איז זיינער"; ער האָט געמאַכט אַ סימן אויף אים — אַ רויטער שנירל אויף אַ פיסל; און ווער עס שווערט זיך מיט איר בן יחיד: „זי זאָל אַזוי דערלעבן מגדל זיין אים, רבונו של עולם, טאַקע לתורה ולחופה ולמעשים טובים, ווי די טשובעוואַטע *) הון איז אירע"; זי פלעגט זיך לייגן אַלע טאָג ווי באַ גאָט אַ טאָג!...

און ווידער באַפאַלט מען מיך פון אַלע זייטן און מען בעט מיך מצוות פאַרדינען: „אינגעלע, טו אַ שפּרונג און כאַפּ מיר אָט יענעם האָן"; „אינגעלע, דו וועסט זיך עולם הבא, כ'לעבן, קויפן, העלף מיר אַרויפציען אויפ'ן שטעקן די כפּרות; איך האָב שוין קיין כח ניט אַ קער צו טאָן זיך", — בעט מיך אַן אַלטשינקע אידענע. דער בעט מיך העלפן צובינדן אַן אָפּגעפּענטעטן האָן, אַן אַנדערער בעט דער־לאַנגען די הינדל, וואָס דער שוחט האָט אַ וואָרף געטאָן. הכלל, מען

*) אַ סך האָר לעבן שפּיץ קאָפּ.

בעט און מען בעט, מצוות גאָר אָן אַ שיר, און דער עיקר, איך ווער געהויבן באַ זיך — אַ גאַנצער מאַכער.

דעם גאַנצן טאָג ערב יום כפור איז פריילאַך, לעבעדיק. מען ברענגט לעקאַך, פון אַלע זייטן ברענגט מען לעקאַך: דער טאַטע פון שול, די מאַמע פון קראָם, אַ פעטער, אַ מומע, דער זיידע, די באָבע און אַלע הײַמן עסן.

— עס, עס, ישראליק, ס׳איז דאָך אַ מצוה ערב יום כפור צו עסן. און די מצוה געפעלט מיר דווקא.

יום כפור

איך געדענק קלאָר דעם ערשטן מאָל, ווען דער טאַטע האָט מיך אַריינגעפירט אין שול פאַר „כל נדרי“.

אויף דער ערד איז געווען אָנגעבעט היי — אַ סך, אַ סך היי. אויף אַלע טישן, אויף דעם עמוד און אויף דער בימה און אומעטום זיינען געווען אָנגעשטעלט גרויסע וועקסענע ליכט. אַלע אידן זיינען געווען אָנגעטאָן אין ווייסע קיטלען, איבערגעדעקט מיט די טליתים איבער׳ן קאָפ; אָן שיך, נאָר אין זאָקן, זיינען זיי געשטאַנען פאַרקרימטע, פאַרטיק צו וויינען. ביידע טירלאַך פון ארון קודש זיינען געווען אָפן. עטלאַכע אידן מיט גרויסע ספרי־תורות האָבן אַרומגערינגלט דעם חזן ביים עמוד. מיין טאַטע האָט מיט אַ פאַרשטיקטן קול קוים געקאָנט אַרויסכליפען דעם „אור זרוע לצדיק“.

מיין האַרץ צעגייט, ווי וואַקס. עס איז מיר אַזוי אומעטיק, אַזוי טרויעריק, אַזש די כחות גייען אוים... און אָט הויבט אָן דער חזן „כל נדרי“. פריער שטילער און דערנאָך העכער און העכער. עס ציטערט אויף מיר די הויט; איך טרייסל זיך ווי אַ בלאַט. דאָס האַרץ איז פאַרקוועטשט און די קני ברעכן זיך אונטער. דער חזן איז געקומען צו „ונסלח“. אַלע האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דעם פסוק מיט אַזאַ אימפעט, אַזוי ווי קוים־קוים דערוואַרט זיך אויף אים, ווי אויף דער איינציקער זאַך, וואָס עס קאָן ראַטעווען פון אַ גרויסער סכנה... און אַז אַלע האָבן זיך צעשריען, האָב איך הויך אויפ׳ן קול פאַנאַנדער־געוויינט זיך און געטרייסלט זיך ווי אַ לולב. דער זיידע האָט מיך געכאַפט צו זיך, אָבער ניט וועלנדיק מפסיק זיין האָט ער מיך נאָר געגלעט און געגלעט. און איך האָב געוויינט און געוויינט, געוויינט

מיט ביטערע טרערן אַ לאַנגע צייט, ביז דער חזן מיט די משוררים האָבן אָנגעהויבן זינגען פריילאַכע ניגונים. די פנים׳ער ביים עולם האָבן זיך אויסגעגלייכט און אויסגעלייטערט. בײַ אַנדערע זיינען זיי געוואָרן גאָר פריילאַך און יום־טוב׳דיקע, אָבער מיין טאַטע איז נאָך אַלץ געשטאַנען אויף זיין מזרח־וואַנט מיט׳ן פּנים צום וואַנט און מיט איין האַנט געהאַלטן די אויגן פאַרמאַכט. ער האָט קיינמאָל ניט גע־קוקט אין אַ סידור, אָדער אין אַ מחזור; האָט קיינמאָל ניט געשריען ווי אַנדערע און אפילו הויך ניט געדאַוונט. נאָר נאָכ׳ן דאַוונען איז בײַ אים דאָס פּנים געווען רויט ווי צונטער און די אויגן שטאַרק פאַר־וויינטע. וויינען האָב איך אויפגעהערט, אָבער אויפ׳ן הארצן איז מיר געווען ווי אַ שווערע לאַסט. איך בין געווען זייער צעשראָקן און צעבראָכן. מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז עפּעס שרעקלאַכעס קומט פאָר.

דאָס בילד פון יום כפור באַנאַכט אין שול האָט מיך צעטומלט. איך האָב ניט געקאָנט באַנעמען די סצענעס וואָס זיינען מיר ביז דע־מאָלט געווען אומבאַקאַנט. ערשט אַ זייגער ניין, אַז מען האָט שוין אָפּ־געדאַוונט און דער עולם האָט געזאָגט „גוט יום־טוב, גוט יום־טוב" איי־נער דעם אַנדערן, בין איך געוואָרן רואיק, אָבער נאָך אַלץ ניט גאָר אין גאַנצן. פון דער פריערדיקער מורא האָב איך זיך נאָך ניט באַפרייט. דער טאַטע איז צו מיר צוגעגאַנגען און געהייסן מיך גיין אין דער ווייַ־בערשער שול צו דער מאַמען. מיט איר וועל איך גיין אַהיים, ווייל ער בלייבט נעכטיקן אין דער שול. איך בין ווידער צעמישט געוואָרן; האָב בשום אופן ניט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס טוט זיך דאָ היינט? האָב מורא געהאַט איבערלאָזן דעם טאַטן אין שול און מורא געהאַט שלאָפן אין דער היים אָן דעם טאַטן, און מיט אַ ציטערדיקן וויינענדיקן קול געבעטן זיך בײַ דעם טאַטן ער זאָל אויך גיין מיט מיר אַהיים. ער האָט געשמייכלט, געגלעט מיך, אַ פּאָר מאָל אַ קוש געטאָן, האָט מיר איינגערעדט און געזאָגט, אַז ער מוז בלייבן אין שול, אַז עס איז דאָך יום כפור!

— זעסט, אַלע אידן שלאָפן היינט אין שול!

איך האָב זיך אָנגעהויבן בעטן, אויך בלייבן אין שול נעכטיקן, אָבער דער טאַטע האָט ניט געוואָלט גאָר הערן דערפון.

— נאַרעלע, די אידן בלייבן תפילה טאָן, לערנען, תהלים זאָגן און גאָט בעטן. דו ביסט נאָך צו קליין; אַז דו וועסט אם ירצה השם אויסוואַקסן, וועסטו אויך נעכטיקן אין שול.

זיינע רייד האָבן זיך אפילו ניט שטאַרק געקלעפּט צו מיר, אָבער קיין אַנדער ברירה האָב איך ניט געהאַט און בין אַוועקגעלאָפן צו דער ווייבערשער שול. די מאַמע איז שוין געשטאַנען אין טיר און געוואַרט אויף מיר. אַ קוק טאָענדיק אויף איר, האָב איך זיך דערשראָקן. זי האָט אויסגעזען ווי אַ חולה. דאָס פּנים בלייך, פאַרוויינט און פאַרצוקט. זי האָט מיך אַרומגענומען, געזיפצט, פאַרריכט מיר די פּאות'לאַך און זיך נאָכגעפרעגט, צי איך האָב געענטפערט: „ברוך הוא וברוך שמו, אָמן" און „אָמן יהא שמיה רבא"? מיט אַ פאַרקרימט פּנים האָט זי זיך געמאַטערט אַ שמייכל טאָן, אָבער עס איז ניט געלונגען: זי איז געווען פול מיט צער און געבראָכן. אַ גאַנצן וועג האָט זי געהאַלטן אין איין זיפצן און קרעכצן, און מיר איז ווידער געוואָרן זייער טרויעריק.

אַריינגייענדיק אין שטוב און דערזעענדיק די „לייטערס" *) אויפ'ן טיש איבערגעדעקט מיט אַ סאַרוועטקע, מיט די גרויסע בענטש־ליכט אין די לייכטער האָב איך אין פלוג זיך דערפרייט. געפרעגט דער מאַמען, ווער וועט מאַכן קידוש, אַז דער טאַטע איז גאָר אין שול? די מאַמע איז געוואָרן שטאַרק אַנטוישט און האָט ברוגז'דיק אָפּגעענטפערט:

— אך, דו שוטה איינער, וואָס ביסטו — אַ גוי? ווייסט ניט, אַז היינט איז יום כפור און מען דאַרף פאַסטן?

גאָר גלאַט איז מיר די זאַך ניט געוואָרן: היינט צו וואָס ליגן די חלות אויפ'ן טיש? צו וואָס איז אין גאַנצן דער טיש געגרייט? נאָר איך האָב מער קיין קשיות ניט געפרעגט און אַ הונגעריקער געלייגט זיך שלאָפן.

*) חלות געפלאָכטן ווי לייטערס.

עס האָבן זיך מיר געחלומ'ט בייזע חלומות: דער שטאָט־באָק האָט מיך געוואָלט שטעכן מיט ביידע הערנער. א שווארצער הונט א קודלעוואַטער, האָט זיך געוואָרפן אויף מיר. איך האָב געהערט די בהמה רעווען... און אָט פאַל איך גאָר אַראָפּ טיף־טיף אין דער נידער!...

געשלאָפן בין איך גאָר שפּעט. די מאַמע איז שוין לאַנג, לאַנג אין שול אַוועק. לכתחילה האָט מען מיר ניט געוואָלט געבן קיין אָנבייסן, זאָגנדיק, אַז דער טאַטע האָט נאָך נעכטן אָפּגעגעבן אַ באַפעל, אַז צוליב געוויינען מיך אין פאַסטן, זאָל איך עסן אָנבייסן אַ שעה שפּע־טער, אָבער אַזוי ווי עס איז שוין געווען צוויי שעה שפּעטער, האָט מען מיר דערלאַנגט אַ פּאָר שטיקלאַך כפּרות, אַ פּופּיק און אַ פליגעלע דערצו, און איך האָב זיך גוט אָנגעפּרעסן. אויפ'ן הארצן איז געוואָרן גוט און פריילאַך און איך האָב זיך אַליין אַוועקגעלאָזן אין שול אַריין. איך האָב אַביסל אפילו געבלאָנדזשעט — יענעם יום כפּור בין איך נאָך קיין פולע פיר יאָר ניט אַלט געווען — אָבער האָב זיך דערשלאָגן ווי עס איז צום שול.

היינט איז די שול געווען אַ סך פריילאַכער. געקומען בין איך צו קריאת התורה. דער טאַטע און דער זיידע האָבן מיך געפרעגט, ווי עס גייט מיר דער תענית. דער טאַטע האָט געקוקט אויף מיר מיט לאַכנדיקע אויגן און געקניפּט מיך אין בעקל.

פון דעם ערשטן יום כפּור אָן ביז שפּעטער אין די הדר־יאָרן און נאָך שפּעטער, אַז איך בין שוין געווען אַ היפּשער בחור'ל, האָט אַרויפ־געוואָרפן אויף מיר אַ שרעק און אַן אימה די יום כפּור נאַכט מיט דעם „כל נדרי", אָבער ניט דער יום כפּור'דיקער טאָג. פאַרקערט, דער טאָג איז מיר געווען אָנגענעם און צייטנווייז גאָר פריילאַך. איך האָב גרוים הנאה געהאַט פון דעם חזנ'ס תפילות און נגינות און בפרט פון דער „עבודה" מיט דעם כורעים פאַלן. אַז איך בין אַ ביסל עלטער געוואָרן, פלעג איך מיטזינגען דעם „אײַ־אײַ־אײַ" אויף מיין גוטן קול'כל און אָנקוועלן, פלעג זיך אונטער'גנב'ענען און אַ קניפּ טאָן אַן עלטערן אינגל ביים כורעים פאַלן, אָדער געבן אַ פּשוט'ן פּאַטש... און עס איז

געוועזן גוט. ווער רעדט צו נעילה און נאָך נעילה — דעמאָלט איז דער גאַנצער עולם געוואָרן שוין אויפגעלייגט, האָט זיך צעזונגען און איז געוואָרן לעבעדיק און פריילאַך!

מען האָט אויף גיך געדאַוונט מעריב, אין איילעניש געזוכט די שטיוול און ניט געפונען... און יום־טוב׳דיקע איז מען געלאָפן אין דרויסן מחדש זיין די לבנה. „שלום עליכם, עליכם שלום״. „איך בין א היגער״, — האָט א שקאַציק א אינגל זיך געוויצלט, און דער עולם האָט גוטמוטיק געלאַכט. מען איז געוואָרן געהויבן בא זיך און מיט א גרינג געמיט איז מען זיך צעגאַנגען אין די היימען אָפּפאַסטן זיך.

ביים עסן איז דער טאַטע, וועלכער האָט אָפּגע׳פּטר׳ט זיינע צען טעג תעניתים מיט געוויין און קלאַגעריי פון די סליחות און עשרת ימי תשובה, אויף אַן אמת געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש. האָט זיך דערלויבט א לאַך טאָן, זאָגן א גלייכוווערטל, און די מאַמע איז געווען די ערשטע, וואָס האָט אונטערגעכאַפּט און אונטערגעהאַלטן דעם פריי־לאַכן טאָן, צוגעבענדיק נאָר, אַז זי האָפט צו זיין ליבן נאָמען, אַז עס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן א גוט יאָר. אָמן!

באַלד נאָכ׳ן אָפּפאַסטן זיך, פלעגט דער טאַטע, וועלכער איז געווען פון די אמת׳ע אָפּגעהיטענע אידן אָנגעהויבן עוסק זיין זיך מיט דעם ענין סוכה.

בויען האָט ער יענע נאַכט טאַקע ניט געבויט די סוכה, אפילו קיין פלעקל ניט אַריינגעשלאָגן. ניט ער האָט געהאַט דעם כח און ניט ער האָט געהאַט חשק דערצו, אָבער גערעדט, געפּלאַנעוועט, געמאָסטן. וואו זאָל זיין די טיר, וואו א פענצטער, און דערמיט יוצא געווען ביז אויף מאָרגן, ווען די מעלאָכע האָט געברענט אונטער זיינע אָדער אונדזערע הענט.

סוכות

דאָס בויען די סוכה איז פאַר מיר אין די חדר־יאָרן געווען אַ גרויסער יום־טוב. איך האָב זיך ממש מחיה געווען! ערשטנס, דאָס בויען אַליין, דאָס פאַרנומען זיין מיט אַזאַ וויכטיקן ענין, און צווייטנס, די באַזונדערע וויכטיקייט, וואָס דאָס האָט מ י ר צוגעגעבן! איך האָב געהאָלפן דעם טאַטן גראָבן די פיר גריבעו פאַר די גראָבע פלעקער, געהאָלפן זיי אַריינקלאַפן, פאַרשיטן זיי און שאַרן שטיינדלאַך מיט זאַמד און טאַפּטשען אַרום זיי, כדי זיי צו מאַכן שטייפער.

לויפן כאַפּן ערגעץ אַ ברעטל, איז געווען מיין אַרבעט; האַלטן אַ שטיין האַרט באַ דעם ברעטל, כדי דער טאַטע זאָל קאָנען אַריינקלאַפן דעם טשוואָק פון דער אַנדער זייט, איז ווידער געווען מיין זאַך; לויפן זוכן שפּינוועבס צו פאַרוויקלען דעם טאַטנ׳ס פינגער, וועלכן ער האָט צעקלאַפּט ביז בלוט, און אוודאי און אוודאי געווען מיין עסק... היינט דערנאָך דער סכך!... עפּעס אַ קלייניקייט דער סכך! פריער גיב אַכטונג אויף די ציגן, זיי זאָלן דאָס ניט צעשלעפּן. אַיי ווי די ציגן האָבן מיר פאַרמוטשעט! טרייבסט אָפּ איינע קומט אַן אַנדערע; טרייבסט זיי אָפּ דאָ, קומען זיי דאָרטן. גרויסע חצופות זיינען געווען אונדזערע ציגן, קיין ברעקל דרך־ארץ ניט געהאַט, ניט פאַר מיר, ניט פאַר דער סוכה.

ביים צודעקן די סוכה האָט מען זיך טאַקע אויך אַן אמת ניט געקאָנט באַגיין אָן מיר. איך האָב געדאַרפט צוהאַלטן די שטול, אויף וועלכער דער טאַטע איז געשטאַנען אויף די שפּיץ פינגער, דעקנדיק דעם סך, און ער האָט געזאָגט, אַז די שטול, קוים וואָס זי שטייט, און ער איז געווען גערעכט. וואָרים טאַקע אַ פּאָר מאָל זיינען מיר אַלע דריי

געפאַלן — די שטול, דער טאַטע און איך. מיר האָבן געדאַרפט גומל בענטשן, וואָס מיר זיינען קיין קאַליקעס ניט געוואָרן.

איך האָב אויך געדאַרפט מיט אַ שטעקן פון אינעווייניק אין דער סוכה אָנווייזן דעם טאַטן, וואו ס'איז ווייניק און וואו צופיל סכך. מיין טאַטע האָט דאָס שטאַרק אָפּגעהיטן. ער האָט מיר דערקלערט, אַז אויב ס'איז דאָ מער זון ווי שאָטן איז די סוכה פּסול.

מאָלע וויפיל מעלאָכעס עס זיינען נאָך געווען אַרום דער סוכה. רייניקן, אויסקערן, אויסשיטן מיט געלן זאַמד, צושלאָגן ראָגזשעס אויף די ווענט, דער ווינט זאָל שבת די בענטש־ליכט ניט אויסלעשן, אַריינ־שלעפּן דעם טיש, שטעלן די בענקלאַך, אונטער איין פיסל פון טיש געדאַרפט אַ שפּאָן אונטערלייגן, אונטער דער אַנדערער — אַ גלאַטן שטיינדל, ער זאָל אַזוי ניט אַרומגיין „כאָדאָראָם" און נאָך די יויך אויסגיסן. אַ שטריקל צום טשוואָק אין טיר האָט מען געדאַרפט צו־בינדן אָנשטאָט אַ קליאַמקע. דאָס זיינען אַלץ געווען אַזעלכע נויטיקע מעלאָכעס, און איך האָב זיי געטאָן מיט אַזאַ גרויס חשק! אגב, האָט זיך מיר טאַקע דער עסק אויך געלוינט. באַ די שטוביקע איז מיין פּראַצע געווען זייער אָנגעלייגט, און איך האָב דערפאַר געקראָגן אַ גוטן טייגל, אַ יום־טוב'דיק שטיק איינגעמאַכטס און אַ פּאָר הויפּנס ניס.

אַ וואוילער יום טוב געווען סוכות, אָבער טאַקע גאָר אַ וואוילער די סוכה אַליין איז נאָך פאַר מיר ניט גענוג געווען. עס איז נאָך געווען צו מאַכען אַ פאָן אויף שמחת־תורה, ליימענע לייכטערלאַך אין שול אַריין, און דערהויפּט — לויפן אין וואַלד הושענות רייסן... און צוצע־רייסן דעם שפּאַנציריק, די זופּעצע, די הענט און דעם פּנים — וואָס איז אַ סך מער ווערט געווען, נאָך דער מאַמע'ס מיינונג נאָך, איידער די קאַפּיקענע הושענא; אָבער גיי רייד מיט אַ מאַמען, וואָס איז קיינ־מאָל קיין אינגל ניט געווען און איז אין חדר ניט געגאַנגען! ווען איך האָב דערלאַנגט דעם טאַטן אַ הושענא און ער האָט געזאָגט: „אוי וואַ, טאַקע אַ מהודר", איז צו מיין נחת און פריידן גאָר קיין שיר און קיין סוף ניט געווען.

און דערנאָך ערשט, שוין גאָר צום סוף, ביים סאַמע עק פון די יום־טובים — שמחת־תורה.

ווי אַ טייער צימעסל נאָך אַ גוטער סעודה, ווי אַ געשמאַקער פאַר בייסן, איז אָנגעקומען דער ליבער, פריילאַכער, לעבעדיקער שמחת־תורה.

איך האָב געטאַנצט און געשפרונגען, בין געגאַנגען אַ קאַראַהאָד און געקוילעט זיך, און ניט עפּעס מיט אינגלאַך, פּיזשיקעס, נאָר מיט אידן, מיט אמת׳ע גרויסע אידן מיט בערד — און האָב זיי אַריבערגע־יאָגט כפל כפלים.

הקפות ביז אין געגאַנגען אַלע זיבן: געגאַנגען מיט דעם טאַטן, מיט דעם זיידן, מיט דעם פעטער און מיט אַזוי אַ גוטן פריינט, אָדער אַ קרוב; אָבער דעם אמת׳ן טעם פון די ריכטיקע הקפות האָב איך ערשט דערפילט ווען מען האָט מיך אַליין — מכבד געווען מיט אַ קליינינטשקער ספר־תורה׳לע. דער שמש האָט בפירוש אויסגערופן מיך ביים נאָמען און האָט נאָך צוגעלייגט „החתן, הבחור". וואָס האָט מיך געמאַכט אַזוי לאַכן, אַיי, איז דאָס געווען גוט — אַ גרויל ווי גוט.

איך האָב זיך גלייך אַ לאָז געטאָן מיט מיין ספר־תורה׳לע אין דער ווייבערשער שול צו דער מאַמען. די באָבע, די מומעס און גלאַט ווייבער פלעגן מיך אַרומרינגלען, קושן מיין ספר־תורה׳לע, קושן מיך, קושן און קושן אָן אָן אויפהער. די מאַמע האָט געליכטן און געשיינט און געפּרעגלט זיך פון נחת. מען האָט מיך באַשאָטן מיט ניס און מיט אַלערליי גוטע זאַכן אָנגעשטאָפּט מיינע קעשענעס. די באָבע האָט מיך געהאַלדזט און צוגעזאָגט אויף נאָך יום־טוב גאַנצע גליקן, גע־מאַכט פאַרשיידענע מינעס און געקיצלט מיך.

מען האָט געבראַכט ווין אין שול, געטיילט די קינדער לעקאַך און צוקערקעלאַך, געמאַכט הויך אויפ׳ן קול די ברכה און ווידער אַמאָל געטאַנצט. אידן פון דער זייט האָבן די ראָד געמאַכט נאָך גרעסער און זיינען אויך אַריין אין קאַראַהאָד. כמעט אַלע, וויפיל מענטשן עס זיינען געווען אין שול, אידן, בחורים, זקנים און קליינע אינגלאַך, האָבן זיך גענומען פאַר די הענט, געטאַנצט אַרום דער בימה און געזונגען.

איך האָב קיינמאָל אין לעבן ניט געזען מיין טאַטן שכור; אפילו פורים, ווען מען איז מחויב צו טרינקען, איז ער אויך ניט געווען שכור, אָבער בגילופינ'דיק איז ער שמחת־תורה געווען. ער פלעגט איבערמאַכן ווי אַ ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט זינגט „שישו ושמחו בשמחת תורה" מיט אַן עכט סאָלדאַטסקן ניגון און אויסלאָזן מיט אַ פייף. ער פלעגט איבערקרימען די מתנגדים, זינגען אונטער דער נאָז, איטלאַכן וואָרט אויסגעצויגן אויף טאַטורעס, קלאַפּן איין נאָגל אויף דעם אַנדערן אָנשטאָט מיט די הענט, און ווי אַ ביישפּיל פון מתנגד'י־שער התלהבות פלעגט ער אויסלאָזן דעם „ותנו כבוד לתורה" מיט כלומר'שט אַ כראָפּען און אַן אַנשלאָפן ווערן. דער עולם האָט געלאַכט און געפּאַטשט בראַוואָ.

צו וואָרמעס האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן אַלערליי מעשות, גלייכווערטלאַך, וויצן און מיר פלעגן קייכן פון געלעכטער. אויסלאָזן אָבער פלעגט ער שטענדיק כמעט מיט געשיכטעס פון אידישער מסירת נפש, ווי אידן האָבן זיך מקריב געווען אויף קידוש השם. ער פלעגט דערציילן, ווי מען האָט די „סלאָוויטער" געפירט דורכ'ן „סטראָי": באַ איינעם פון זיי איז אַראָפּגעפאַלן די יאַרמולקע, האָט ער, ניט קוקנדיק אויף די שמיץ, אומגעקערט זיך נאָך דער יאַרמולקע. ער פלעגט פיל דערציילן פון דעם אידישן גלות און צוגעגעבן, אַז אין אַנדערע לענדער ווערן אידן ניט אַזוי גע'רודפ'ט, ווי אין רוסלאַנד. ער האָט פיינט גע־האָט די צאַרישע רעגירונג בתכלית השנאה, געווען איר אַ דם שונא און איז געווען מלא שמחה איטלאַכן מאָל, ווען די רעגירונג האָט געליטן ערגעץ אַ מפּלה.

אַן אַנדער מאָל האָב איך אַרויסגעזען דעם טאַטנ'ס גרויסע שנאה צו דער צאַרישער רעגירונג מיט יאָרן שפּעטער.

דעם 1טן מערץ, 1881, איז, ווי באַוואוסט, אַלעקסאַנדער דער צווייטער געפאַלן דורך אַ באָמבע פון דעם רעוואָלוציאָנער גרעני־וויצקי, אָבער אין די טעלעגראַמעס צו די פּראָווינציעלע שטעט אונ־דזערע אין דער ליטע, האָט מען געהייסן גאָט בעטן—דער קייסער, הייסט דאָס, איז געפערלאַך קראַנק. נאַטשאַלסטוואָ האָט געטריבן אידן

אין די שולן תהלים זאָגן. און מיין טאַטע האָט אויך דעם מאָל באַוויזן, ווי „גערירט” ער איז געווען פון דער סכנה פון דעם קייסער. ער האָט אויסגעקליבן אין תהלים דווקא דעם קאַפּיטל ק"ט, זיך שטאַרק געקוועטשט בײַ די ווערטער: „און זיינע קינדער זאָלן זיין יתומים, און זיין ווייב אַן אלמנה” און אויף זיי באַזונדער געשטעלט דעם טראָפּ.

אַז מען האָט געדאַרפט שווערן „טריישאַפּט” אין שול צו אַלעקסאַנדער דעם דריטן, איז דער טאַטע אַרומגעגאַנגען אין גאַס, כדי אויסמיידן אַ פאַלשע שבועה חלילה. ער איז אַ מינוט אין שטוב ניט געזעסן — און האָט זיך טאַקע אויסגעדרייט.

אַ שיינע מעשה האָט בײַ דער געלעגנהייט פּאַסירט מיט אונדזערן אַן אַלטן, זייער אַן אַלטן, באַקאַנטן גוי, וועלכער איז יענעם זונטיק גראד געקומען אין שטאָט זיינע סחורה פאַרקויפן און עפּעס איינקויפן. ער איז געזעסן אין שענק, און אויסטרינקנדיק אַ פּאָר גלעזלאַך, האָט ער פאַרביסן מיט אַ הייסינקן טאַראַן מיט יויך. דער פּריסטאַוו איז אַריינגעלאָפן און האָט אָנגעהויבן טרייבן די גוים אין קלויסטער אַריין — שווערן. כוועדאָס אָבער רירט זיך ניט פון אָרט און עסט זיך ווייטער זיין טאַראַן. ענדלאַך איז דער פּריסטאַוו צוגעלאָפן צו אים און אַ געשריי געטאָן: „דיר זאָגט מען, צי ניין? וואָס זיצסטו און פרעסט? גיי שווערן!” כוועדאָס ווישט זיך קאַלטבלוטיק אַרום מיט דעם אַרבל די מאָרדע און ווענדט זיך צום פּריסטאַוו: „וואָס האָסטו אַזוי קיין צייט ניט? וואָס איז די איילעניש? שווערן איז עפּעס אַ ביסן ברויט אויפצועסן, וואָס? אָט, זאָל ער פריער זיין אַ ווילע קייסער; אַז ער וועט זיין אַ גוטער, אַ גאָטספאָרכטיקער, וועל איך שווערן. אוודאי וועל איך שווערן. אָבער איצט, כל זמן מען ווייס ניט וואָס ער איז און מען קען אים ניט — זאָל גאָט היטן. ווער וועט דאָס גיין שווערן? א י ך — ניט. אָהאָ, אַ שבועה עפּעס אַ קלייניקייט, מיר נישט, דיר נישט, גיין שווערן. משוגע בין איך — ניין, איך גיי ניט”.

וואָס עס וואָלט געווען, אַז אַ איד וואָלט אָוועקגעלייגט אַזאַ דרשה, ווייס איך ניט. מסתמא וואָלט ער, אַז גוט, פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר, אויב ניט אויף קאַטאָרגע. אָבער כוועדאָס'ן האָט מען נאָר גע-

שלעפּט אין פּאָליציי, געסטראָשעט מיט שמיץ, מיט האַלטן אין טורמע. אָבער דער געוויסנהאַפטער גוי האָט זיך בשום אופן ניט אונטער־געגעבן. און אַזוי ווי ער איז געווען אין דאָרף אַ סטאַראָסטאַ, באַ־וואוסט פאַר זייער אַן אָרנטלאַכן באַלעבאָס, האָט אים דער איספּראַוו־ניק עטלאַכע מאָל גערופן „דוראַק" און אים אָפּגעלאָזן.

באַ מיין טאַטן איז כוועדאָס געוואָרן אַ גרויסער חשוב. מיין טאַטע האָט זיך גאָרניט געקאָנט פון אים אָפּליבן, און זיי זיינען געוואָרן גרויסע גוטע־פריינט. דעם טאַטן האָט ער דערציילט, אַז ער וואָלט ניט שווערן, ווען מען זאָל אים אפילו אין קרויט צעהאַקן. „און טאָמער וועט דער פיינער מענטש צוריק איינפירן פּאַנשטשינע, האַ? וועל איך אים שווערן טריישאַפט? וואו, ווער, וועמען, פאַר קיין געלט ניט. אַ, איך האָב זיך געגוג אָנגעליטן, וועל מיינע אייניקלאַך פאַר־זאָרגן".

מיין טאַטע האָט פון דעם רוב דאַוונער אין איטוליעס שול ניט שטאַרק געהאַלטן. זיי זיינען געגאַנגען אין קורצע זופּעצעס, פאַנטאַלאָ־נעס איבער די שטיוול און פיל פון זיי האָבן געטראָגן ווייסע מאַניש־קעס, וואָס עס איז מיין טאַטן גאָר ניט ליב געווען; און ווען ניט דאָס, וואָס זיינע עלטער זיידעס האָבן דאָרטן געדאַוונט, וואָלט ער זי שוין לאַנג איבערגעביטן אויף דער פאַריצער שול, וואו עס האָבן געדאַוונט די אמת׳ע ליבאַוויטשער חסידים, די גאָר גרויסע און אָנגעזעענסטע אין שטאָט. אָבער ער האָט אין איטוליעס שול אויך געהאַט אַ פּאָר מקורבים און אָט זיי זיינען דאָס איצט געקומען „גוט יום־טוב ביטן".

איין איד, אַן עלטערער, ר׳ קאַרפּל, וועלכער האָט געהאַנדלט מיט מעל און אַ גאַנצע וואָך איז ער געווען פון קאָפּ ביז די פיס, אפילו באָרד און פּאות פאַרשאָטן מיט מעל, אַז מען האָט ניט געקאָנט צורירן זיך צו אים ניט ווערנדיק וויים, איז געווען אַ גרויסער למדן און אַ „גוטער" חסיד, פלעגט דער טאַטע זאָגן. דער טאַטע פלעגט זיך מיט אים שטענ־דיק האַמפּערן, קיינמאָל האָבן זיי ניט מסכים געווען איינער מיט דעם אַנדערן. אָבער זיי האָבן געהאַט דרך־ארץ איינער פאַר דעם אַנדערן און האָבן דווקא האָלד געהאַט צו פאַרברענגען אינאיינעם.

יאָשקע, אסתר דער מויד׳ס צווייטער מאַן (אַזוי פלעגט מען אים רופן אין שטאָט), איז געווען דער צווייטער אורח. ער איז געווען זייער אַ הויכער איד, וואָס האָט שטענדיק, זומער און ווינטער, געטראָגן אַ גראָבע רויטע פאַטשיילע אויפ׳ן האַלדז, אַ היטל אָן אַ ברילק און די אויערן פאַרשטאָפּט מיט וואַטע. ער איז ניט געווען קיין למדן, אָבער זייער פרום. אין שול פלעגט ער קומען טאָג־איין, טאָג־אויס, אַרום דריי אַ זייגער באַגינען. און אַריינגייענדיק אין שול פלעגט ער מיט זיין גאַנצער הויך אַ נייג טאָן זיך צום ארון קודש און זאָגן:

— אַ גוט מאָרגן דיר, גאָטעניו, אַ גוטינקער מאָרגן, האַרציקער פאָטער, דאָס איז דיין קנעכט יוסף, — און רייבן זיך די הענט פון פאַרגעניגן.

דער דריטער אורח איז געווען אַ לייביקער איד, לייבקע דער שול־קלאַפּער. עס איז געווען זיין חזקה פון אַ סך יאָרן, ערב שבת פאַר־נאַכט גיין איבער די קראָמען און מיט אַ גרויסן הילצערנעם האַמער קלאַפּן אין טיר, דאָס הייסט, אַז עס איז שוין צייט פאַרמאַכן די קראָמען און חלילה ניט מחלל שבת זיין. איך געדענק שוין ניט אַלע זיינע פּרנסות, פון וועלכע ער איז געשוואָלן געוואָרן דריי מאָל אַ טאָג פאַר הונגער. איך געדענק אָבער איינע — די וויכטיקסטע, און דאָס איז געווען: רייבן שמעק־טאַבאַק. אַז ער פלעגט קומען אין שול אינ־דערוואָכן (שבת האָט ער געטראָגן זיין אַטלאַסענע זופּעצע), פלעגט דער גאַנצער עולם אַרום אים אָנהויבן ניסן, הוסטן און ניסן — אויף וואָס די וועלט שטייט. ער פלעגט אָפּזיצן אין שול כמעט דעם גאַנצן ערשטן האַלבן טאָג: דאַוונען, לערנען און זאָגן גיך־גיך און נאָר איבערבייסן מיט אַ געשמאַקן „האַפּטשי"...

עס זיינען נאָך אונטערגעקומען אַ פּאָר פאַרשפּעטיקטע קרובים און מען האָט פאַרבראַכט אין זינגען און הוליען ביז שפּעט, שפּעט אין דער נאַכט אריין. דעם טאַטן איז געווען גוט דערמאָלט, ווי גאָר דער וועלט. ער האָט זיך באמת געפרייט מיט שמחת־תורה און איז געווען גאָר אין זיבעטן הימל. אָבער מיר איז געווען נאָך אַ סך בעסער איידער אפילו אים. איך בין ממש זאַט געווען פון גליק און צו מיין הנאה

פֿון יענעם יום־טוב איז גאָר קיין שיר און קיין סוף ניט געווען... איך האָב דעמאָלט אינגאַנצן פֿאַרגעסן אָן דעם חדר מיט דעם רבי'ן, עס זיינען אָפּגעמעקט געוואָרן די קלעפּ, פּעטש און קולאַקעס. בין געווען פֿאַרטאָן, אינגאַנצן פֿאַרטאָן, מיט אַלע אברים און חושים פֿאַרטאָן אין דעם זיסן, ליבן יום־טוב און האָב זיך געפֿרעגלט פֿון גדולה.

אַיי, אַן עבירה, וואָס יענע טעג זיינען שוין לאַנג פֿאַרביי.

אוים יום טוב

וועק איז דער ליבער זומער, אוים סוף זמן. און די טייערינקע יום-טובים זיינען שוין אויך פאַרביי! דער „לעצטער שטרויעלע“, דער „שבת בראשית“, איז שוין אויך אַריבער... די מאַמע האָט שוין אָפּגעזאָגט „גאָט פון אברהם“ און „דער ליבער שבת קודש גייט אַהין“ און דער טאַטע איז געקומען מיט „אַ גוט וואָך!“... די אָרימע, אומעטיקע „הבדלה“ האָט אָנגעטראָגן אַ מרה-שחורה. דאָס האַרץ ציטערט, קלאַפּט ווי מיט אַ האַמער; עס נאָגט און ציט אינווייניק. עס ווילט זיך מיר וויינען, גוט-גוט אויסוויינען זיך, אויסגיסן דאָס האַרץ, באַקלאָגן זיך אויף מיין ביטערן גורל. אָבער פאַר וועמען? קאָן איך דען דעם טאַטן דערציילן מיין ביטער האַרץ, זאָגן אים, אַז דער חדר שטייט מיר ווי אַ ביין אין האַלדז און איז מיר מיאוס ומאוס? אָדער זאָל איך אַרויספּאַלן מיין גוטער מאַמען אויפ'ן האַלדז און בעטן זי, זי זאָל מיך אַרויסראַטעווען פון חדר, וואוהין איך וויל ניט גיין, אַזוי ווי מען וויל ניט שטאַרבן? — איך וועל זיך דאָך נאָר מיאוס מאַכן, פאַרלירן דעם גאַנצן חן, וועל פאַררעכנט ווערן פאַר אַ לאַבוס, אַ באַד-יונג. וואָס וויל אין חדר ניט גיין און העלפן וועט דאָך דאָס מיר סיי ווי ניט. אַיי, עס איז שלעכט, עס איז ביטער.

איבער'ן שטוב האָט זיך ווי אַ כמאַרע פאַרצויגן; אַ שווערע, פינצטערע כמאַרע! דער מאַמע'ס פנים, וואָס האָט זיך איבער די יום-טובים אויסגעגלייכט, האָט זיך איצטער ווידער פאַרקרימט, צעקאָרטשעט געוואָרן און אַלט. זי זיצט און שאָקלט מיט דעם קאָפּ און זאָגט איר פזמון, די אַלטע טענות אירע:

— אין קראָם איז ניטאָ קיין קאָפּ סחורה, חובות איבער'ן קאָפּ,

וואָס ענטפערט מען, וואָס זאָגט מען יענעם ? — אַ מרדכי־לייבן, אַ נאשע מוניעס, אָדער דער אָרימער, וויסטער אלמנה,ביילקע דער חלפ׳נערין ? אַריינפאַלן אין איר מויל — אײַ, בעסער ניט צו דערלעבן ! אַזוי פיל זיך אויסגעבראַכט אויף די יום־טובים. עפּעס אַ קלײנקײט, ווי אויסגע־בראַכט זיך ! וואָס פאַר אַ גוטס קאָן אַרויסקומען, אַז אַ אידענע דאַרף זיין אַ פרנסה געבערן ? אַ שטוב, קיין עין־הרע, מען דאַרף און מען דאַרף : אַ שוך, אַ קלייד, שכר־למוד, דירה געלט, און גאָרניט ! אַ מאַנס ביל זאָל דאָס אָרן פון דאַנען אַהער, — גאָר ניט זיין זאַך — אײַ, אַ מזל האָב איך ! בעסער אויסגערונען און אויסגעשוואומען זאָל מען ווערן, איידער האָבן אַזאַ מזל !

דער טאַטע לויפט אַרום איבער׳ן שטוב הין און צוריק אַ צערייצ־טער און וואַרפט אונטער, פון צייט צו צייט, אַ וואָרט, מאַכט אַ ניט אנגענעמע האַוואַיע, ברומט און הומקעט :

— אַהאַ, די בריה מיינע האָט זיך שוין פאַנאַנדערגעשאָקלט. אירע פרנסות. אַז דאָס הערט ניט און פאָלגט ניט דעם מאַן ; וואָס איר מאַן, ווער איר מאַן — אַלץ ווייסט דאָס בעסער, קאָן בעסער, באַנעמט מיט איר קעצישן קאָפּ בעסער — און זי רעדט נאָך ! זי איז נאָך גערעכט ! הם, הם, עפּעס אַן אַנשיקעניש, זאָל זיך דער אויבערשטער דערבאַרימען.

מיר זיינען זייערע רייד אין דעם לינקן אויער ניט אריין. די זײ־טיקע רייד, וואָס האָבן מיט מיר זיך גאָרניט אָנגעקערט, האָבן מיך נאָר צערודערט און ווי מיט שפּיזלאַך געשטאָכן. זייער גלייכגילטיקייט צו מיר און דעם וואָס מיר שטייט פאַר מאָרגן און דאָס, וואָס זיי פאַרנעמען זיך גאָר מיט עפּעס פוסטע זאַכן, האָט מיך טיף געקרענקט. מיר איז געוואָרן ענג, האָב קיין אָרט ניט געפונען און בין אַנטלאָפן צו זיך אויפ׳ן געלעגער.

איך דריי זיך פון איין זייט אויף דעם אַנדערן, איך קלער, טראַכט און זוך עצות : גוואַלד, ווי ווערט מען פטור פון חדר ? ניט חלילה אויף שטענדיק — דאָס איז מיר אויפ׳ן זינען גאָרניט אַרויף, — נאָר ווי שטופּט מען אָפּ די צרה כאָטש אויף נאָך אַ ווײַלע, ווי ווערט מען אנט־

רונען פון דעם אומגליק כאָטש מאָרגן, כאָטש נאָך איין טאָג זיין פריי, איין איינציקן טאָג?

לאַנג, לאַנג האָב איך זיך אַזוי אַרומגעדרייט. מיין גאַנץ פּנים האָט געפלאַמט ווי פייער, דער קאָפּ האָט מיר ווי געטאָן און איך בין געווען שטאַרק אין כעס אויף גאָר דער וועלט. אַלעמען, אַלעמען האָב איך דעמאָלט פיינט געהאַט, אפילו דעם טאַטן און מאַמען פיינט געהאַט.

אין שטוב איז געוואָרן שטיל. די מאַמע איז מיד געוואָרן שאָקלענ־דיק זיך. „און וואָס קומט אַרויס פון די רייד?" האָט זי זיך געלייגט שלאָפן. די איבעריקע הויז־געזינט איז שוין לאַנג געשלאָפן. געבליבן איז נאָר דער טאַטע, זיצנדיק איבער ספר, אין וועלכן ער האָט געפונען אַ טרייסט און אַן אָפּרו אין אַלע ציטן.

דערהערנדיק, מסתמא, אַז איך שלאָף נאָך ניט, פרעגט ער מיך מיט אַ באַזאָרגטן קול:

— וואָס איז די מעשה, ישראליק, פאַרוואָס שלאָפסטו עפּעס ניט?

— און ניט וואַרטנדיק אויף מיין ענטפער, רעדט ער ווייטער: — ביסטו אפשר ניט אינגאַנצן, חלילה? אוודאי אַן איבעריקן ביסן געכאַפּט, וואָס? — און גייט שוין צו מיר צו און טאַפּט מיר דעם קאָפּ: — הם, הם, גאַנץ וואַרים, — טענה'ט ער צו זיך אַליין. — הער נאָר, — ווענדט ער זיך צו מיר, — אויב מאָרגן פרי וועט דיר דער קאָפּ נאָך אַלץ ווי טאָן, זאָלסטו זיך ניט דערוועגן גיין אין חדר... שלאָף אַזוי שפּעט ווי דו ווילסט. נישקשה, אויף מיינע אחריות!...

ניט איינמאָל פריער שוין האָב איך גאָט געבעטן, אַז איך זאָל קראַנק ווערן און פטור ווערן פון חדר אויף אַ ווײַלע. איך האָב אויך פּרובירט, פון מיין צד, אונטערהעלפן דעם רבונו של עולם און בין אין אַ ברענענדיקן פראָסט מוטער־נאַקעט אין דרויסן געלאָפן, כדי צו פאַר־קילן זיך; איך האָב עטלאַכע מאָל געפּרוּווט איבערעסן זיך; איך האָב ביז בלוט דעם נאָז געקלאַפּט. אָבער אומזיסט. גאָט איז אַ צו להכעיס־ניק. אָט דווקא די, וועלכע ווילן געזונט זיין, מאַכט ער קראַנק און מיינע תפילות און מיינע מיטלען האָבן מיר אפילו אַ האָר ניט געהאָלפן — איך בין געזונט געווען ווי אַ שטיין און אין חדר געמוזט גיין. און איצט

קומט דער טאַטע אַליין און פירט מיך אַרויף אויף גאָר אַ נייעם פּלאַן — מאַכן זיך קראַנק! אַיי, וואָס פאַר אַ גוטער פּלאַן; אַיי, וואָס פאַר אַ טייערן טאַטן איך האָב! ווי ליב איך האָב אים איצט, וואָס פאַר אַ חכם ער איז.

עס האָט ניט לאַנג געדויערט און ווען איך האָב זיך אינגאַנצן באַרואיקט, בין איך, פאַרשטייט זיך, געשמאַק אַנשלאָפן געוואָרן.

ווען איך בין אויפגעשטאַנען אַ ביסל שפּעטער איידער אַלע טאָג, איז דער טאַטע שוין לאַנג געווען אַוועק אין שול און האָט אָנגעזאָגט דער שוועסטער, אַז אויב איך וועל זיין ניט מיט אַלעמען, זאָל איך למען השם ניט גיין אין חדר און אויך קיין אָנבייסן ניט עסן. די לעצטע העלפט פון דער בשורה איז געווען גאָר אומדערוואַרטעט — אויף אַזאַ מפּלה האָב איך זיך בשום אופן ניט גערעכט, און האָב אַליין ניט געוואוסט, וואָס איך זאָל טאָן? איך האָב זיך לאַנג געשלאָגן מיט דער דעה. די גרויסע נעכטיקע שנאה צום חדר האָט איצט עפּעס פאַרלאָרן איר גאַנצע שאַרפקייט, דער חדר האָט זיך ניט פאָרגעשטעלט מער אַזוי שוואַרץ און שלעכט, אַגב איז אין דרויסן געגאַנגען אַן אומעטיקער, פאַמעלאַכדיקער רעגנדל, וואָס האָט געמאַכט אוממעגלאַך צו שפּילן זיך און אַרויסלויפן, און אַז איך בין געוואָרן גוט הונגעריק, האָט דער יצר הרע און דער אַפּעטיט מיך בייגעקומען.

אַ חבר פון חדר, וואָס דער רבי האָט צו מיר געשיקט, איז געקומען געוואָר ווערן, פאַרוואָס איך בין ניט געקומען. און ניט לאַנג טראַכטנדיק בין איך מיט אים אַוועק אין חדר.

ביידע, אי דער טאַטע, אי דער רבי, האָבן זיך גאָר ניט געקאָנט אָפּ׳חידוש׳ן פון מיין גרויסן חשק צום לערנען. האָבן מיך שטאַרק געלויבט דערפאַר. „אַפילו קראַנקערהייט איז ער אין חדר געלאָפן" — האָבן זיי איבערגערעדט. זיי האָבן מיך אַרויסגעשטעלט ווי אַ מוסטער פאַר די אַנדערע חדר-אינגלאַך, זיי זאָלן זיך אָפּלערנען אַ מוסר פון מיר. מיין טאַטע איז געווען גאָר געהויבן באַ זיך מיט זיין וואויל אינגל. און דער רבי האָט אויך דאָס פאַררעכנט אויף מיין חשבון צו גוטן און עס איז געווען באַ אים זייער אָנגעלייגט.

ווינטער אין חדר

ווי שווער דער חדר איז ניט געווען ווינטער, איז בייטאָג נאָך אָבער געווען אַ האַלבע צרה — מען איז פֿאָרט אַרויסגעלאָפֿן אין דרויסן! דאָס איז מען געלאָפֿן צו כּיענע דער בלינצע בעקערין נאָך הייסע בלינצעס, דאָס איז מען געלאָפֿן אין קרעמל נאָך פּוטער, קעז, אָדער צום טישל אויפֿ'ן ראָג נאָך אַן עפּל; הכלל, מען איז געלאָפֿן גענוג, אָפּצופֿרישן זיך און איבערצורייסן די לאַנגווייליקייט. ווער שמועסט צווישן מנחה און מעריב — איז גאָר געווען חי געלעבט! דער רבי האָט קוים אַריבערגעטראָטן דעם שוועל — גיין אין שול צו מנחה און מעריב — האָבן מיר זיך מיט אַן אימפּעט אַ לאָז געטאָן צום גליטש. אינאיינעם מיט אַנדערע אינגלאַך פֿון די דערבייאיקע חדרים האָבן מיר אויסגעטאָקט און אויסגעשאַרפֿט אַ גליטש, אַז דער קייסער האָט אונדז געקאָנט מקנא זיין. מיר האָבן זיך געגליטשט אַ „קאָזאַצקע", געלאָזן זיך אויף איין פֿוס, געגאַנגען אויף אים „שמונה־עשׂרה" (מיט ביידע פֿיס אינאיינעם) און האָבן געוויזן אַלערליי קונצן און בריה'שקייטן. מיר האָבן זיך געדרייט אין אַ קאַראַהאָד אויף דעם גליטש און אַ גאַנצע כאָפּטע געלאָפֿן ווי זעלנער.

און טאָמער איז אימיצער געפֿאַלן און האָט צעבראָכן רוק און לענד, אַבי עס זיינען קיין סימנים ניט געווען און ניט אַרויסגערופֿן ביים רבי'ן קיין חשד, איז גאָר קיין מאַליער ניט געווען. מיר האָבן די יסורים פֿריילאַך אויפֿגענומען און קיינמאָל זיך ניט באַקלאָגט. איינמאָל איז טאַקע פּיישע מאשע פֿאַלטעס געפֿאַלן און האָט זיך אַזוי צעקלאַפּט די פּאַטילניצע, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט אויפֿהויבן.

מיר האָבן אים אַ גע'חלש'טן אַוועקגעטראָגן אהיים. ער איז אָפּגעלעגן צווישן לעבן און טויט אַ גאַנצן חודש, אָבער אַזוי ווי, אויף אונדזער גליק, האָט אים אָפּגענומען דאָס לשון, האָט קיינער ניט געוואוסט פון דער סיבה און די גאַנצע זאַך איז אונדז אָפּגעלאָפן גלאַט.

דעם שניי האָבן מיר אויך ניט פאַרקוקט — מען האָט געמאַכט מענטשעלאַך אין און פון דעם שניי; מיר האָבן געבויט גאַנצע טור־רעמס, פאַלאַצן מיט טרעפּ און מיט אַ זעלנער מיט אַ ביקס בײַ דער טיר: אינווייניק האָבן מיר אַרײַנגעשטעלט אַן אָנגעצונדן ליכט און עס גערופן „דער נר תמיד“.

מיר פלעגן אויך לקח'ענען ערגעץ אַ שליטל און שליטלען זיך ביז די כתות האָבן געטראָגן. איינמאָל אפילו האָט דער קרעמער, — דער באַ'גנב'עטער, גע'מסר'ט פאַר דעם רבי'ן. עס האָט געהאַלטן גאַנץ שמאָל, עס האָט געשוועבט די סכנה, אַז מען זאָל אונדז אַלעמען שמייסן. האָט אָבער אונדזער אחדות געראַטעוועט... מיר האָבן אַלע אין איין קול געלייקנט שטיין און ביין און געשריען: „מיר ווייסן ניט“. עס מוז זיין אַ טעות, מיר זיינען דאָרטן גאָר נאָענט ניט געווען. געזאָגט האָבן מיר דאָס מיט דער חוצפה פון יאוש און אַרײַנגעוואָרפן דעם רבי'ן אין אַ ספק. ער האָט אָנגעהויבן בײַ דעם קרעמער אויסצופאָרשן, אויב ער איז זיכער, אָן ספק, אַז דאָס זיינען געווען מיר און ניט אינגלאַך פון אַן אַנדער חדר? באַשטייט ער נאָך אויף דאָס זייניקע? אפשר וועט ער אומזיסט רעדן שלעכטס אויף גמרא־אינגלאַך? יענער האָט עפּעס געשטאַמלט ניט זיכער און הינטערוויל אַרויסגערוקט זיך פון חדר. מיר זיינען אָפּגעקומען נאָר מיט דער שרעק און פּטור.

מיר פלעגן אַרײַנלויפן צוריק אין שטוב צעפראָרענע, צעקאַליע־טשעטע, מיט צעשפּאָלטענע הענט, מיט אָנגעריבענע נעזלאַך, אַ פאָר מינוט איידער דער רבי איז געקומען פון שול. מיר פלעגן זיך אויף גיך אַלע צעזעצן אויף דער ליעזשאַנקע, מעשה „סטאַטעטשנע“ אינגלאַך, דערציילן מעשות, ווער עס האָט נאָך געכאַפּט אַ ביסן אין מויל פון דעם פאַד־מיטיק, געווישט זיך דעם שוויים פון פנים מיט דער פאָלע

און געוואָרט אויף דעם רבי׳ן. איין גאָט ווייס, מיט וואָס פאַר אַ געמיט מיר האָבן אויף אים געוואָרט.

דאַוונען מנחה, מעריב, איז קיינעם פון אונדז קיינמאָל אפילו אויפ׳ן זינען ניט אַרויף. באַ זיך אין האַרצן זיינען מיר געווען אין גאַנצן פּטור פון אַזעלכע זאַכן. די תורה איז אונדז שוין אַזוי געקראָכן פון האַלדז אַז באַ אונדז איז געווען אַ געווינס אַ ברכה ניט מאַכן, ריזיקירנ-דיק אפילו צו כאַפּן פּעטש, אויב דער רבי זאָל דאָס באַמערקן. טאָמער איז אַמאָל אויסגעקומען שוין צו דאַוונען, פלעגט מען איבער-היפּן גאַנצע שטיקער, איבעררייסן גראַד וואו מען טאָר ניט און גרויס האַלטן זיך דערמיט.

אָבער ניט תמיד איז דער אַריינלויפן אין שטוב אָפּגעגאַנגען גלאַט. עס פלעגט פּאַסירן, אַז פון גרויס איילעניש פלעגט אימעצער, אין דער פינצטער, פאַרטשעפּן דעם עמער וואַסער און אַראָפּוואַרפן, אָדער גאָר די פּאַמאָיניצע איבערקערן — „קיין בעסערן גאַב“ האָבן מיר שוין ניט געדאַרפט. אַ חורבן, די גאַנצע תוכחה האָט זיך דערמאָלט אויף אונדז אויסגעגאָסן.

דער רבי, אַריינטאַפּטשענדיק אין דער פינצטער אין דער לוזשע וואַסער, איז געוואָרן אין כעס. און אָנצינדנדיק די ליכט, וועלכע איטלא-כער אינגל האָט וואַכנוויז געדאַרפט צושטעלן, האָט ער אָנגעהויבן דעם אַלט-באַקאַנטן מזמור:

— אַהאַ, די באַנדע שקצים האָט שוין דאָ די וועלט איבערגע-קערט! וואַרט נאָר, וואַרט, באַד-יונגען, איך וועל אייך שוין איבער-קערן. מען טאָר דאָך אויף איין מינוט זיי ניט איבערלאָזן, די ווילדע חברה! די קעפּ דרייען זיי אַראָפּ, קיין זאַך איז ניט צו קליין פאַר אַזעלכע באַנדיטן.

די באַלעבאָסטע, וועלכע איז אויך ערשט גראַד אָנגעקומען פון קראָם וועטשערע קאָכן און האָט קיין זאַך אויפ׳ן אָרט ניט געפונען, האָטשקעט נאָך אונטער דעם רבין און גיסט אייל אויפן פייער:

— וואָס דען, גוטס וועט אַרויסקומען פון אַזעלכע הידאַמאַקעס? זיי האָבן עפּעס זאָרג, דאגות, וואָס? אָט, בויאַנעווען, אויף די ווענט

קריכן. קינדער זיינען דאָס? שדים זיינען זיי דאָך, דער גאָט-גוטער זאָל זיי נעמען! חזירים צעלאָזענע, די הויט האָט מען זיי געדאַרפט אַראָפּשינדן. אַזוי לאָזט אויס די באַלעבאָסטע אויף אַ הויכער אָקטאַ-ווע און ווינקט בשעת מעשה מיט איין אויג צום רבי'ן.

ס'הויבן זיך אָן די „אויספאָרשונג". ווער האָט דאָס געטאָן?

אָפּלייקענען איז דאָך ניט שייך. די לוזשעס וואַסער פון בריק טייטלען אויף אונדז און זאָגן עדות אויף דעם פאַרברעכן. און דער רבי טענה'ט טאַקע: אַליין איז דאָך דער עמער ניט אַראָפּגעשפּרונגען, האַ? וואָס שטומט איר, וואָס? זע נאָר, זע, קענען נעבאַך קיין צוויי ניט ציילן. איך וועל אייך באַלד עפענען די מיילער, נישקשה, איר וועט שוין באַ מיר רעדן, און נאָך ווי!

און עס ווערט אַ געשריי, אַ ליאַרעם: איין אינגל שרייט איבער דעם אַנדערן, דער שווערט מיט זיין אידישקייט, אַז עס איז ניט ער, אָן אַנדערער כאַפּט אַ ציצה און שווערט, אַז ער ווייס ניט פון וואָס צו זאָגן, אַ דריטער זאָגט, אַז ער וואָלט אוודאי אויסגעזאָגט דעם רבי'ן, אָבער אין דער פינצטער האָט ער ניט געזען, ווער דאָס האָט געטאָן.

דער סוף אָבער איז געווייגלאך געווען אַ סך אַ בעסערער, ווי מיר האָבן זיך געריכט. אָדער דער רבי קומט אָפּ מיט דעם מוסר-זאָגן און מיר מיט דעם שרעק, אָדער ער פּאַטשט אָן, ס'רוב דווקא דעם שטילערן אינגל, און זאָגט:

— איך וועל זיך מיט אייך שוין אָפּרעכענען.

אין חדר באַנאַכט

די ערגסטע צייט אין חדר איז — די ווינטערדיקע נעכט, פון אַן ערך אַ זייגער פינף אין אָוונט ביז אַרום האַלב צען האָבן מיר זאַלבע זעקס — אַ חוץ דעם רבי׳ן און דער באַלעבאָסטע, וועלכע האָט געצירעוועט אַ זאַק, געדאַרפט זיצן צונויפגערוקט אַרום דעם איין ליכטל און אָן אַן איבעררייס לערנען און לערנען. אַך, ווי שווער און ביטער, ווי משונה׳דיק לאַנג די אָוונטן האָבן זיך געצויגן. די ערשטע שעה, די אַנדערע האָט זיך געלערנט נאָך גאָר נישקשה. דער בין השמשות׳דיקער שפּילן אין דרויסן האָט משמעות אונדז אָפּגעפרישט און גוט געווירקט אויף אונדז, אָבער דערנאָך זיינען מיר געוואָרן מיד און פאַרמאַטערט. דער קאָפּ איז געווען דול, די גלידער פאַרגליווערט, אַלע ווילע געגענעצט און דער לערנען איז אין קאָפּ ניט געקראָכן. עס האָט ניט געהאָלפן דעם רבינ׳ס געשריי און בייזערן זיך, עס האָבן אויך ניט געהאָלפן די פייערדיקע פּעטש, קולאַקעס און דער דרייען פאַר די אויערן. דאָס לערנען האָט זיך ניט געקלעפּט. פאַרקערט, וואָס מער דער רבי האָט געשלאָגן, אַלץ וויינִיקער האָט מען זיך אַריינגעלייגט. די אויגן, וועלכע האָבן זיך נאָך פריער געקלעפּט, זיינען איצט פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן און מען האָט שוין פאַרלאָרן אפילו וואו מען האַלט — אַ חטא, פאַר וועלכן דער רבי זבולון פלעגט ווערן מורא׳דיק אויפגעבראַכט. ער האָט פאַר כעס אַזש מיט די ציין געקריצט, געקניפּט די באַקן, געריסן און געביסן.

אָבער קיין מיטל צו דערוועקן באַ אונדז מער חשק צו דער גמרא איז דאָס ניט געווען. מיר האָבן געלערנט — אוודאי האָבן מיר געלערנט, מיר האָבן דען אַן אַנדער ברירה געהאַט? — אָבער דאָס

לערנען איז געווען אַן אַ טעם און אַן אַ ריח. אַט, ווי אַ בהמה קייט קלייען. עס פאַלט מער אויף די זייטן, איידער עס קומט אַן איר אין מויל אַריין. ניין, די לעצטע פּאָר שעה לערנען איז געווען נאָר אַן אָפּקומעניש.

אָבער ווי שלעכט און ביטער עס איז ניט געווען די גאַנצע וואָך, איז דאָס לגבי דאָנערשטיק געווען נאָר אַ פאָרשפּיל. אינמיטן וואָך פלעגט נאָך פּאַסירן, אַז אַמאָל איז דער רבי געווען בעסער אויפגע־לייגט, אַמאָל האָבן מיר זיך אָנגעטאָן אַ כח און „אַריינגעלייגט זיך" און אַמאָל פלעגט געשען אַ נס פון הימל און ר'אברהם, דער באַלעבאָס פון חדר, פלעגט זיך אַריינמישן — צי אין דעם ענין, וואָס מען האָט געלערנט, צי גאָר וועגן אַ זייטיקער זאַך, כאַפּן אַ שמועס מיט דעם רבי'ן וועגן פּאָליטיק, למשל, אָבער די איין־טאָניקייט, די לאַנגווײ־ליקייט איז געווען איבערגעריסן און מיר האָבן זיך גאָר מחיה געווען. מיר פלעגן שטענדיק גאָט בעטן, אַז ר' אברהם זאָל זיך אַריינמישן. מיר האָבן געוואַרט אויף דעם, ווי אויף משיח'ן און האָבן ר' אברהמ'ען מיט זיין ציגן־בערדל האָלט געקראָגן, אַ גרויל ווי האָלד. אינמיטן דער וואָך האָבן מיר געהאַט כאָטש האָפנונגען, אַלע ווײַלע געוואַרט אויף אַ דערלייזונג — אָט־אָט וועט ר' אברהם עפּעס פאַרבינדן מיט דעם רבי'ן אַ שמועס, אָבער ניט דאָנערשטיק. דאָנערשטיק האָט זיך אַלץ אויסגעלאָזן. אַיי, דער דאָנערשטיק, דער דאָנערשטיק, — דאָס איז געווען אונדזער יום־הדין, ערגער ווי צו אַן אָפּעראַציע גיין. מיר האָבן געדאַרפט דאָנערשטיק אָפּגעבן דין וחשבון פון אַלע לימודים פאַר דער גאַנצער וואָך. און ניט עפּעס אַבי ווי זאָגן, נאָר גוט און קלאָר; ווי אַ וואַסער האָבן אַלע געמוזט פליסן און רינען, גיך און גרינג, ניט פאַרפּלאָנטערן זיך און ניט שטאַמלען, חלילה. מען האָט געמוזט לערנען הויך, אויפ'ן קול, מיט חשק און ברען שאָקלען זיך איבער דער גמרא. דאָנערשטיק האָט דער רבי פון חדר ניט אַרויס־געלאָזן. און אַ חוץ דעם איז סיי ווי ניט געווען וואוהין צו גיין. כיענע די בלינצע־בעקערין האָט דאָנערשטיק נאָך האַלבן טאָג פאַר־נומען זיך מיט חלות באַקן; אין די קרעמלאַך האָט מען זיך אויך אויף

אונדז ניט אומגעקוקט, צוליב די ווייבער, וואָס האָבן איינגעקויפט אויף שבת. אין דרויסן איז געווען קאַלט, פינצטער און ניטאָ קיינער. איז קיין ברירה ניט געווען נאָר צו זיצן אין חדר און קוקן כסדר אויף די ווייזערס פון זייגער, וועלכע האָבן געמאַכט יד אחת מיט׳ן רבי׳ן אין געקראָכן אויף צו להכעיס פּאַמעלאַכקע. קוים־קוים פון אָרט גערירט זיך.

דאָנערשטיק אויף דער נאַכט האָט דער רבי קיין ברעקל איינזען ניט געהאַט מיט אונדז, האָט די קלענסטע קלייניקייט ניט מוחל געווען, פון קיין ברעקל רחמנות ניט געוואוסט. ווי אַ קאַלטער גזלן איז ער געשטאַנען איבער אונדז מיט דעם פּאַס אין האַנט און האָט אים אַראָפּגעלאָזן אויף אונדזערע פּלייצעס מיטן גאַנצן הארצן, עס זאָל גוט ווי טאָן. און געטאָן האָט ער עס גאַנץ אָפט און ניט געזשאַלעוועט. מיר זיינען געזעסן אין געהאַקטע וואונדן, אָן אַ ברעקל האָפנונג, פול מיט יאוש און צער און געווען גרייט אָנצונעמען דעם רבי׳ס שטראָף ביז צום סאַמע סוף...

נאָר איינמאָל, געדענק איך, האָט גאָט אליין אויף אונדז רחמנות געהאַט: אין רעכטן מיטן פון אַ הארבן תוספות, וועלכן איך און מיין חבר יודל האָבן זיך געקוועטשט גלאַט צו מאַכן פאַר דעם רבי׳ן און פאַר וועלכן מיר האָבן שוין אַ גוטע „פּאַרציע״ באַקומען אַן אויפגאַב און אַ צוזאָג פון דעם רבי׳ן אויף מער נאָך שפּעטער, — פּונקט ווען דער רבי האָט אויסגעשטעלט אויף אונדז זיינע גזלנ׳ישע אויגן און אויפגעהויבן מיט אימפּעט דעם פּאַס, פּונקט דעמאָלט האָט זיך געעפנט די טיר און ר׳ אברהם איז אַריינגעלאָפן, ניט געקענט כאַפּן דעם אָטעם, און האָט מיטביידע הענט אַ מאַך געטאָן און געזאָגט מיט אַ ציטערדיקן קול:

— שאַ, שטיל, שרעקט זיך ניט, עס „נעצט״, אין שטאָט „נעצט״.

— עס ברענט, עס ברענט, אַ שריפה, — האָט זיך גיך געטראָגן פון מויל צו מויל און גלייך זיינען אַלע געשפּרונגען, געלאָפן איינער איבער דעם אַנדערן. וואָס מיר רבי, ווען מיר גמרות — אַלע זיינען זיך צעלאָפן.

שריפות

שריפות זיינען בײַ אונדז ניט געווען קיין נאָווינע. אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק פֿלעגן זיי זיך מאַכן, אָבער דאָס רוב, ווי אונדז אויף להכעיס, פֿלעגן זיי זיך דווקא מאַכן זומער, און דווקא גראַד אין מיטן נאַכט, ווען עס איז זיך אַזוי געשמאַק געשלאָפֿן און דער רבי מיט דעם הדר האָבן זיך גאָרניט גע׳חלומ׳ט אפֿילו. ס׳איז גאָר קיין אונטערשייד ניט, וואו די שריפֿה איז געווען, עס האָט געמעגט זיין אין דעם אַנדערן עק שטאָט, האָט מען די ערשטע זאַך אויפֿגעוועקט די קינדער, אָנגעטאָן זיי און גיכער געפּאַקט די בעבעכעס. די קינדער וויינען, די פּנימ׳ער בלייכע, ס׳פּאַלט פֿון די הענט, מען אײַלט זיך, מען ברעכט און שטעכט דאָס ביסל אָרעמקייט און מען טוט זיך אַליין אָן מער שאָדן ווי די גאַנצע שריפֿה. עס האָט בײַ אונדז גע־טראָפֿן, אַז ערגעץ וואו האָט אַ שטאָל אָפּגעברענט און באַלעבאַטים האָבן גוטע כלים צעבראָכן, דעם גאַנצן מעבל הרוב געמאַכט און אַ סך האָב און גוטס פֿאַרלאָרן. אונדזער עולם איז געווען זייער אָנגעשראָקן. די שריפֿות זיינען געווען בײַ אונדז אַ מין מגפֿה. אַ שטאָט פֿון היל־צערנע הייזער — מויערן האָט מען ניט דערלויבט, צוליב דער פֿעסטונג וואָס איז בײַ אונדז געווען, און אַז עס פֿלעגט זיך אָנצינדן איין הויז, פֿלעגן זיך גלייך אָנכאַפּן אַנדערע, בפֿרט זומער, ווען די דעכער זיינען געווען טרוקן ווי ביין. און פֿלעגט זיך נאָך מאַכן אַ ווינט דערצו, איז טאַקע געווען סכנות נפֿשות. קוואַרטאַלן נאָך קוואַרטאַלן פֿלעגן אויפֿפֿלאַקערן; דער מאַרק, די שולן, אַ האַלבע שטאָט פֿלעגט אין אַ שעה, צוויי אַוועקגיין מיט׳ן פֿייער. מיר האָבן אפֿילו געהאַט אַ פֿייער־לעשער קאָמפּאַניע, אָבער זי איז באַשטאַנען פֿון זעקס אַלטע קליאַ־

טשעס, איינגעשפּאַנט אין זעקס וועגעלאַך; אויף איטלאַכן איז גע־שטאַנען אַ פּאַרטריקנטע פעסל, און אויסגעדינטע פּאָליציי־לייט, איינ־געהויקערטע פון עלטער אין דינסט, האָבן געדאַרפט דאָס פּליען באַ אַן ערך אַ צוויי וויאָרסט צו דער „באַברוילקע" נאָך וואַסער; האָט דערווייל די גאַנצע שטאָט געקענט אָפּברענען. ניט זעלטן האָט פּאַסירט, אַז דאָס וואַסער איז אויסגערונען פון פעסל איידער ס'איז געבראַכט געוואָרן צו דער שריפה. די קליאַטשעס האָבן אפילו גענוג שמיץ געקראָגן, אָבער זיי האָבן זיך געמאַכט ניט וויסנדיק און קוים גערירט זיך. דער טרייבער אויף דער קעלניע האָט זיך שטאַרק גע־האַטשקעט געשריען: „וויאָ, וויאָ", די דייזשקע וואַסער האָט זיך געטרייסלט און געפּליוכעט אויף אַלע זייטן, אָבער דעם פייער האָט דאָס ניט געלאָשן. און אַ שטאָט מיט אידן זיינען געוואָרן נשרפים.

דער געשריי און דער געוויין פון די קינדערלאַך, דער יאָמער און קלאָג פון די ווייבער און דער אָכצן און קרעכצן פון די מאַנסביל האָבן זיך אויסגעמישט אין דער לופט מיט דעם קנאַקן פון דעם פייער, מיט די טראַסקעס פון די אַראָפּגעפאַלענע באַלקנס און מיט דעם פּלאַצן פון גלעזערנע און פּאַרצעלייענע כלים. די פייער־צונגען און דער געדיכטער רויך האָבן ווי ווילדע חיות פאַנאַנדערגעבושעוועט זיך און אויף טויט געשראָקן די אָרומיקע. די טאַטעס זיינען אַרומ־געלאָפן ווי פאַר'סמ'טע, די מאַמעס האָבן געהאַלטן די קינדערלאַך אויף די הענט, באַם פאַרטוך, און געריסן זיך די האָר פון קאָפּ. איינער לויפט אַרום אין דער רעכטער סומאַטאָכע און פרעגט באַ איטלאַכן, וואָס פאַר אַ דאַטע איז היינט? און אַז ער ווערט געוואָר, פאַלט ער אין חלשות — גראַד נעכטן איז אויסגעגאַנגען זיין פאַרזיכערונג אויףביידע הייזער מיט דער קראָם, מיט דעם מעבל, האַק און פּאַק — און ער איז געבליבן אַן אָרימאַן.

אויף מאָרגן — די איבערגעבליבענע קוימענס האָבן, ווי מצבות, עדות געזאָגט: פּה נקבר — איז מען געקומען זוכן, ראַיען אין די חורבות, טאָמער איז עפּעס גאַנץ פאַרבליבן, און די ווייבער האָבן אַזוי ביטער געוויינט, ווי אויף קבר אָבות. עס פלעגט זיך באַלד דערפילן

א גרויסער דוחק אין שפייז, אָבער אַ דעפּעשע קיין מינסק פלעגט באַלד ברענגען הילף.

וואָכן לאַנג און אָפּטמאָל חדשים, פלעגן אידן באַלעבאַטים וואַלגערן זיך אויף אַ גרויסן, לײדיקן פּלאַץ וואו מען פלעגט מושטירן סאָלדאַטן, עסן טרוקנס, שלאָפן אויף די פּעק בעט־געוואַנט, וואָס מען האָט אַרויסגעכאַפּט, און ניט אויסטאָן זיך אָדער אַ העמד אי־בערבייטן.

שבת האָט מען אויף דעם פּלאַץ געדאַוונט בציבור, מיט אַלע קליפּערלאַך. טשאָלנט האָבן געקאָכט און געבראַכט די גליקלאַכערע, וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט. זיי האָבן אָנגעגרייט געניג פאַר אַלעמען. איינמאָל האָט געטראָפן אַ ניי אומגליק. דער עירוב האָט זיך גראָד שבת איבערגעריסן און די ווייבער, בחורים און מיידלאַך, וועלכע האָבן געטראָגן די טעפּ געקעכץ צו די נשרפים, זיינען גע־בליבן שטיין אויף איין אָרט — ניט אַהער און ניט אַהין. האָט אָבער אונדזער קלוגער רב גלייך מתיר געמאַכט צו טראָגן דאָס עסן צו די הונגעריקע און פאַרשפּאָרט אַ שבת׳דיקן תענית.

ביסלאַכוויז, ביסלאַכוויז קומט דער עולם צו זיך. ווער פריער, ווער שפּעטער — און עס הויבט זיך אָן בויען אַ נייע שטאָט. די אָרימע שטעלן אויף שאַלאַשן, אַ קלייטל, אַ קרעמל און אַ „כאַלופּקע״. די רייכערע בויען אוים נאָך שענערע הייזער ווי די פריערדיקע. און דאָס לעבן גייט אַוועק אויף דעם אַלטן שטייגער. מען הויבט אָן דעם אָטעם אָפּכאַפּן, צוריק זיך איינשטעלן — אָבער אַהאַ, אַ נייע שריפה. ווידער געוויין, צרות, יאָמער און טרויער.

יאָרן און יאָרן איז דאָס אַזוי געגאַנגען. דעם ערשטן אומגליק נאָך ניט פאַרגעסן, איז שוין געקומען אַ נייער און אַ גרעסערער, ביז — ביז אידישע יונגע לייט האָבן געגרינדעט אַ פרייוויליקע חברה פייער־לעשער.

הינדערטער־וויז פלעגן זיי קומען צולויפן, באַטאָג אָדער אין מיטן נאַכט, מיט העק און עמערס און פלעגן אַרבעטן ווי בינען. אַ חוץ דעם איז געווען אַ רעטונגס אָפּטיילונג, וואָס פלעגט אין די דער־

בייאיקע הייזער און קראָמען פּאַקן די זאַכן ווי געניטע מענטשן, שלעפּן די מעבל און דערהויפּט ניט דערלאָזן, אַז די געביידע זאָל זיך אָנכאַפּן.

אָבער דאָס איז שוין געווען מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב זיך אויך באַטייליקט אין דער „חברה". ווען איך בין אָבער נאָך אין חדר געגאַנגען, זיינען נאָך קיין פריוווילִיקע פייערלעשער ניט געווען און שריפות זיינען געווען גאָר אַ סך. אָבער זייער זעלטן אין ווינטער, און נאָך זעלטענער — זיבן אַזייגער אין אָוונט אין אַ דאָ־נערשטיק. מיר זיינען זיכער געווען, און די חדר-אינגלאַך פון די אַנדערע חדרים האָבן אויך מסכים געווען, אַז דאָס מאָל האָט דער אייבערשטער אַליין רחמנות געהאַט אויף אונדז. מיר האָבן געהאַט גוטע ראיות דערצו אויך: סך הכל איין קליין שטיבעלע, וואָס האָט אינגאַנצן אַ קנאַפּן ווערט געהאַט, האָט אָפּגעברענט. אי דאָס איז זי געשטאַנען ערגעץ אין עק וועלט און געהערט צו עפּעס אַ לאַטוטניק.

אַז מיר פלעגן אַרויסגיין דאָנערשטיק פון חדר, זיינען מיר געווען ווי נאַסע הינדעלאַך. מיר האָבן ניט געזונגען, ווי אַלע אַנדערע נעכט, ניט געוואָרפן זיך מיט שניי-קוילן, ניט געדרייט מיט די פּאַפּירענע לאַמטערנעס אַ ראָד און האָבן אפילו די געוויינלאַכע אילומינאַציע ניט געמאַכט — גוט אויסשמירן מיט חלב אַ לאַמטערנע און אָנצינדן זי. ניין, דאָנערשטיק איז דאָס אונדז אין קאָפּ ניט געלעגן. מיר זיינען געגאַנגען אַהיים אומעטיקע, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּלאַך און אינ־גאַנצן צעבראָכן.

די פּנימ'ער זיינען געווען פאַרשמירטע פון די אָפּגעווישטע טרערן, די אויערן זיינען געווען רויט ווי צונטער; די באַקן האָבן געפלאַמט, די נעזער צוגעשוואָלן פון דעם ווישן נאָכאַנאַנד און רייבן מיט דער פּאָלע, און דער קאָפּ האָט ווי געטאָן ממש ווי מיט אַ האַמער האָט געקלאַפּט אין די שלייפן.

אונדזער באַלעבאָסטע, די גרויסע בריה, וואָס האָט אַ קאָץ אַן עס ניט געקענט פאַרבינדן און אין שטוב-מעלאָכעס גאָרניט פאַרשטאַנען, האָט קומענדיק פון קראָם דאָנערשטיק אָוונט באַלד אָנגעהייצט דעם

אויזון ווי אַ גיהינום. „אַז די חלה זאָל אויפגיין, — האָט זי געזאָגט, — מוז זיין גוט ווארים". און עס איז געוואָרן אין שטוב ערגער ווי אין אַ באָד. עס האָט פּשוט געגודיעט, ממש צו חלשות האָט געשלאָגן.

עס האָט גאַנץ אָפּט געטראָפן, אַז דאַנערשטיק האָט דער רבי אַליין געמוזט אָפּפירן די אינגלאַך איינציקווייז אַהיים, — ער האָט מורא געהאַט פּשוט, אַז דער אָדער יענער זאָל ניט פאַלן אויפן וועג. דאָס גופא איז געווען, אגב פאַר אונדז אַ שטיקל באַפרידיגונג — אַ נקמה אָן דעם רבי'ן. אָט זאָל ער זיך אַרומשלעפּן אין אַלע עקן שטאָט מיט יעדן אינגל באַזונדער.

און אַז מען איז געקומען אַהיים אַ פאַרטשאַדעטער, פלעגט זיך ערשט אָנהויבן אַ גאַנצע סדרה: וואַשן דעם קאָפּ מיט הייסע וואַ־סער, זיצן מיטן הויכן אויף דעם קאַלטן שניי, און נאָך אַזעלכע גוטע מיטלען, וואָס זיינען געווען גוט אויספּרובירט און וואָס מען פלעגט דאָס רוב פון זיי אָפּשניידן מיט אַ שטאַרקער פאַרקילונג.

און אפילו אַז מען איז דורך אַ נס געקומען אַהיים דאַנערשטיק ניט פאַרטשאַדעט, האָט מען אויסגעזען אַזוי, אַז „אַ שענערן, ווי די מאַמע פלעגט זאָגן, לייגט מען אין קבר אַריין".

דער טאַטע פלעגט פאַר'גנב'עטערהייט אַ קוק טאָן אויף מיין פאַר'חושכ'טן פּנים און קרימען זיך, מורמלען עפּעס פאַר זיך אין באָרד אַריין, מאַכן אַ זויערע מינע און הומ'קען:

— הם, הם, אָט איז עפּעס אַ שוטה, אַ נאַר, הם, הם, אָן אומ־גליקלאַכער מתנגד וואָס דאָס איז! אַז דאָס פאַרשטייט ניט פון דאַנען אַהער. קען ניט פאַרנעמען דעם עיקר, נאָר פון אויבן־אויף, דער פּרא־אָדם איינער.

אויף מיר פלעגט ער אַלע ווילע וואַרפן בליקן, אָבער נאָר פון דער זייט, פלעגט אַלע ווילע צוגיין צו מיר; דאָ דאָס היטעלע צוי־רעכט מאַכן, דאָ די פּאות'לאַך אַרויסשאַרן און דאָ דעם קאָלנער פון זופּעצקע אויסגלייכן. ער האָט זיך געדרייט אַרום מיר, געשאַרט זיך אַרום מיר שווייגנדיק, אַ וואָרט ניט זאָגנדיק. אָבער איך האָב

דערפילט אַ ווארעמקייט, זיין ליבשאַפט האָט זיך צעגאָסן אין מיר און מיר איז געוואָרן גרינגער און פריילאַכער אויפ'ן הארצן.

איך האָב טיף אָפּגעאָטעמט, און דער טאַטע פלעגט כאַפּן די מינוט, אַ קוק טאָן מיר גלייך אין די אויגן אריין שמייכלנדיק און אַ פרעג טאָן:

— וואָס, ישראליק, דיינע שיפן זיינען אונטערגעגאַנגען?

איך פלעג אָנהויבן לאַכן. דעמאָלט האָט מיך דער טאַטע ערשט אָנגעהויבן גלעטן איבער'ן קאָפּ, אַ קלאַפּ טאָן אין פלייצקע, דערציילן מיר עפּעס אַ טשיקאַווע זאַך און מיך גאָר פריילאַך מאַכן. ווען אָבער דער טאַטע האָט אַ טאָפּ געטאָן מיר דעם קאָפּ און ער איז הייס געווען, האָט ער שוין מיט כעס געאָכקעט און געקוועטשט מיט די פלייצעס, איז גיך אַרומגעלאָפן איבער'ן שטוב הין און צוריק און אַלע ווײַלע אַרויסגעזייט פון די ציינער: „אָן אכזר, צו אַלע שווארץ־יאָר, ניט געדאַכט זאָל ער ווערן!" ער פלעגט שוין אַרומטאַנצן אַרום מיר און פרעגן, צי איך וויל עפּעס, צוליפן אַן אויפגערעגטער צו דער מאַמע'ס בעט און אומרואיק רעדן מיט איר. ער פלעגט מיך אַריינלייגן אין בעט און אָנזאָגן, אַז איך זאָל מאָרגן שלאָפן אַזוי לאַנג ווי איך וויל און גאָר קיין מורא ניט האָבן. געלייגט מיר אַ האַנטוך צום קאָפּ, געהייסן דעם צונג ווייזן זיך, נאָך אַמאָל געפרעגט צו וואָלט איך ניט וועלן עפּעס עסן און ווידער געלאָפן צו דער מאַמען. איך פלעג אים הערן שעפּטשען צו איר אויפגערעגט און בייז. זי פלעגט אים ענטפערן אַ סך געלאַסענער:

— נו, נו, אם ירצה השם מאָרגן וועט ער געזונט זיין.

די מאַמע, וועלכע האָט איר ליבשאַפט מיר אַרויסגעוויזן שוין גאָר אויף אַן אַנדער שטייגער האָט אָנגעהויבן מיט אַ קול פון געבעט, לאַסטשען און רופן מיך צו זיך:

— קום צו מיר, זונעניו, קום, קינדעלע מיינס, קום צו דיין מאַמען, קרוין מיינער. — און אַרומכאַפּנדיק מיך, פלעגט זי מיך אַריינגעמען אין בעט, אָפּשיטן מיך מיט קושן, גלעטן, מיט צוויי פינגער שאַרן

צאַרט און איידל איבער די האָר פון מיין קאָפּ, און מיר פלעגט פון גוטסקייט אָנהויבן זיך דרעמלען.

— יע, אַ אינגעלע מוז נעבאך טראָגן דעם יאָך פון חדר, דעם עול פון דער הייליקער תורה, אָבער דערפאַר לעבן מיר אַלע מיט דעם זכות פון די אינגעלאַך! ווען זיי וועלן אויסוואַקסן, וועלן זיי האָבן אַלדאָס גוטס, און אויף יענער וועלט וועלן זיי האָבן אַ סך עולם-הבא, זיי וועלן זיצן מיט גילדערנע קרוינען לעבן כסא הכבוד. מאָרגן אם ירצה השם וועל איך דיר געבן גוטע זאַכן: פייגן, באָקסער און צוקערקעס.

די לעצטע ווערטער, מוז איך זיך מודה זיין, האָבן ניט דער ערך מער אויסגענומען בײַ מיר איידער אירע פריערדיקע רייד, וועלכע איך האָב גאָרניט פאַרשטאַנען. אָבער איך האָב מורא געהאַט, אַז זי וועט זיי ניט מקיים זיין, ווי איר שטייגער איז געווען. פונקט דער היפוך פון דעם טאַטן, פלעגט זי מיך שטענדיק אָפּנאַרן און איך האָב וויניק אמונה געהאַט אין אירע הבטחות. אָבער איך האָב זיך דורך אירע רייד אינגאַנצן באַרואיקט. אויפ׳ן האַרצן איז געוואָרן פריילאַך און זייער אַנגענעם און איך בין געשמאַק אַנשלאָפן געוואָרן בײַ איר אין בעט.



פרייטיק און שבת

אויף מאָרגן, פרייטיק, איז פון דעם גאַנצן נעכטן אפילו קיין זכר ניט געבליבן, אַזוי ווי עס איז גאָרניט געווען. גאָר אַ נייע הויט פלעגט זיך פרייטיק אַרויפציען. דער דרויסן גופא איז געווען גאָר אַן אַנדערער, אַ סך אַ פריינטלאַכער. עס איז געווען גרינג און גוט, אַ מחיה.

דער נעכטיקער שטרענגער רבי מיט זיין מיאוס'ן גלאַנצנדיקן שטערן איז היינט געווען ווייכער און א סך הנ'עוודיקער. פרייטיק און שבת איז ער געווען צו אונדז מער צוגעלאָזט, ער האָט אַמאָל אַ שמייכל געטאָן, אַ פריינטלאַך וואָרט צוגעוואָרפן און אָפּטמאָל אפילו אין פלייצקע פריינטלאַך אַ קלאַפּ געטאָן. איצט דאכט זיך מיר, אַז ער האָט עס געזוכט צו פאַרגלעטן זיין נעכטיקע שטרענגקייט, געוואָלט מען זאָל אים מוחל זיין זיינע נעכטיקע זינד און גרויזאַמקייטן.

געקומען אין חדר זיינען מיר פרייטיק גאַנץ שפּעט — אַרום צען אַזייגער, און אַרום איינס זיינען מיר שוין פריי געווען.

שבת איז געווען נאָך גרינגער דער חדר, אָבער גיין אין חדר האָט זיך נאָך ווייניקער געוואָלט.

ווינטער איז דער גאַנצער שבת'דיקער חדר געווען נאָר ווי אַן אָנשטעל, גלאַט אַבי געגאַנגען. וואָרים נאָכן שלאָף האָט דער רבי שוין קוים צייט געהאַט אפילו אַ פּאָר קאַפּיטלאַך תנ"ך לערנען. עס פלעגט ווערן צייט אין שול גיין מנחה און מעריב דאַוונען. ווער רעדט, אַז דער רבי האָט זיך פאַרשלאָפן אַ ביסל — און דאָס האָט געטראָפן גאַנץ אָפט — פלעגט ער נאָר אַריינשמעקן אין חדר און אַ זאָג טאָן:

— נו, נו, אייער מזל, גייט שוין אַהיים.

מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, לאַנג ניט געלאָזט זיך בעטן, און ווי

אונטערגעשאָסענע געלאָזט זיך לויפן. אָבער אַנשטאָט אַהיים — צום גליטש, וואו אַ גאַנצע כאַליאַסטרע האָט שוין געוואַרט אויף אונדז.

זומער איז אפילו די צייט פון לימוד אין חדר געווען לענגער, דער־פאַר אָבער האָבן מיר פון דער פרייער צייט מער הנאה געהאַט.

עס איז געווען גאָר אַן אַנדער שפּילן, אַן אַנדער טעם. זומער האָט מען געשפּילט דערהויפּט אין חברות און געהאַלטן מלחמות. אויטלאַכבער אינגל האָט געהאַפּט צו דערדינען זיך צו אַ הויכן ראַנג און ווערן אַ שני למלך. עס איז ניט אַזוי שווער אָנגעקומען, אַבי עס איז נאָר געווען אויבסט אָדער אַנדערע גוטע זאַכן, האָט מען שוין גרינג דערדינט זיך צו דער העכסטער מדרגה. דער מיטולירטער חברה־מאַן איז געווען אפילו אין אַ גרעסערער סכנה איידער אַ פּראָסטער מענטש. אַז דער רבי פלעגט זיך פון אַזאַ איינעם דערוויסן, איז אים שוין געווען פינצטער זיין לעבן. אַ חוץ די שמיץ, סאַמע ברענענדיקע און גאָר אַ סך, פלעגט דער רבי אַלע ווילע דערמאָנען אים זיין טיטול, מאַכן פון אים חוזק און רייצן זיך מיט אים גאָר אָן רחמנות. אָבער וועמען איז דאָס אין זינען געלעגן דער רבי, אַז עס איז געגאַנגען אין דעם אייגע־נעם כבוד, — אין דעם כבוד פון אַ מלוכה, אָדער אַז אַ גאַנצע אַרמיי איז געווען אין סכנות געפאַנגען צו ווערן? מיר האָבן געשפּילט מיט אמת'ער מסירת נפש. מיר האָבן זיך פאַרלאָזן אויף קידוש השם און געשפּילט מיטן גאַנצן לייב און לעבן.

מיר פלעגן זיך אָפּט אויך פאַרקלייבן אין אַ שטאַל ערגעץ באַ אַ חבר און חברה פלעגן שפּילן „מכירת יוסף“, „יצחק צו דער עקידה“, „שאול און דוד“. פון לעש־פּאַפּיר פלעגט מען מאַכן אַ פאַנצער, פון רויטן אונטערדלאַק — היטלען, די שווערדלאַך זיינען געווען הילצער־נע, אָבער מען האָט געשפּילט געשמאַק און לאַנג און גאַנץ אָפּט אַריינגעלעבט זיך אין די ראָלן ביז צום פאַרגעסן זיך.

אַז ניט „טריאַטער“ שפּילן, פלעגן מיר זיך הושקען, אַריבערוואַרפן אַ שטריק הויך איבער'ן באַלקן, אַוועקלייגן אַ ברעט און אויף יעדן ברעג ברעט פלעגט זיך שטעלן אַ אינגל און פאַנאַנדערלאָזן זיך מיט

חשק און גרוים אימפעט פלעגט מען שרייען: „פּאַדאַוואַי פּאַרו!“ (דערלאַנג פּאַרע, ד. ה. זאָל גיין אַ גאַנג).

ווי אַזוי מען האָט ניט געבראָכן האַלדז און נאַקן, איז נאָר געווען אַ נס פון הימל. וואָרים מען האָט זיך ממש געשפּילט מיט דעם מלאך המות... אָבער קיינער האָט אפילו ניט אַ טראַכט געטאָן וועגן דער סכנה. איינמאָל זיינען צוויי אינגלאך טאַקע אַראָפּגעפאַלן פון אַ גאַנץ הויכער הויכעניש. גליקלאַכערווייז זיינען זיי אַרויפגעפאַלן אויף אַ הויכער קופּע פרישע בהמה'שע מיסט און זיינען אָפּגעקומען מיט דערשרעקעניש און מיט פאַרפּאַסקודעטע פנים'ער, וועלכע זיי האָבן דערנאָך אָפּגעוואַשן. אָבער פאַר די זופּעצקעס, וואָס זיינען געבליבן פול מיט געלע פליאַמעס, האָבן זיי געקראָגן זייער לוין אין דער היים. דער רבי אין חדר האָט פון דער גאַנצער מעשה געוואוסט אַ פייג.

נאָך אַ גרויסע מעלה האָבן די זומערדיקע שבתים געהאַט — כמעט אַלע טאַטעס פלעגן שבת באַטאָג פאַרהערן זייערע אינגלאַך. דאָס רוב טאַטעס פלעגן אַרויספאָדערן דעם רבי'ן אַהיים צו זיך אויף שבת נאָכ'ן שלאָף — און פּטור, מיר זיינען שוין פריי געווען. מיר האָבן שוין אַזוי אויסגעמאַרקירט, אַז כמעט איטלאַכן שבת האָט דער רבי געדאַרפט אַן אַנדער אינגל גיין פאַרהערן. דער אינגל פלעגט זיך בעטן באַ זיי פאָטער, ער זאָל אים ד ע ם שבת פאַרהערן. און וועלכער טאַטע וועט זיך דאָס אָפּזאָגן פון אַזאַ פאַרגעניגן?

אַן אויסנאַם איז געווען מיין טאַטע. ער האָט מיך קיינמאָל ניט פאַרהערט, אַז דער רבי זאָל זיין דערביי. פאַרהערן פלעגט ער מיך דווקא גאַנץ אָפט, אָבער אָן הכנות. האָט ניט געהייסן ברענגען די גמרא און אפילו קיין באַשטימטע צייט ניט אָפּגעשטעלט. פלעגט אַזוי זיך, שבת באַם וואַרמעס, אָדער נאָכ'ן שלאָף, אַ פרעג טאָן מיך, וועלכן ענין איך האָב די וואָך געלערנט, מיך הייסן געבן צו פאַרשטיין דעם ענין, פרעגן אַ קשיא, אָדער אָפּפרעגן דעם תירוץ, און איז געווען צופרידן.

איינמאָל האָט ער מיך געהייסן זאָגן דעם רבי'ן אין זיין נאָמען,

אז ער האָפּט צו גאָט אַז איך וועל קענען גוט לערנען אַ סך בעסער אפילו פאַר דעם רבי'ן אליין... דער רבי מיינער איז געוואָרן גאָר צעטומלט, האָט ניט געוואוסט ווי אָנצונעמען די ווערטער. ער האָט געקוועטשט מיט די פּלייצעס און האָט געזאָגט:

— אַ מאָדנער איד איז דיין טאַטע, ער איז טאַקע אַ איד אַ למדן, אָבער ניט קיין פאַרגינער, פאַרגינט מיר קיינמאָל ניט דעם נחת, צו זיין דערביי, ווען ער פאַרהערט דיך. אַ מאָדנער איד.

אַז איך האָב דעם טאַטן איבערגעגעבן דאָס, וואָס עס האָט פּאַסירט אין חדר און אַז דעם רבי'ן האָט דאָס געאַרט, האָט ער מיך גע־הייסן ווידער זאָגן דעם רבי'ן, אַז עס פאַרדריסט אים גריילאך, וואָס דער רבי פאַרטייטשט שלעכט דעם פשט. עס מיינט חלילה ניט דער רבי זאָל דערפון האָבן הארץ ווייטיק, פאַרקערט, ער האָט געוואָלט פאַרהיטן אים פון אַן איבעריקער ארבעט און פון צערייבן צייט, וועל־כע דער רבי קען פאַרנוצן אויף בילכערע זאַכן, אָבער אז ער איז זייער צופרידן פון דעם תלמיד מיט דעם רבי'ן.

געזאָגט האָב איך דאָס דעם רבי'ן פאַר אַלעמען אין די אויגן, און דער רבי איז געווען אויפן זיבעטן הימל, פול פרייד, אַ גאַנצע וואָך מיך אַ ריר ניט געטאָן.

אָבער דאָס רוב פאָטערס פלעגן מאַכן אַ גאַנצן פאַראַד פון דעם „פאַרהערן", שטעלן כיבוד דעם רבי'ן — און עס איז געווען אַ מין יום־טוב. עס זיינען אויך געווען אַזעלכע טאַטעס, וואָס פלעגן דווקא קומען אַליין אין חדר פאַרהערן זייערע אינגלאך. זיי זיינען גראָד געווען גאַנץ שטילע לומדים, אָבער גרויסהאַלטערס, און זיי האָט געפּאַסט צום רומל קומען אין חדר דעם אינגל פאַרהערן. וואָס דען, זיי וועלן אַן אַנדערן בעטן?...

אויף אַזעלכע „סוחרים" האָבן מיר, חברה, געוואַרט ווי אויף משיח'ן. דער איד פלעגט שטאַרק שוויצן, אַלע ווײַלע ווישן דעם פּנים מיט דער רויטער פאַטשיילקע, וואָס ער האָט געטראָגן אופ'ן האַלדז אָדער אַרומגעגאַרטלט. ער פלעגט בעקן, מעקן און שטאַמלען מיט אַ פאַרפּראַרענעם צונג און מיר פלעגן פּלאַצן פון געלעכטער. אַ ביי־

טערער רחמנות איז נעבאך געווען אויף דעם אינגל. ער פלעגט רויט ווערן פון שאנד און ניט וויסן וואס צו טאן. דער רבי פלעגט בייסן די ליפן, ניט געוואלט זיין באלעבאס פארשעמען, אבער אויך ניט גע־וואלט אראפפאלן אין אונדזערע אויגן, פלעגט ער זיך שטארק מאטערן, פרובירן געבן צו פארשטיין דעם טאטן, אבער ער האט גיך אויסגעפו־נען, אז קנעלן מיט די טאטעס איז ניט אן ערך שווערער איידער מיט די קינדער — און ער פלעגט אונדז אויף גיך ארויסשיקן פון חדר.

אמאל האט א אינגל צעוויינט זיך אויפ'ן קול, ווען זיין טאטע איז געקומען פארהערן אים. און אז מען האט זיך בא אים נאכגעפרעגט: סטייטש, פארוואס, וואס איז דער געוויין? האט ער מורא, אז ער וויים ניט? — האט ער נאאיוו געענטפערט, אז ער האט מורא ד ע ר ט א ט ע וויים ניט, און אז עס וועט זיין א חרפה און א שאנד פאר חברים.

איינמאל האט א אינגל, דוקא א גאנץ וואוילער, אזוי זיך צע־טומלט באם פארהערן, אז ער האט קיין איין ווארט ניט געוואוסט, אויף קיין איין שאלה ניט געהאט קיין תשובה. דער רבי איז געווען אין גרוים פארלעגנהייט, האט געדרייט דעם אינגל אהער, אהין, פרובירט מיט האלבע ווערטער דערמאנען אים, אבער יענער — ניט פון ארט. אזוי ווי א לײדיק בלאט איז דעם אינגל'ס זכרון געווארן. דער רבי, ווײלנדיק באווייזן, אז דאס איז ניט זיין שולד, האט בא אנדערע חברים געפרעגט דעם זעלבן ענין און יענע האבן גראד גע־זאגט ווי א וואסער. איז ער איצט שוין געווארן געהויבן בא זיך, האט ער געהייסן דעם לעצטן געפרעגטן אינגל, ער זאל אנפאטשן דעם „גוי", דעם „חמור". באם פאטער איז דאס רעכט געווען. אבער דער אינגל האט ניט געוואלט פאלגן, בשום אופן ניט געוואלט פאטשן זיין חבר. דער רבי איז געווארן פול כעס שוין אויף דעם אינגל פאר דער חוצפה, ניט צו פאלגן א רבי'ן, און ער האט געהייסן דעם פארהערטן אינגל יענעם צוריק פאטשן. און דער חברה־מאן האט גאר אן שהיות געכאפט און אראפגעלאזן יענעם עטלאכע פעטש. מיר האבן דערנאך דעם בחור פאר'הרג'עט, ניט גערעדט מיט אים, ניט געוואלט שטיין

לעבן אים. מיר זיינען אים אַזוי דערגאַנגען די יאָרן, אַז ער איז קראַנק געוואָרן און מען האָט אים צוגענומען פון אונדזער חדר. מיר האָבן אים אָבער אויך דערנאָך געֿרודפ׳ט, אָנגערעדט זיינע חברים פון דעם אַנדער חדר. און אויך זיי האָבן זיך געריי‌צט מיט אים און אים גע־שלאָגן ביז ער איז מיט זיין טאַטן געקומען צו אונדז אין חדר, מיט טרערן, געבעטן מחילה באַ דעם אינגל, וועלכן ער האָט געפּאַטשט, געמאַכט אַ סעודה, געטיילט גוטע זאַכן, און דער רבי האָט אָנגעזאָגט מען זאָל אים מער ניט טשעפּען.

אַן אַנדערש מאָל האָט באַם פאַרהערן אַ אינגל פּאַסירט אַזאַ זאַך: דער אינגל האָט זייער גוט געֿדרשנ׳ט. דער פאָטער האָט געקליבן נחת און דער רבי האָט גאָר אָנגעקוואָלן. דער אינגל האָט, ווי דער שטייגער איז, געקוקט אויף דער טיר און געוואַרט אויף דער רגע, ווען מען וועט אים אָפּלאָזן. טוט אָבער פּלוצלונג זיין טאַטע דער חכם אַ פרעג: פאַר וועמען דאַרף ער, משה׳קע, מער מורא האָבן — פאַר אים, צי פאַר דעם רבי׳ן? און עס האָבן זיך גענומען שיטן שאלות פון דעם טאַטן און פון דעם רבי׳ן, אַלץ אויף איין און דעם זעלביקן נוסח: וועמען דאַרף ער אָפּגעבן מער כבוד, פאַר וועמען דאַרף ער האָבן מער דרך־ארץ, וועמען האָט ער ליבער? משה׳קע האָט זיך געדרייט אַהין און אַהער: פאַר ביידן גלייך דאַרף מען מורא האָבן, ביידן האָלד האָבן און אַזוי ווייטער. דאָס האָט אָבער ניט צופרידנ־געשטעלט ניט דעם פאָטער און ניט דעם רבי׳ן. זיי האָבן איבער־אַ־ניים גענומען אים מוטשען. ניין, ער מוז זאָגן דעם אמת, דעם ריינעם אמת, מען וועט אים גאָרניט טאָן, אַבי ער זאָל זאָגן דעם אמת. האָט זיי משה׳קע געגלויבט און אויסגעשריען:

— מורא האָב איך פאַר אייך ביידן גלייך, און האָלד האָב איך אייך ביידן ניט, הלמאי איר האַלט מיך דאָ אַזוי לאַנג.

אָרעמער משה׳קע, מען האָט אים גלייך אויפן אָרט אַריינגעקאַ־טעוועט ווי עס געהער צו זיין פאַר דער גוטער דרשה און פאַר זאָגן דעם אמת.

איין אינגל, ווידער, האָט באַשטעלט דעם רבי׳ן אויף שבת צו

קומען פֿאַרהערן אים, האָט אָבער פֿאַרגעסן צו זאָגן פֿריער דעם טאַטן זײַנעם און האָט אויך די גמרא ניט געבראַכט — האָט מען אים דערפֿאַר באַשטראָפֿט בײַ אים אין שטוב און אין דעם עסק האָבן זיך באַטייליקט אי דער טאַטע, אי דער רבי.

די מאָדע בײַ זבולונען איז געווען, אַז אויב ער פֿלעגט פֿאַרהערן אַ אינגל און יענער האָט גוט אויסגעענומען, פֿלעגט ער אַ וואָך נאָכ-אַנאַנד דעם אינגל שאַנעווען, פֿאַרקוקן זײַנע עוולות און זײַן גוט צו אים. פֿאַרקערט אָבער, איז ער אים דערגאַנגען די יאָרן. דער אינגל איז אויסגעריסן געוואָרן פֿאַר דער קלענסטער קלייניקייט. און ווי אַ צוגאָב צו דעם האָט ער אויך געהאַט אויסצושטיין פֿון די חברים, וואָס האָבן זיך געוואָלט אונטער׳חנפֿה׳נען צום רבי׳ן, און פֿלעגן אים אויפֿוואַרפֿן, אַז ער איז אַ פֿאַרשטאָפּטער קאָפּ, אַ חמור און אַ פּויער.

חברים

דאָס רוב חברים האָבן געלעבט גוט צווישן זיך און סימפאַטיזירט איינער מיט דעם אַנדערן. אָבער עס זיינען אויך געווען מוסרים, חניפה׳ניקעס, וועלכע פלעגן זוכן געפעלן ווערן דעם רבין און מקריב זיין די חדר־אחדות. דער רבי פלעגט יענע תלמידים צוגעבן מוט און קוראַזש, אָבער פון אונדז, אינגלאַך, האָבן זיי געהאַט געבראָטענע צרות. מיר פלעגן זיי אַרויסשטופן פון אונדזערע שפילן, ניט ריידן מיט זיי און זיין ברוגז ביז זיי פלעגן שווערן, אַז זיי וועלן דאָס מער ניט טאָן. אָבער אויף לאַנג האָבן זיי זייער וואָרט ניט געהאַלטן.

אויף דעם רבי׳ן האָבן מיר אַלע מאָל געהאַט אַ האַרץ. מיר זיינען אַלע געווען אין כעס אויף אים און האָבן, ווי מיט ליכט, געזוכט עפּעס אַ וועג, אַ מיטל, ווי אָפּצורעכענען זיך מיט אים. אָבער אומזיסט, ער האָט געטאָן זיינס און מיר זיינען ביים כעס געבליבן...

אָבער אָט איז ער איינמאָל געקומען פון אַ ברית שפּעט נאָך וואַרמעס. גוט אָנגעשנאַשקעט, קוים אויף די פיס געהאַלטן זיך. ער האָט געהייסן אָנצינדן די ליכט און אַליין, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף ביידע הענט אויף דער גמרא, איז ער אַנשלאָפן געוואָרן ווי אַ גע׳הרג׳עטער. חברה האָבן זיך אונטערגעוואונקען און איינציקווייז אַרויסגעגאַנגען אין פירהויז. נאָך אַ קורצן איבעררייד איז געבליבן, אַז מען דאַרף צו׳חתמ׳ענען דעם רבינ׳ס באָרד צו דער גמרא. (צום גליק איז דער באַלעבאָס און די באַלעבאָסטע פון חדר אַוועקגעגאַנגען צו דער באַבען אויף וועטשערע). געזאָגט — און געטאָן. מען האָט געקויפט טריוואַקס, און פאַרשווערנדיק זיך פריער מיט כל׳ערליי שבועות, מיט

ציצית, מיט תקיעת כפ׳ן קיינמאָל דעם סוד ניט צו אַנטפּלעקן, האָבן מיר געוואָרפן גורל ווער עס זאָל עס טאָן.

צוויי אײנגלאָך, וואָס איינער פון זיי בין איך געווען, דער גליקלאַ־כער, האָבן מיט בלייכע פנימ׳ער און מיט הענט, וואָס האָבן זיך גע־טרייסלט ווי אין קדחת, דורכגעפירט די אָפּעראַציע.

דער רבי איז געשלאָפן געשמאַק און לאַנג. ווען עס איז גע־קומען די צייט אַהיימצוגיין, זיינען מיר זיך אַלע צעגאַנגען און איבער־געלאָזט דעם רבי אין חדר אין דער פינצטער.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט יודל אויף אונדז געוואָרט אין דרויסן און איבערגעגעבן אונדז, וואָס עס האָט נעכטן פּאַסירט: זיין מאַמע איז אַ זייגער עלף די ערשטע אריין אין שטוב, האָט זי באַלד אָנגעצונדן אַ ליכט, אָבער דערזעענדיק אימיצן אָנגעשפּאַרט מיט דעם פּנים אַראָפּ אויפ׳ן טיש, האָט זי זיך אַזוי דערשראָקן, אַז זי האָט אַראָפּ־געוואָרפן די ליכט אויף דער ערד, אַ קוויטש געטאָן און אַ פּאַטש גע־טאָן מיט ביידע הענט. דער טאַטע האָט צוריק אָנגעצונדן די ליכט. שרייענדיק דערוויל: וואָס איז? וואָס איז? אָבער ער האָט תיכף דערקענט דעם מלמד און גענומען אים וועקן. יענער האָט זיך לאַנג געלאָזט בעטן. און אַז ער האָט צום סוף אָנגעהויבן זיך אויסטשוכען און אַ הויב טאָן דעם קאָפּ, האָט זיך אויפגעהויבן דער בלאַט אײַנ־איינעם מיט דער גאַנצער גמרא. דער רבי האָט ווידער אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ. דער טאַטע, די מאַמע און די שוועסטערל האָבן געקוקט צעשראָקענע. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס זאָל באַדייטן. דער רבי האָט זיך אָבער פאַרט אויפגעכאַפּט און גענומען רייסן די גמרא, רייסן די האָר פון באָרד ביז ער האָט זיך באַפרייט.

די שטוביקע ארום זיינען געשטאַנען צעטומלטע און פאַרוואונ־דערטע. ניט דער רבי און ניט זיי האָבן דעם קלענסטן באַגריף ניט געהאַט, ווי אַזוי דאָס איז געשען, און בכלל, ווי קומט ער, דער רבי, אַזוי שפּעט ביינאַכט נאָך אין חדר?

יודל׳ס מאַמע איז געווען זיכער, אַז ניט אַנדערש, דאָס איז אַ באַ־

קאנטע שטיקל מעלאכע פון געהיימע גייסטער, וועלכע האבן נאך ער־גערע זאכן אפגעטאן.

דער רבי און ר׳ אברהם זיינען געשטאנען און געקוקט, אבער פלוצלונג איז אריינגעלאפן די רבי׳צין מיט א געשריי און א געוויין — זי האט שוין גארניט געוואוסט וואס איבערצוטראכטן. זי האט גיך געשלעפט דעם רבי׳ן אהיים:

— די קינדער זיינען נעבאך אליין געבליבן און גאט וויים, וואס עס קאן זיך מאכן!

מיר האבן אפגערעדט: מיר ווייסן פון קיין זאך ניט, מיר האבן געלערנט ווי אלע מאל ביז ניין און צעגאנגען זיך אהיים. וואס דער־נאך איז געווען, ווייסן מיר ניט.

דער רבי איז אין חדר אריינגעקומען א בלייכער, מיט א צעפליק־טער בארד. אין אנהויב האט ער זיך געמאכט ניט וויסנדיק און איז אנגעגאנגען מיט דעם לימוד ווי אלעמאל, אבער שפעטער, באמערקנדיק אונדזערע מאדנע בליקן און ווי מיר לויפן אפט ארויס, האט ער אנגע־הויבן, אזוי זיך, הינטערוויילאכס, כלומר׳שט גארניט, נאר גלאט אזוי נאכפרעגן זיך: ווי שפעט האבן מיר נעכטן געלערנט, וואס האט מען געלערנט און וואו, בא וועלכן ענין האט מען געלאזן? עס וואלט געווען זייער מיאוס, מיר זיינען בלייך געווארן ווי קאלך. ווען ניט דער קלוגער און „גוטמוטיקער" גרשונ׳קע וואלט זיך באלד ניט געפונען און זאגן: וואס הייסט, וואו האלטן מיר? — טאקע דארטן, וואו מיר האבן היינט אנגעהויבן! דער רבי איז געווארן צעמישט. וויסנדיק, אז ער האט נעכטן א גוטן קידוש געמאכט, האט ער מורא געהאט אריינצולאזן זיך אין ווייטערדיקע נאכפרעגענישן. ער האט אבער אונדז פון חשד ניט ארויסלאזן און אויף אלע אופנים געזוכט, גע־נישטערט אויסצוגעפינען, וואס און ווי עס איז פארגעקומען יענעם אוונט. ער האט איבערגערעדט א פאר אינגלאך, דערהויפט איינעם, וועלכער איז שוין א פאר מאל פריער געווען א מסור און — ס׳איז אים געלונגען. יענער האט אים דערציילט אלץ מיט אנאנדער פון אנהויב ביז׳ן סוף.

מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, אַלץ אָפּגעלייקנט, גע'טענה'ט, אַז דער מסור טראַכט דאָס אויס פון קאָפּ, ווייל ער וויל געפעלן דעם רבי'ן, און אַז מיר וועלן בשום אופן ניט לערנען מער אין איין חדר מיט אַזאַ חברה'מאַן.

צי דער סטראַשונאַק האָט געווירקט, צי ווייל עס האָט זיך אונטערגערוקט דערוויל שוין דער פורים מיט דעם סוף זמן — דער רבי האָט יעדנפאַלס אונדז אָפּגעלאָזט. אָבער מיר, דעם מסור — האָבן שוין גאָרניט אָפּגעלאָזן. מיר האָבן אים פשוט גע'ממית'ט, דאַקוטשעט. מיר האָבן אים אַנדערש ניט גערופן, ווי „מסור", און דער נאָמען האָט זיך צוגעקלעפּט צו אים אויף אייביק. ער איז דערנאָך שוין געוואָרן אַן אמת'ער מסור אויף אידן און איז באַקאַנט געווען אין שטאָט אונטער דעם נאָמען: מיכעלע מסור.

צווישן מיינע חברים זיינען געווען אַלערליי אינגלאַך: עס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט גוטע, טייערע קעפּ, און אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט גראָבע, פאַרשטאָפּטע קעפּ, געבאָרענע עם-הארצים און ניט-ווּעלערס דערצו. איך האָב געהאַט חברים רייכע, באַלעבאַטישע קינדער און גאָר אָרימע. אַנדערע זיינען געווען שיינע, קלוגע, גאָר מזיקים, און אַנדערע — נאַראָנים, גולמ'ס און גלאַט גאָרנישטן. צווישן די אינגלאַך אין חדר זיינען געווען ריינע, ציכטיקע, גאַנצע פראַנטן און אויך ברודנע, קרעציקע, ניט געוואַשענע, מיט קאַלטענעס אויף די קעפּ און „חיה'לאַך" פלעגן אַרומקריכן פון אויבן- אויף אויף זייערע קליידער.

ניט אַ קליין ביסל קנאה-שנאה איז געווען צווישן די חברים. יאָשקע ישראל פאַלטעס פלעגט עסן פאַר-אָנבייסן אַ טייערע בולקע מיט פוטער, אַן איי, אַן עפּל, און אַ צוקערקע נאָך דערצו, און אהרן-בער לייזער דעם כהנ'ס, אַ הויקער און אַ פאַר'חושכ'טער אינגל, פלעגט ברענגען אַ פאָר פאַרשימלטע „אַקראַיטשיקעס" — רעפטלאַך — פון שוואַרצן, קאָרנעם ברויט, מיט אַ ציבלקע. ער האָט שטאַרק מקנא געווען יאָשקען און פלעגט בעטלען באַ יענעם אַ שטיקל בולקע, אָדער אַ ברעקל פון אַנדערע גוטע זאַכן. דאָס רוב פלעגט יאָשקע אים צוואַ-

וואַרפן אַ שטיקל, אָבער אָפטמאָל פלעגט ער אָנשרייען אויף אים, פאַר־וואָס ער מאַנטשלט און געסטראַשעט — צו דערציילן דעם רבי׳ן פאַר־וואָס ער וואָלט געקראָגן גוטע פּעטש.

די רייכערע חברים פלעגן זיך גרויס האַלטן און כסדר באַרימען זיך מיט דעם, וואָס זייערע טאַטעס זיינען געווען גרויסע סוחרים. די אָרימע זיינען געווען אונטערטעניק, האָבן אנערקענט דעם יחוס און געלאָזן זיי קאָמאַנדעווען איבער זיך. די געראָטענערע אינגלאַך זיינען גראַד געווען די אָרימערע. פלעגן זיי נעמען נקמה פון די רייכערע דערמיט, וואָס זיי האָבן געוואוסט דעם „שיעור" און יענע — ניט, פאַרוואָס זיי פלעגן קריגן אָנגעפּאַטשט פון רבי׳ן. גאָר אַ יום־טוב איז געווען באַ די אָרימע אינגלאַך, ווען דער רבי פלעגט אָפּשמייסן איינעם פון די רייכע, וואָס האָט, אגב אורחא, געטראָפן איין מאָל אין אַ שמיטה, וואָרים דער רבי האָט אויך מער דרדאַרץ געהאַט פאַר די רייכע קינדער. עטלאַכע טעג נאָכאַנאַנד פלעגט דער געשמיסענער אינגל זיין געפאַלן באַ זיך און מקרב זיין צו זיך די אָרימע חברים.

גאָר חבר־לאַפ זיינען מיר געווען נאָר באַ אַ סעודה, אָדער באַ אַ שפּיל, דערהויפּט אָבער אין אַן עת צרה. אויף אַ סעודה איז געווען איינגעפירט, אַז אַלע האָבן געדאַרפט געבן גלייך — צו דריי קאָפּיקעס איטלאַכער.

אהרן בער האָט איין מאָל די דריי קאָפּיקעס ניט געהאַט, איז ער איינגאַנצן אין חדר ניט געקומען. דער רבי האָט געשיקט נאָך אים און אים אָנגעבאָטן צו אַנטלייען די נויטיקע סומע, האָט אָבער דער האַרבאַטער ניט געוואָלט הערן און זען. עס האָט ניט געהאָלפן דעם רבי׳ס און די חברים׳ס איינריידן. ער האָט בשום אופן ניט איינגע־שטימט אָפּצושטעלן זיך אין חדר איבער דער סעודה און איז אַנטלאָפן אהיים. אהרן בער׳ס עקשנות האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק אויף אַ פּאָר פון אונדז. עס האָט דאָס האַרץ ווי געטאָן אויף אים: סטייט גאָר, אפילו פון אַ סעודה קיין הנאה ניט צו האָבן?! נעבאָך, אהרן־בער! און מיר האָבן אַ סך גוטע זאַכן באַהאַלטן אין די קעשע־נעס פאַר אים. אויף מאָרגן, אַז ער איז געקומען, האָבן מיר מיט שמחה

אויסגעלייַדיקט פאַר אים אונדזערע קעשענעס און נאָך מיט אַ גרעסע־רער שמחה האָט ער אַלץ געכאַפּט און געשלונגען.

אַז איך האָב דאָס דערציילט דעם טאַטן, האָט ער מיך געלויבט אין הימל אַריין און געזאָגט, אַז איך האָב אַ אידיש האַרץ, האָט גע־הייסן ברענגען אהרן־בער'ן צו אונדז אַהיים ווען עס איז.

ברוגז ווערן איז געווען אַן אָפּטע זאַך צווישן חברים. די ברוגז־דיקע האָבן ניט גערעדט צווישן זיך, ווי זיי וואָלטן זיך ניט געקענט. אַנהאַלטן פלעגט דאָס, געוויינטלאַך, נאָר אַ פּאָר טעג. דערנאָך פלעגט מען זיך איבערבעטן און ווערן גוט־פריינט. אַז מען איז געוואָרן גוט־פריינט, איז מען געוואָרן גאַנצע „שמעלקעס", „חלה מיט האָניק", נענ־טער איידער מיט די איבעריקע חברים. אָבער די פריינטשאַפט פלעגט זיך באַלד אויסטראָגן, מען איז ווידער געוואָרן גלייכגילטיק, אויב ניט נאָך אַמאָל ברוגז.

און אַזוי איז דאָס כסדר געגאַנגען: היינט ברוגז מיט דעם, מאָרגן מיט אַן אַנדערן. גוט־פריינט ווערן און ווידער ברוגז. זעלטן, זייער זעלטן זיינען אַלע חברים געווען גוט־פריינט. סיידן אַז עס האָט געטראָפן אַ צרה, דעמאָלט איז, ווי דורך אַ כישוף, געוואָרן אמת'ע אחדות!

חניפה, ליגן זאָגן און באַרימערייַ זיינען געווען אין פולן גאַנג. קיינער האָט דאָס ניט געשטערט, ניט באַמערקט עס אפילו. אדרבא, פאַרקערט, נאָך צוגעגעבן מוט דערצו.

מיין חבר יודל'ס מאַמע, די באַלעבאָסטע פון חדר, האָט זיך אַמאָל שטאַרק צעבייזערט און צעשריען אויף יודלען. האָט אים געשאָלטן מיט טויטע, ביטערע קללות און געזאָגט:

— פאַר אַ באַלמעלאָכע דאַרף מען אַזאַ חברה־מאַן אָפּגעבן. פאַר־וואָס לערנסטו זיך ניט אָפּ פון דיין חבר ישראל'קען. ער איז אַ וואויל אינגל, אַ מזל און ברכה אַזאַ קינד!

אָבער גלייך האָט זי זיך אַ קער געטאָן האַסטיק צו מיר און אַ געשריי געטאָן:

— וואָס האָסטו אויסגעגלאָצט דיינע אויגן? וואָס קוקסטו אַזוי

אויף מיר? דערקענסטו מיך ניט, פרא אדם איינער?... ניש-קשה, פונדעסטוועגן וועט מיין יודעלע קריגן, אם-ירצה-השם, א ניי אנצוגל אויף פסח, מיט שטיוועלאך און קאלאשן, און דו, — אט זעסטו — א פייג אונטער דער נאז.

אירע רייד און באנעמען זיך האבן מיר געמאכט א לאך אין הארצן און איך האב מיט טרערן אין די אויגן דערציילט דער מאמען, וועלכע האט ארויסגעשאטן א גוטע פארציע קללות אויף דער „אומפארשעמ-טער חצופה”...

א נייער אנצוג, א נייע פאר שיכלאך איז געוועזן בא אונדז אן אידעאל. און ווי גרויס עס איז געוועזן די שמחה בא די אינגלאך, וועל-כע זיינען געקומען אין חדר אין נייע קליידער, אזוי גרויס איז געוועזן דער צער און יאוש בא די ארימע, וועלכע זיינען געקומען נאך א יום טוב אין די זעלביקע שמאטעס און טראנטעס. ווי אפגעשמיסענע האבן זיי זיך געפילט!

דער חכם, דער רבי, פלעגט ערנסט טאפן און באטראכטן די מא-טעריע פון די זשופיצקעס און זאגן מבינות, שמוצערנדיק מיט די ליפן פון באגייסטערונג און א קניפ טוענדיק דעם גליקלאכן אינגל פאר׳ן בעקל, אזוי ווי ער האט עפעס גוט גע׳דרשנ׳ט. אויף אונדז, ווידער, פלעגט ער א קוק טאן, מיט רחמנות אפילו, אבער פון אויבן אראפ, וואס עס פלעגט שטעכן אין הארצן. איי, איי, איי! א קלויסטער וואלט איך גערן בא׳גנב׳עט, אבי א נייעם אנצוג צו מאכן זיך! עס איז געוועזן אזוי ביטער אויפ׳ן הארצן, די יסורים — אזוי גרויס, אז טרערן פלעגן שטיקן און ווארגן!

וועלן לערנען, האט קיין איינער פון אונדז ניט געוואלט. איטלא-כער האט מיט אלע מיטלען געזוכט ארויסצודרייען זיך פון חדר, אבער די בעסערע און פייאיקערע אינגלאך האבן נאך מער ניט גע-וואלט לערנען איידער די פראסטערע.

דורך דער צייט פון מיינע חדר-יארן האב איך געהאט חברים, וועלכע זיינען געוועזן ממש עלוים, מיט בריליאנטענע קעפלאך און זעל-טענע זכרונ׳ס; אזעלכע, וואס אפילו דער רבי האט זיי געשאנעוועט

און געהאַט גרויס דרך ארץ פאַר זיי. און גראַד אַט די וואוילע איינג־לאַך האָבן אָנגעווענדט זייער גאַנצן כח און ממזיר'שן קאָפּ אויף צע־רייבן די צייט — אַבי ניט לערנען.

דאָס רוב מלמדים — ניט די ראשי ישיבות — האָבן פיינט גע־האַט, אַז מען פלעגט באַ זיי פרעגן צופיל קשיות. די מערסטע האָבן, במחילה, טאַקע ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, און אויב זיי האָבן דעם תירוץ געוואוסט, האָבן זיי ניט פאַרשטאַנען צו געבן צו פאַר־שטיין, אַזוי אַז דער תלמיד זאָל בלייבן צופרידן; דער איינגל פלעגט געוויינטלאַך, צושאָקלען מיט'ן קאָפּ אויף יאָ, אַז דער רבי פלעגט ענט־פערן און פרעגן: „פאַרשטייסטו״? — אָבער דאָס איז נאָר געווען פאַר מורא: ווער וועט דאָס וועלן איינרייסן זיך מיט דעם רבי'ן?

אָבער צרות אויפ'ן פוד האָט אונדזער רבי געהאַט פון מיינעם אַ חבר, גרשון...

גרשון איז געווען אַ בייגל־בעקערס אַ איינגל. גרשונ'ס טאַטע האָט איבערגעלאָזן זיין פרוי אַן עגונה, ווען גרשון איז געווען קנאַפּע צוויי יאָר אַלט. דער איד איז געווען אַ למדן און איז אַוועקגעפאָרן ערגעץ לערנען. זי איז אויסגעפאָרן די גאַנצע וועלט זוכן אים: געווען באַ אַלע גוטע אידן, באַ מכשפים, להבדיל, אָבער עס האָט ניט געהאָלפן. זי האָט זיך גענומען צו אַ פרנסה — באַקן בייגל, און עס האָט איר אָפּגעגליקט, דערהויפּט האָט מען באַ איר געקויפט די בייגל דערפאַר, ווייל זי האָט זיי אַליין צעטראָגן צו אַלע באַלעבאָסטעס און אין אכסניה'ס מיט דעם קליינעם גרשונ'ען באַ איר פאַרטוך.

ער איז געווען אַ ווילדער איינגל — „אויפגעהאָדעוועט זיך אויפ'ן וואַלד״, ווי דער רבי פלעגט זאָגן, — ער האָט פאַר קיינעם קיין ברעקל דרך ארץ ניט געהאַט, איז געווען אַ גרויסער עקשן, אַ קאַפּריזנער, אָבער אַ גאַנץ קלוגער, מיט אַ טייערן קאָפּ אויף זיך און אַ זכרון — אַן אויסנאַם.

און אָט דער חברה־מאַן פלעגט מאַכן דעם רבי'ן אויסצודרייען. זייענדיק אַ חוצפה'ניק, האָט ער זיך ניט געלאָזן, אַז דער רבי זאָל אים אָפּ'פטר'ן מיט גאָרניט. ער פלעגט זאָגן דעם רבי'ן, פשוט, אַז זיין תירוץ

אויף דער קשיה טויג אויף כפרות און אז ער וועט גיין אין דער מתנגדישער שול — גראד וואו דער רבי האט געדאַוונט — פרעגן די קשיה בא אַנדערע לומדים. נישקשה, ער שעמט זיך ניט. אפילו צום רב וועט ער אַנשפּארן — פלעגט ער אויסשרייען און אַ טופּע טאָן מיט׳ן פוס.

ער איז געווען אַ שטיפער, אַ ברען, האָט געהאַט די גאַנצע דעה אין חדר, אַלע חברים האָבן אים האָלד געהאַט, אים געפאָלגט און ער האָט די וועלט איבערגעקערט.

איך האָב גרשונ׳ען געטראָפן מיט עטלאכע יאָר שפּעטער, ווען ער איז געקומען פון דער וואָלאזשינער ישיבה, וואו ער האָט אַ פּאָר יאָר געלערנט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער פּאַרפּאַרטיקט זיך איצט צום פינפטן קלאַס גימנאַזיע.

— סטייטש, וואו האָסטו געלערנט, ווען, וואָס?

— טאַקע דאָרטן גופא, — האָט ער געענטפערט — אין וואָלאַזשין. אַ יונגערמאַן, בא וועמען איך האָב געגעסן אַ „טאָג״ האָט מיר איינגערעדט און מיך געלערנט.

ער האָט מיר שטאַרק איינגערעדט, אַז איך זאָל זיך אויך נעמען דערצו. ער האָט געשוואָרן, אַז עס איז גרינג, פּשש, אויך מיר אַ באַטרעף! ער האָט גערעדט מיט מיר וועגן עפּעס אַ תכלית, האָט מיר אָנגעבאָטן צו געבן לעקציעס אומזיסט, כאָטש ער קריגט פינף קארבן אַ חודש פאַר איטלאַכער לעקציע. ער האָט מיר צוגעזאָגט אַ סך גליקן, אַז מיר וועלן ווערן דאָקטוירים, און אונדז וועט זיין גוט ווי גאָר די וועלט. איך האָב אָבער ניט געקאָנט אפילו אַ טראַכט טאָן וועגן אַזאַ זאַך. וואָס הייסט? און וואָס וועט דער טאַטע, די מאַמע זאָגן? משוגע, מיינע שונאים, וואָס?

מיט אַ פינף יאָר שפּעטער איז גרשון פון לעצטן קורס אין אוניווערזיטעט געקומען געוואָר ווערן זיין מוטער. דעמאָלט בין איך שוין געלאָפן צו אים און געבעטן זיך, ער זאָל מיר העלפן אַרויסשלעפּן זיך פון דעם זומפּ. ער האָט אָבער געטענה׳ט, אַז עס איז שוין צו-שפּעט... „צו שפּעט מיין פריינט!״ אגב, איז ער געווען פאַרנומען מיט גאַנץ

וויכטיקע ענינים... ער האָט מיר געגעבן כל־ערליי עצות, און פאַרן אַוועקפאָרן איבערגעלאָזט אַ רעוואָלוציאָנער ביכל.

איך בין אָבער פאַרלאָפן אַפריער. אין דער צייט פון מיינע חדר יאָרן איז ניט מיר און ניט גרשונען געלעגן אין זינען רוסיש. אונדזער באַגריף פון וועלטלאַכע למודים איז באַשטאַנען אין אַ שיינער האַנט־שריפט און אין אויסצירקלען אַ פיינעם „לכבוד אחובי“...

דער רבי האָט אונדז אָנגעהויבן לערנען שרייבן. קיין גאָר „גוטע האַנט“ האָט דער רבי ניט פאַרמאָגט, אָבער אין אונדזערע אויגן איז ער געווען אַ זעלטענער שרייבער.

אין אָנהויב האָבן מיר זיך גענומען צום שרייבן מיט חשק און מיט ברען. אַ קליינינקייט עפּעס, ניט לערנען! אָבער שפּעטער האָט דאָס אונדז דערעסן. און אַז דער רבי האָט אָנגעהויבן קלאַפּן מיט דער ווירע איבער די הענט, פאַרוואָס זיי זיינען פאַרשמירט, און פאַ־דערן פון אונדז מאַכן אליין אַ פענע אַ טראַקסע*) און נאָך אַזעלכע שלעק, איז דאָס שרייבן געוואָרן אַן אָנשיקעניש און מיר האָבן שוין לחלוטין מער קיין ברעקל חשק ניט געהאַט דערצו.

דערפאַר אָבער באַם חשבונען איז שוין געווען גאָר אַנדערש. באַם חשבונען האָבן מיר זיך געפּלייסט, געוואָלט אַריבעריאָגן איינער דעם אַנדערן. באַם חשבונען האָט גרשונקע אַרויסגעוויזן אמתע גאונות. איידער מיר פלעגן צייט האָבן צונויפצורעכענען דעם עמוד חיבור, פלעגט גרשון אים צונויפציען, צעטיילן אויף צוויי, אַראָפּנעמען איין האַלב פון דער אַנדערער, כפל׳ען דאָס און שוין מאַכן דערפון אַ חילוק.

באַם חילוק פלעגט גרשונקע מאַכן דעם רבין לעכערלאַך. ער פלעגט פאַרגעבן דעם רבין אַזעלכע חשבונות, אַז יענער פלעגט אויס־גלאָצן די אויגן און מיט אַן אָפענעם מויל קוקן. גרשונקע, ווידער, פלעגט די גרעסטע און שווערסטע אויפגאַבע מאַכן אין אַ רגע, ממש ווי אַ בליץ!

---

*) אַ בלעטל מיט דיקע שוואַרצע שורות, וואָס מען לייגט אונטער שרייב־פּאַפּיר, כדי צו שרייבן גלייך.

דער רבי האָט שוין אפילו ניט געקאָנט פאַרטראָגן מער די חרפה און איז געפאַלן אויף אַזאַ איינפאַל, אַז חילוק איז אין גאַנצן אַן איבע־ריקע זאַך. זאָל ער דאָס פאַרמאָגן, — האָט ער געזאָגט, — וואָס ער וואָלט קאָנען צעטיילן אָן חילוק. עס איז גלאַט אַוועקגעבן צייט אויף גאָרניט. עס איז ניט קיין געשעפט פאַר אַ אידן צו פאַרנעמען זיך מיט נעכטיקע טעג. — ניט געשטויגן און ניט געפלויגן. ניין, עט, מען דאַרף דאָס ניט. עס האָט ניט געהאָלפן אונדזערע טענות און בעטן זיך. דער רבי האָט באַפוילן און פאַרפאַלן. „זאָלן די גוים לערנען חילוק, מיר קאָנען זיך באַגיין אָן דעם“ — פלעגט ער זאָגן.

הכנסת אורחים

אָך פסח בין איך אַוועקגעפאָרן אין דאָרף, וואו דער טאַטע איז אויך גראָד געוועזן און ער האָט מיט מיר אָנהויבן לערנען.

מיר האָבן, פון לאַנגע יאָרן אָן, געהאַלטן אַ קרעטשמע אין דאָרף טאַזילעוויטש, און געצאָלט דריי־סיק רובל אַרענדע. מיינע עלטערע צוויי שוועסטער, מיידלאַך, האָבן געפירט די גאַנצע באַלעבאַטישקייט, אין הויז און אויך אין שענק.

די ישוב'ניקעס אין אונדזער געגנט זיינען דאָס רוב געווען גרויסע אָרימע לייט. זיי פלעגן דעם פויער מקנא זיין — מקנא זיין אים דאָס אייגענע שטיבל, אייגן שטיקל ערד, און אויך דאָס וואָס דער פויער דאַרף גאָרנישט.

דאָס רוב זיינען זיי געווען זייער פרומע אידן, אַ סך פרומער איי־דער די שטאָט־אידן, אָבער זיי זיינען געווען עם־הארצים און האָבן באַ זיך אין הארצן — חלילה ניט אַרויסזאָגנדיק — ניט ליב געהאַט די „כניאָקלאַך“, די לערנערס.

צווישן אָט דעם קלאַס ישוב'ניקעס האָט מען אָנגעטראָפן אויך רייכערע און זייער חשובע מענטשן, גרויסע מנדבים און מכניסי אורחים, אידן לומדים און גרויסע חסידים.

איינעם אַזאַ אידן האָב איך געטראָפן אויף דעם שליאַך פון מאָזיר קיין פעטריקאָוו. זיין שטוב איז געווען אַ פרייע אכסניא ממש פאַר יעדן איינעם. מ'האָט געגעבן פון כל טוב, סיי אידן, סיי גוים, און מען האָט קיינמאָל אַ קאָפּיקע ניט גענומען אפילו ניט פאַר היי און האָבער די פערד צו פיטערן. דעם ערל פלעגט מען אַוועקזעצן, געוויינטלאַך, אין אַ זייטיקן חדר, לעבן קיך — אַ קשיא אויף אַ מעשה, ער קאָן דאָך

נאָך אַרויסשלעפּן אַן אייגענע שטיק קאָלבאַסע און טריף מאַכן אַלע כלים, אָבער „פּרעסן" האָט מען אים געגעבן.

אַרום און אַרום אין דער גאַנצער געגנט האָט געקלונגען מיט דער שטוב, און פּויערים האָבן זי נאָך מער געלויבט איידער די אידן.

פיר מאָל איז מיר אויסגעקומען דורכצופאָרן דאָרטן, אין פאַרשי־דענע צייטן פון יאָר און פון טאָג, און שטענדיק האָב איך געזען די זעלביקע גאַסטפרײַנטשאַפט, שטענדיק איז געווען אַ פולע שטוב מיט מענטשן צעזעצט אַרום די לאַנגע טישן — פליישיקע און מילכיקע עסערס אויף באַזונדערע טישן.

צוגעגאַנגען איז דאָס אַזוי פשוט, אַז דעם ערשטן מאָל האָב איך גערעכנט נישט נאָר, אַז מען וועט דאַרפן צאָלן, נאָר אַז מען וועט הייסן גוט באַצאָלן.

אַן אַלטינקע פרוי איז צוגעגאַנגען, ווי איינע, וואָס זוכט זיך אונ־טערצו׳חנפה׳נען, כדי וואָס מער צו לייזן, און האָט געזאָגט:

— ברוך הבא, שלום־עליכם, פון ווייט? וואָס וועט איר עפּעס עסן, האַ? — און אָנגעהויבן אויסרעכענען אַ צעטל פליישיקס: רעטאַך מיט גענדזענע שמאַלץ לעבערלאַך. אַ גוטע גריקענע קאַשע איינגע־פּרייעט מיט גריבענעס און אונטערגעגאָסן מיט פּאַסאָליעס, אַ ראָסל־פלייש, אויב נישט, איז אַ שטיקעלע געבראָטנס מיט כריין און בוריקעס־ראָסל און צו פאַרבייסן — אַ צימעסל, ניט צו פאַר־זינדיקן, מייערן און פלוימען און קאַרטאָפל מיט האָניק און ברוסט־פלייש...

דער מילכיקער צעטל איז געווען נאָך מער אַפּעטיטנע: קעז מיט סמעטענע, פיש געבראָטן אין פוטער, זייער געראָטענע קניידלאַך אין מילך, אַ פּאָר אייער, צי אַ פיינקוכן און גאָר פרישינקע בלינצעס מיט קעז, אַ מאכל!

גערעדט האָט זי מיט אַזאַ טעם, אַז דער אַפּעטיט האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעשפּילט, כאָטש נעם און עס ביידע צעטלאַך...

— נו, גוט, זייט מוחל, וואַשט זיך און זעצט זיך באַם מילכיקן טיש. איך עצה אייך, צו דערנאָכט־צו, גלייכער עסט מילכיקס.

איך האָב פאַרשטייט זיך, ניט געלאָזט זיך בעטן, כ'האָב אָנגע־נומען דער אַלטינקעס עצה צוליב אַן אַנדער טעם — ניט געוואָלט פליי־שיק ווערן, טאָמער וועט מען אין פּעטריקאָוו באַם פּעטער אָנבאָטן אין אַ פיר שעה אַרום אַ מילכיקן מאַלצייט, וועלכן מען טאָר ניט עסן נאָך פליישיקס, סיידן אין זעקס שעה. האָב איך זיך גוט אָנגעגעסן, אָנגעטרונקען זיך מיט טיי (מען גיט אַ שנאַפּס אויך, ווער עס וויל) און אַז עס איז צייט געוואָרן פאָרן, האָב איך געפרעגט דער אַלטינקער, וואָס קומט פון מיר.

זי האָט שטאַרק צופרידן געשמייכלט און געזאָגט:

— אפנים אַ פרעמדער, האַ, ניט פון דער געגנט? נו, געבענטשט האָט איר דאָך, דעם אויבערשטן האָט איר באַדאַנקט שוין פאַר זיין חסד, טאָ וואָס קאָן מען פון אייך נאָך פאַרלאַנגען? געלויבט איז זיין ליבער נאָמען. מיין אייִדים, זאָל געזונט זיין, קאָן נאָך באַשטיין געבן אַ אידן אָפּעסן... אַבי איר האָט הנאה געהאַט. זאָל אייך נאָר וואויל באַקומען! אונדזער שכר וועלן מיר שוין באַקומען פון אונדזער אַלע־מענם בעל־מפרנס, ער איז אַ קאַפּיטשקע רייכער פון אייך און איז אַ גוטער בטוח באַ אונדז; אַיי, איז ער אַ בטוח!

דעם צווייטן מאָל האָב איך שוין ניט געהאַט די חוצפה, און אַז די אַלטינקע האָט אָנגעהויבן אויסרעכענען אירע צעטלען, האָב איך איר געזאָגט, אַז איך פאַרלאָז זיך אויף איר

— ניין, ניין, חלילה, — האָט זי געענטפערט, — גלויבט מיר, אַז מיר קריגן כפל כפלים פאַר איטלאַכן אורחס סעודה. איר טוט אונדז אַ סך אַ גרעסערע טובה איידער מיר אייך. עפּס געזונטערהייט וואָס אייך געפעלט... איך רעכן נאָר אַז פאַר אַ יונגן מענטשן איז אַ שטי־קעלע פלייש קרעפּטיקער, בפרט אַז איר האָט נאָך צו פאָרן אַ שטיק וועג.

די אַלטינקע איז אַרומגעגאַנגען פון טיש צו טיש, האָט אַרומגע־פּאַדעט פון איין אורח צום אַנדערן, גערופן די דינסטן, געהייסן ד ע ם אורח דערלאַנגען דאָס, י ע נ ע ם — עפּעס אַנדערש, צו איטלאַכן

געשמייכלט, געזאָגט אַ גוט וואָרט, אונטערגעגעבן חשק און אַפּעטיט צום עסן — און איז געווען גליקלאַך פון דער שפע...

— היינט אַ גוטן טאָג געהאַט, געלויבט איז דער אויבערשטער, קיין עין־הרע אַ סך אורחים געווען. הלוואי ווייטער! — האָט זי פאַר־ענדיקט.

ווי איך אַנטלויף פון דער היים

דאָס איז געווען באַלד נאָך פּסח. דער חשק אָוועקצופאָרן לערנען ערגעץ אין דער פרעמד האָט געברענט אין מיר שוין אַ לאַנגע צייט, איצט האָט ער זיך נאָך שטאַרקער פאַנאַנדערגעפלאַקערט. אָבער פועלן באַ דעם טאַטן, אָדער ווער רעדט נאָך באַ דער מאַמען, זיי זאָלן מיך אויסריכטן אין דער פרעמד, האָב איך קיין האָפנונג ניט געהאַט. איך האָב אַמאָל עפּעס יאָ אַ שמועס געטאָן וועגן אַזאַ ענין, האָבן זיי ניט געוואָלט, ניט הערן און ניט זען.

— וויים איך וואָס! — האָט די מאַמע מיט כעס געזאָגט.—משוגע מיינע שונאים, צי חסר דעה. אַ אינגל פון צוועלף יאָר אָוועקלאָזן אין דער פרעמד וואַלגערן זיך?

און דער טאַטע האָט צוגעלייגט:

— נישקשה, נישקשה, דו האָסט נאָך צייט.

האָב איך זיך צונויפגערעדט מיט דעם ישיבה-בחורל, אַ אינגל פון אַ יאָר פופצן, וואָס האָט געגעסן באַ אונדז פרייטיק און שבת שוין העכער אַ יאָר צייט, אַז מיר זאָלן זיך אָוועקלאָזן ביידע אין דער שטיל. אויג, סלוצק און מאָליוו. וואָס זיינען ביידע געווען גלייך ווייט און וואָס אויג, סלוצק און מאָליוו. וואָס זיינען ביידע געווען גלייך ווייט און וואָס צו ביידע גלייך האָט געפירט אַ גלייכער וועג — אַ שאָסיי, און עס איז ניט געווען קיין מורא פאַר פאַרבלאָנדזשען, — האָבן מיר אויסגעוויילט בעסער מאָליוו. סלוצק האָט אפילו מער גע׳שמ׳ט פאַר אַ מקום תורה, האָט געהאַט באַרימטע ישיבות. אָבער אַזוי ווי סלוצק איז געווען אַ מתנגדישע שטאָט און מיר ביידע זיינען געווען פאַרברענטע חסידים, זיינען מיר אָוועק קיין מאָליוו.

אין אַ שיינעם פרילינג־טאָג, ווען די זון האָט ליבלאַך געלויכטן און געוואַרימט, זיינען מיר אַוועקגעלאָפן. אין קעשענע האָב איך גע־האַט פופצן קאָפּיקעס, וואָס איך האָב געהאַט אָפּגעשפּאָרט, און אַ האַלבן לעבל ברויט, וואָס עס האָט זיך מיר איינגעגעבן אָפּ׳גנב׳ענען פון מיין שוועסטערס שאַרף אויג.

מיר זיינען טאַקע ממש געלאָפן, מיט אַלע כחות געלאָפן. ערשטנס, האָבן מיר מורא געהאַט, טאָמער יאָגט מען אונדז נאָך, און אגב האָבן מיר געוואָלט גיכער אָפּ׳פּטר׳ן דעם מהלך פון די הונדערט און צען וויאָרסט. עס פאַרשטייט זיך, אַז מיר זיינען גיך מיד געוואָרן און בא דער ערשטער קרעטשמע האָבן מיר זיך געזעצט אָפּרוען. מיר האָבן לאַנג גערוט, געקייקלט זיך אויף דעם גראָז, דערציילט זיך מעשות און שטאַרק הנאה געהאַט פון אונדזערע יונגע יאָרן מסתמא, און פון דעם זייער פיינעם פרילינג־טאָג. מיר האָבן וועגן קיין זאַך ניט גע־זאָרגט, ניט געטראַכט און זיך ניט געקימערט. אַ פּאָר קינדער פון דער קרעטשמע זיינען אַרויסגעלאָפן און צוגעשטאַנען צו אונדזער שפּיל. מיר האָבן אינאייינעם געשטיפט, געטאַנצט און געשפּרונגען ווי פרייע פייגעלאַך.

מיר האָבן אויף אַזאַ אופן פאַרבראַכט שיינע עטלאַכע שעה, ביז די קינדער האָבן אונדז פאַרשלעפּט אין שטוב אריין. אָבער דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פון פאַרהערן אונדז, וואָס האָט זיך אונדז גאָר ניט געחלומט. די עלטערע אין שטוב דערהויפּט די מוטער פון די קינדער, האָט אונדז גענומען אויפן צימבל: פון וואַנען גייען דאָס אינגלאַך, וואוהין, וואו זיינען אונזערע פעקלאַך, מען דאַרף דאָך האָבן אַ העמדל, אַ פּאָר זאָקן, האָבן מיר עפּעס מיט זיך? האָבן מיר געלט און וואו רעכענען מיר, די נאַכט איבערנעכטיקן?

אירע פראַגעס, וועלכע זיינען מיר גאָר אויף דעם זינען ניט אַרויף פריער, איר קוקן אויף אונדז מיט פריינטלאַכקייט, און איר אָפּזיפצן צום סוף, האָט אָנגעטריבן אויף מיר אַן אומעט און מיר איז גע־וואָרן זייער קאַלעמוטנע אויפ׳ן האַרצן. איך האָב געקוקט אויף מיין

חבר, ער אויף מיר, געזוכט אַ טרייסט, אָן ענטפער אויף די אַלע פראַ־גען. מיין חבר האָט זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ און געזאָגט:

— ווייסטו וואָס, אָט לאָמיר אויפעסן דעם ברויט, וואָס מיר האָבן.

געזאָגט — און געטאָן. פון גרוים הארצוויייטיק האָבן מיר זיך גענומען צום עסן. די באַלעבאָסטע האָט אונדז מכבד געווען מיט שטיק־לאַך הערינג. מיר האָבן פאַרטרונקען מיט בעראָזאָווען קוואַס. אויפן האַרצן איז געוואָרן ווידער פרייליכער און מיר האָבן ווידער געלאָזט זיך אין וועג. מיר זיינען אָפּגעגאַנגען נאָך אַ פּאָר שעה, אָבער שוין ניט אַזוי געשווינט ווי פריער — די פיס האָבן אָנגעהויבן ווייטאָן.

אין דרויסן איז געוואָרן טונקעלער און טונקעלער. די זון האָט זיך שוין געזעצט. די גרויסע שאָטנס פון די ביימער האָבן זיך צע־שפרייט איבער דעם גאַנצן וועג און עס איז געוואָרן אומהיימלאַך. דער געדאַנק וועגן וואו נעכטיקט מען איבער, האָט געעגבערט אין מוח און ניט געוואָלט אָפּטרעטן. איך האָב געמאָנט בײַ מיין חבר: וואו וועלן מיר נעכטיקן? אַקוראַט ווי אָן אים וואָלט זיך דאָס געווענדט. ער האָט פּרובירט טרייסטן, איינריידן מיר, אַז עס איז ניט קיין סכנה אפילו, אַז עס זאָל אויסקומען איבערנעכטיקן אין דרויסן. „פּשש, אַ טייערער באַטרעף, מען מאַכט אַ פייער און מען פאַרברענגט אַזוי אַ נאַכט!" אָבער ניט איך און ניט ער אַליין האָבן געגלויבט אין זיינע רייד און מיר האָבן זיך ווידער גענומען איילן, כדי אָנשפּאַרן ערגעץ צו אַן אַכסניא. די פיס זיינען אָבער געווען שוין ווי אָפּגעהאַקטע, קוים־קוים געשלעפּט זיי. עס איז צוגעפאַלן די נאַכט, עס איז גע־וואָרן פינצטער און איך האָב זיך אָנגעהויבן אויף אָן אמת צו שרעקן.

דער וואַלד פוןביידע זייטן שאָסיי. דער נאַכט־פויגל וואָס פליט פאַרביי. די וויאָרסטן, די טעלעגראַף־סלופּעס, — אַלץ האָט אָנגע־נומען עפּעס אַזאַ מאָדנע געשטאַלט, אַזאַ פינצטערע און אומעטיקע! איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער מאַמען, דעם טאַטן, ווי זיי זאָרגן זיך אוודאי, ווייסן ניט וואָס איבערצוקלערן. דערמאָנט זיך אָן דעם קלענערן ברודער, וועמען איך האָב איבערגעלאָזן אין אַ היץ־קרענק, און מיר האָט זיך אַזוי שטאַרק געבענקט נאָך זיי. מיר האָט אַזש דאָס

האַרץ פאַרקלעמט און איך האָב אָנגעהויבן וויינען. מיין חבר האָט מיך געבעטן איך זאָל אויפהערן, אַז ניט, האָט ער מיך געסטראַשעט, וועט ער אויך אָנהייבן וויינען. איך האָב זיך מיט מיינע אַלע כחות געוואָלט איינהאַלטן, האָב אָבער געכליפעט נאָך שטאַרקער. אַ פּאָר שעה זיינען מיר אַזוי געגאַנגען, ביז מיר האָבן זיך דערשלעפּט צו אַ קרעטשמע. עס איז שוין געווען אַזייגער ניין אין אָוונט און פון דער היים זיינען מיר געווען אַן ערך פינף און צוואַנציק וויאָרסט.

אין קרעטשמע האָבן מיר געטראָפן אַ בחור פון אַ יאָר אַכצן, וואָס פאָרט אויך קיין מאָליוו אין דער ישיבה. ער פאָרט מיט אַט-דעם ערל, וועלכער האָט זיך שוין פאַרטיק געמאַכט צו גיין שפּאַנען די פערד. ער האָט געהאַנדלט אַ ווילדע מציאה. עס קאָסט אים אינגאַנצן פון באָברויסק קיין מאָליוו אײן קערבל. ער רעכנט, אַז ווען מיר זאָלן אים געבן אַ קערבל, קאָנען מיר מאַכן די גאַנצע רייזע פון דאַנען קיין מאָליוו! אָבער וואו נעמט מען אַ קערבל? נאָך קיינמאָל האָב איך אַזוי ניט געגאַרט האָבן אַ קערבל ווי דעמאָלט.

ביידע האָבן מיר דערציילט דעם ישיבה-בחור אונדזער גאַנץ ביטער האַרץ, אַז אַ חוץ פופצן קאָפּיקעס האָבן מיר גאָר ניט, גאָר-נישט. דער בחור האָט אפילו געמאַכט אַ זויערע מינע, אפנים ניט גע-פעלן געווען אים אַזעלכע מיטפאָרער, האָט אָבער פונדעסטוועגן אָנ-געהויבן איבערשמועסן מיט דעם גוי'עץ, טענה'ן מיט אים, אַז ער פאָר-לירט דערביי גאָרניט. ער פאָרט סיי ווי אַהין, און פאָרט מיט ליידיקן. יענער איז אָבער גאָר אין כעס געוואָרן, אַ שפּיי געטאָן און האָט זיך צעבייזערט:

— וואָס, פאַר פופצן קאָפּיקעס וועט ער פירן צוויי פאַרשוינען העכער אַכציק וויאָרסט? — האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: „היינטיקס מאָל האָסטו ניט געטראָפן דעם ריכ-טיקן אָרט" — און איז אַוועקגעלאָפן שפּאַנען די פערד.

פאַרלירנדיק דעם גרויסן גליק, וואָס האָט אַזוי פלוצלינג אַ בלישטשע געטאָן און איז אויך אַזוי פלוצלינג פאַרשוואונדן, זיינען מיר דערשלאָגענע געבליבן זיצן, דאָס הייסט — אָפּרוען. מיר זיינען גע-

ווען מיד, צעבראָכן און עס האָט זיך זייער געוואָלט עסן. די באַלע־באָסטע האָט אפילו אַ פרעג געטאָן:

— קינדער, ווער איר עסן וועטשערע?

אָבער מיין חבר האָט גלייך געענטפערט, אַז מיר האָבן ניט לאַנג געגעסן און מיר זיינען נישט הונגעריק. דערפאַר אָבער, אַז זי האָט אַ פרעג געטאָן, צי ווילן מיר טרינקען טיי? — האָב איך שוין ניט געוואַרט אויף מיין חבר און האָב איילי׳ק געענטפערט, אַז יע, און נאָך צוגעלייגט: „מיט ברויט און פוטער“.

איך האָב אָבער נאָך קיין צייט ניט געהאַט אַראָפּשלינגען דעם ערשטן ביסן, ווי מיר האָבן דערהערט, אַז מען רופט אונדז פון דרויסן. דער ערל פייפט, דער בחור שרייט:

— העי, חברה, גיכער אַהערצו!

מיט דער לוסטע ברויט אין האַנט בין איך שנעל אַרויסגעלאָפן, דער חבר — נאָך מיר; דער גוי׳עץ האָט צוגענומען בא מיר די פופצן קאָפּיקעס, אַריינגעוואָרפן אונדז אין וואָגן, אָט ווי מען וואַרפט אַריין אַ ליידיקן זאַק — און היידאַ!...

דער וואָגן איז געווען אַ ליידיקער, אַ פוסטער און עס איז אויס־געקומען צו זיצן, אָדער אָנשפּאַרן זיך אָן די היילע סוקאָוואַטע קלעצ־לאָך און ברעטער, פון וועלכע דער וואָגן איז צונויפגעקלאַפּט געוואָרן, אויף צו פירן גרויסע פעסער דזשעגאַכץ. די פערד זיינען געלאָפן ווי ניט-גוטע, איילנדיק זיך אַהיים, ווי דער גוי האָט געזאָגט, געוואָרפן אונדז אַהין און אַהער אָן רחמנות און צעקלאַפּט אונדז ווי אַ נוס. אָבער ניט די זייער אומבאַקוועמע פּאָזיציע אין וואָגן, ניט דער הונגער, וואָס האָט אונדז געמוטשעט — וואָרים דאָס שטיקעלע ברויט וואָס איך האָב פאַרכאַפּט, האָט אויף איין צאָן ניט געסטייעט פאַר אונדז ביידן, — און ניט די קעלט, וואָס האָט אונדז דורכגענומען ביז די ביינער, האָט אונדז ניט געשטערט געשמאַק אָנשלאָפן צו ווערן...

אַז דער גוי האָט זיך מיט באַגינען אָפּגעשטעלט אין אַ קרעטשמע פיטערן זיך און די פערד, האָב איך זיך קוים געקענט פון אָרט רירן. לייב און לעבן האָט מיר ווייי געטאָן, קוים אין שטוב זיך אַריינגע־

שלעפּט. דער ישיבה־בחור האָט אויף גיך אָפּגעדאַווענט, אויסגעבאָרגט זיינע תפילין מיין חבר, וועלכער האָט אין גרויס איילעניש פאַרגעסן זיינע, האָט זיך אַוועקגעזעצט עסן אָנבייסן מיט גרויס חשק. אַ פולע שיסעלע קעז מיט סמעטענע, אַ גרויסער גוטער פיינקוכן, דערצו נאָך אַ הייסע גלאָז ציקאָריע מיט געבריטע מילך איז געשטאַנען פאַר אים אויפן טיש. זיצנדיק אַנטקעגן, האָט מיר דער ריח פון די אַלע גוטע זאַכן אַ קלאַפּ געטאָן אין נאָז און איך האָב מיט די אויגן געשלונגען יעדן ביסן, וואָס יענער האָט גענומען אין מויל. עס ציט מיך אונטער דעם לעפעלע, ציט, ווי אַ וואָרם וואָלט געזויגן. איטלאַכע מינוט, איטלאַכע רגע, ריכטנדיק זיך, אַז אָט־אָט וועט ער מיך מיט עפּעס מכבד זיין האָט זיך ווי אַ יאָר אויסגעצויגן. איך קוק אים גלייך אין די אויגן אַריין. וואָלט ער כאָטש אַ שטיקל קעז געגעבן, כאָטש אַ שטיקל בולקע, לכל הפּחות אַ המוציא'לע ברויט — אַ הונט וואַרפט מען דאָך אויך צו עפּעס ווען מען עסט. אָבער ניין! איך פיל, ווי דאָס פּנים איז באַ מיר פאַרפלאַמט, דאָס האַרץ קלאַפּט, ווי מיט אַ האַמער, פון מויל לויפט מיר די סלינע! איך ווייס ניט וואָס צו טאָן, איך קען זיך קיין אָרט ניט געפינען, איך רוק זיך נעענטער און נעענטער צום בחור, שטיי האַרט באַ זיין זייט און עס ווילט זיך מיר אַ כאַפּ טאָן עפּעס באַ אים, אָבער די האַנט פאָלגט ניט. ניין, מען טאָר דאָך ניט! יענער, ווידער, קוקט גאָר אין מיין זייט ניט אפילו, עסט און שוויצט, שוויצט און עסט. רויטע פינטעלאַך, פייערדיקע האַלבע רעד־לאַך דרייען זיך מיר פאַר די אויגן זיי לעשן זיך אויס, עס ווערט שוואַרץ און שטאַרק מוטנע. אַ געדיכטע, געלבלאַכע פליסיקייט קומט צו צום האַלדז, עס ווערט מיר נודנע, ניט גוט ווערט מיר.

אַז איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז איטשיק געשטאַנען לעבן מיר אַ פאַרוויינטער און האָט מיט ספּירט געריבן מיר די שלייפן. אַ פּאָר טראָפּנס האָבן זיך אַריינגעקייקלט אין מויל צו מיר, וועלכע איך האָב גערן דערשלונגען און זיך דערשפּירט געקרעפטיקט. לעבן מיר איז געשטאַנען אַ וואַרימע גלאָז מילך און מיין חבר האָט מיר געגעבן אַלע ווײַלע אַ זופּ טאָן. איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן. אין אַ פּאָר

שעה אַרום, ווען עס איז געווען צייט שוין ווידער צו פאָרן, בין איך אויפגעשטאַנען כמעט גאָר אַ פרישער און געזונטער. איטשיק האָט געהאַט פאַר מיר ווידער אַ גלאָז מילך און נאָך אַ האַלבע בולקע דערצו. איך בין אָבער באַשטאַנען, אַז ער זאָל מיט מיר זיך טיילן יעדעס פּיצל. ער האָט אפילו גע'טענה'ט, אַז ווען איך בין געשלאָפן האָט ער אָפּ־געגעסן, אָבער זיין בלייכער פּנים און זיינע טרייסלענדיקע הענט האָבן אָפּגעלייקנט זיינע רייד. ער האָט אָבער, מיר צוליב, אָפּגעבראָכן נאָר אַ שטיקעלע פון דער בולקע און אַ פּאָר מאָל אַ זופּ געטאָן פון דער מילך. דער גוי האָט דערווייליע איינגעשפּאַנט די פערד און מיר זיינען ווידער אַריינגעקראָכן אין וואָגן. מיר האָט ווי געטאָן אַביסל דער קאָפּ, עס האָט מיך גענודיעט אויפן האַרצן, אָבער אָפּגעלעגן אַ שטיקל צייט אין וואָגן, אריינגעאָטעמט די ריינע, פרישע פרילינג־לופט און אויסגעוואַרימט פון דער מחיה'דיקער זון, האָב איך פאַרגעסן אין אַלע צרות, אַ חוץ איינער — מיר האָט זיך ווידער פאַרוואָלט עסן! איך האָב דעם סוד פאַרטרויט מיין חבר. קעגן מיינע דערוואַרטונגען, איז ער געווען שטאַרק צופרידן.

— אַבי איך האָב געמיינט, דו וועסט, חלילה, קראַנק ווערן, אַ דאַנק גאָט, וואָס דו ווילסט עסן. עס איז אַ גוטער סימן!

דערפאַר האָט ער מיר פאַרטרויט אַז אַ חוץ די פּאָר זופּן מילך פון מיין גלאָז מיט דעם ברעקל בולקע, האָט ער נאָך גאָר נישט אין מויל געהאַט פאַר דעם גאַנצן מעת־לעת. אָבער, נישקשה, האַלט ער זיך שטייף, „מיר איז דאָס ניט דאָס ערשטע מאָל, איך האָב אַמאָל שוין צוויי מעת־לעת ניט געגעסן און גאָר נישט, עס האָט גאָר ניט געשאַט. איך רעכן, אַז מען קען זיך צוגעוואוינען צו הונגער אויך.“

איך האָב ניט געקענט פאַרשטיין זיין העלדישקייט, האָב געקוקט אויף אים, ווי איך וואָלט אים נאָר־וואָס דערקענט און געקראָגן פאַר אים אַ באַזונדער רעספּעקט.

אונדזער מיט־פאָרער, דער ישיבה־בחור, איז זיך רואיק געזעסן, וויטער פון אונדז אין וואָגן, לעבן דעם אָנטרייבער אויף אַ בינטל היי, וואָס דער גוי האָט גענומען אין קרעטשמע פאַר די פערד, אַפּנים, —

און האָט פאַרגעניגנדיק געדרעמלט. ער איז געווען אין גאַנצן פרעמד צו אונדז און געמאַכט זיך ניט וויסנדיק פון דער גאַנצער מעשה, פון דעם, וואָס איך האָב טאַקע אויף אַן אמת גע׳חלש׳ט, און וואָס אויך איצטער גייען מיר אוים פאַר הונגער, דערהויפּט מיין חבר.

מיין איטשיק האָט מיר אָפּט צוגעוואונקען, אָנווייזנדיק אויף יענעם חברה־מאַן און מיר אַריינגעשעפּטשעט אין אויער, אַז אין מאַליוו... וואַרט נאָר, וואַרט, ער וועט זיך שוין מיט אים אָפּרעכענען.

עס זיינען אַוועקגעגאַנגען נאָך עטלאַכע שעה, דער בחור האָט זיך אויפגעכאַפּט, אויסגעטשוכעט זיך, פאַנאַנדערגעבונדן זיין קלומיק און גענומען זיך ווידער צו דער אכילה. איטשיק האָט אָנגעהויבן אים מוסר׳ן:

— סטייטש, אַליין אַן אָרים־בחור, ווי האָט ער דאָס קיין רחמנות ניט. ער זעט דאָך, אַז מיר האָבן גאָר ניט און זיינען הונגעריק. נאָך לאַנגן טענה׳ן און ריידן, קליאַנטשענען און בעטן זיך, פון וואָס מיר האָבן זיך טרערן געשטעלט אין די אויגן, האָט דער נפש אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרצן און אָפּגעשניטן פון זיין קאָרענער ברויט צוויי פּענעצלאַך, פאַר יעדן פון אונדז איינס. מיר האָבן זיך געקריגט צווישן זיך: איך האָב געזאָגט, איטשיק זאָל אויפעסן ביידע שטיקלאַך ברויט, וואָרים איך האָב דאָך אין דער פרי געגעסן, און ער האָט גע־שוואָרן, אָסור חזיר, אויב ער וועט זיך צורירן צום ברויט, סיידן איך וועל עסן מיין חלק. מיר האָבן געגעסן ביסן פאַר ביסן, ביידע גלייכע שטיקעלאַך אָפּגעבראָכן, ביידע גלייך אין מויל אַריינגעלייגט, ביידע געקייט לאַנג, לאַנג ביז עס איז כמעט אין מויל פון דעם גאָר ניט גע־וואָרן. און ביידע גלייך דערנאָך אַראָפּגעשלונגען. אונדז האָט די גע־שיכטע פאַראינטערעסירט און געפעלן געוואָרן — און מיר האָבן דעם ערשטן מאָל זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

אַז דער גוי האָט אַ קער געטאָן דעם קאָפּ אַהינטער צו זען דעם חידוש, האָט ער עפּעס אַ זאָג געטאָן דעם בחור. דער בחור האָט געענטפערט און דער גוי׳עץ האָט אונדז אַ וואָרף געטאָן איין עפּל און נאָך איינעם. באַ אונדז איז געוואָרן לעבעדיק און פריילאַך. אין בויך

האָט מיר אפילו ווײ געטאָן, עס האָט געקרעמפּט, אָבער וואָס פאַר אַ באַטרעף האָט דאָס? אַבי ניט הונגעריק.

אין אָוונט, ווען עס איז שוין געוואָרן גאָר פינצטער, זיינען מיר אַריינגעפאָרן אין שטאָט.

— אָט, האָט איר אייך מאָליוו, אַראָפּ פון וואָגן — האָט אַ קאָ־מאַנדעווע געטאָן דער גוי.

אַ ברירה האָבן מיר געהאַט. מיר האָבן געפאָלגט און אַראָפּגע־קראָכן. איטשיק האָט נאָך באַוויזן, איידער ער האָט פאַרלאָזן דעם וואָגן, צו דערלאַנגען דעם בחור אַ געזונטן קלאַפּ איבערן היטל. דער גויעץ האָט אָבער דעם בחור אויך אַראָפּגעטריבן פון וואָגן, און יענער האָט גענומען שרייען, רופן צו אונדז, מיר זאָלן וואַרטן אויף אים. איטשיק האָט אָבער בשום אופן ניט געוואָלט און מיר זיינען אַוועק־געגאַנגען. דער בחור האָט אונדז אָנגעיאָגט און אונדז פאַרגעלייגט, מיר זאָלן זיך זעצן אין אַ זייט פון גאַס און פריער אָפּעסן וועטשערע. מיין איטשיקל איז געוואָרן גאָר אָן אָנגעצונדענער:

— אָך, דו כלב־דו, דו מיאוסע בריאה! איצטער באַטסטו אונדז אָן עסן? און אַז ער (אָנווייזנדיק אויף מיר) האָט גע׳חלש׳ט צום טויט פאַר אַ ביסן, האָסטו געהאַט אַזאַ טריפה׳נע האַרץ און ניט גע־געבן גאָרנישט. אַוועק פון אונדז, דו פּאַסקודניאַק! מיט אַ שטיין וועל איך דיר דעם קאָפּ צעקלאַפּן.

ניט פיל טראַכטנדיק, האָט ער זיך איינגעבויגן נאָך אַ שטיין, יענער האָט אָבער ניט געוואַרט און געמאַכט אַ ויברח... מיר האָבן זיך ביידע שטאַרק צעלאַכט.

אונדזער גוטער הומאָר האָט ניט לאַנג אָנגעהאַלטן. באַנאַכט, אין אַ פרעמדער שטאָט, אין אַן אומבאַקאַנטער סביבה, מידע, הונגע־ריקע און דערצו — וואו נעכטיקט מען? מיר האָבן זיך לאַנג, לאַנג אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן; קוים מיט צרות דערשלעפּט זיך ערגעץ צו אַ שול, אַריינגעגאַנגען, און טאַקע באַלד, לעבן ספרים־אַלמער, האָבן מיר זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם הוילן בריק און אַנטשלאָפן געוואָרן.

מאַכט זיך אָבער גראָד, אַז אַ למדן, אַ באַלעבאָס, האָט געדאַרפט אַ ספר פון אַלמער און ער האָט אויפגעהויבן אַ גאַנצע טרעוואָגע, גערופן דעם שמש און אָנגעהויבן שרייען:

— וואָס איז דאָס, אַ באַליגנס?... פון וואַנען קומען אַהער די אינגלאַך? ווער זיינען זיי? לעבן די ספרים גאָר — אויף אַ הוילן בריק.

נאָך אַ פּאָר באַלעבאַטים, וואָס האָבן געלערנט אין שול, זיינען צוגעקומען; עס האָבן זיך אָנגעהויבן נייע „אויספאָרשונגען" — ווען אָנגעקומען, פון וואַנען, צוליב וואָס און צי האָבן מיר געגעסן וועטשערע? באַ דער לעצטער שאלה האָבן מיר זיך ביידע פאַנאַנדער־געוויינט. די אידן האָבן איבערגעשמועסט צווישן זיך — „קענטיק באַלעבאַטישע קינדער", — האָבן זיי געזאָגט. מען האָט זיך צונויפ־געלייגט צו פּאָר קאָפּיקעס און דער שמש האָט אונדז געבראַכט עסן. מען האָט אונדז דערנאָך צעלייגט אויף באַזונדערע בענק, עפּעס אונ־טערגעבעט, מיט עפּעס צוגעדעקט און געזאָגט אונדז, אַז מיר וועלן מוזן אויפשטיין גאַנץ פרי.

געשלאָפן זיינען מיר גאַנץ געשמאַק און דווקא שפּעט. קיינער האָט אונדז ניט געוועקט, און געשטערט האָט אונדז אויך קיין זאַך ניט. אַז מיר זיינען אויפגעשטאַנען, אַזייגער אַכט ערשט, האָט דער שמש, אַ פול־פנים'דיקער און גוטער, ערנסט גענומען זיך אויף אַ פּאַטערלאַכן אופן אויספרעגן זיך באַ אונדז אַלע קליינינקייטן וועגן אונדזער נסיעה. אַז ער איז געוואָר געוואָרן, אפנים, אַז מיין טאַטע און מאַמע זיינען ניט קיין אָרימעלייט, און אַז איך בין אַוועקגעגאַנגען אָן זייער וויסן גאָר, האָט ער אונדז געגעבן זיין גוטע עצה: מיר זאָלן אָפּזוכן די אכסניה, וואוהין עס פאָרפאָרן די באָברויסקער בעלי עגלות און דאָרטן וועלן מיר שוין קריגן אַ פּאָר קערבלאַך אויף טאַטע־מאַמעס חשבון.

— נישקשה, נישקשה, דו וועסט קריגן. זיי וועלן דיר געבן. — האָט ער זיך געווענדט צו מיר.

די עצה האָט שטאַרק אויסגענומען באַ מיין חבר איטשיקן נאָך מער ווי באַ מיר, און מיר האָבן זיך אַוועקגעלאָזט זוכן די באָברויסקער

בעלי עגלות. דערווייל האָבן מיר באַקוקט די שטאָט, פון וועלכער איך בין גאָר נתפּעל געוואָרן: סטייטש, געברוקירטע גאַסן, באַזונדערע טראָטואַרן פאַר פוס־גייער, מויערן, כסדר נאָר מויערן — אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס זיינען געווען פאַר מיר ניי און אַ וואונדער. מיין חבר האָט אַפילו גע'טענה'ט, אַז זיין שטאָט מינסק איז אי גרעסער, אי שענער, האָט פיינע בולוואַרן און אַ פראַנציסקאַנער גאַס — גאָר אַן אויסנאַם. אָבער מיינע התפעלות האָט דאָס אויף אַ האָר ניט פאַרקלענערט. בּאַ מיר איז שוין רעכט געוואָרן אַלע צרות, וואָס איך האָב געליטן, און וואָלט באַ זיך גע'פּועל'ט צו בלייבן שוין דאָ, ווען אָבער — ווען איך זאָל לכל הפּחות האָבן אָפּגעגעסן אָנבייסן! — —

מיר האָבן נאָך קיין צייט ניט געהאַט אַריבערגיין דעם שוועל פון דער אכסניה, ווי מיך האָט באַגריסט אַן אויסגעשריי פון אַ הויכן בעל עגלה, וועמען מען האָט גערופן, פאַרשטעלט, „שלמה מאַלי" (שלמה דער קליינער).

— אָט איז ער דאָך! הם, הם, ערשט גערעדט וועגן אים. הער נאָר, — האָט ער זיך געווענדט צו מיר, — ביסטו ניט רבקה קאָפּל אייזיק טעמעס אינגל? וואו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן, דו שייגאָץ איינער? די מאַמע האָט דאָך, שונאי ישראל, דעם קאָפּ פאַרלאָרן, אירע אויגן אויסגעוויינט; דער קדיש'ל, איר תכשיט איז פאַרלאָרן געוואָרן. אַך דו, שייגעץ איינער, נעם שוין און קריך אין בוכטע, דו הערסט, אַז ניט וועל איך דיר דאָ די הויט אַראָפּשינדן!...

איך האָב פּרובירט פּראָטעסטירן, וויינען, שרייען; וואָס פאַר אַ באַלעבאָס איז ער אויף מיר? אָבער, אַז איך האָב דערזען, ווי ער האָט זיך אַ שטעל געטאָן מיט כעס און רציחה, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיין גורל איז פאַר'חתמ'עט און איך מוז פאָרן צוריק אַהיים. איך האָב אָנגעהויבן טענה'ן, אַז ער מוז מיין חבר אויך נעמען צוריק, אַז מיר זיינען הונגעריק — שוין אַ פאַר טעג ניט געגעסן... ער האָט אויף גיך געהייסן אונדז געבן עסן, און האָט אַ זאָג געטאָן:

— נאָר אָן שהיות; די פערד זיינען שוין געשפּאַנט, מען מוז נאָך קומען אויף שבת אַהיים.

מען האָט אונדז דערלאַנגט אַ שיסל ברינדזע*), פּיינקוכן, קעז, פּוטער, פרישע ווייסע בולקע און נאָך גוטע זאַכן פון דעם זעלביקן מין. און מיר האָבן זיך פאַרנומען פראַווען אַ גאַנצע סעודה, גאָר אַזוי ווי עס געהער צו זיין. אָבער דער שלמה מאַלי האָט אונדז אַלע ווילע צוגעטריבן, אַקוראַט ווי מיר וואָלטן געווען זיינע פערדלאַך.

— נו, נו, גיכער, קריכט ניט, דער טאָג שטייט ניט; עסט, אָבער מאַכט עס איינס-צוויי! ס'וועט נאָך, חלילה, אויסקומען מחלל שבת זיין מאָרגן! פאָר איין וועגס, קינדערלאַך, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ וויכן, אומעטלאַכן קול — וועט איר זיך מוזן צעזעגענען אויף אַ קורצער צייט נאָר, אויף אַ וואָך אַן ערך. איך קען אים, דיין חבר'ל, היינט ניט נעמען. בשום אופן ניט. עס איז אַזוי אויך אַ פולע בויד, קיין עין הרע. איך וויים אפילו ניט, וואו איך וועל דיך אַהינטאָן. נאָר דיך, חכם מיינער, מוז איך גאָר אָן אַ תירוץ ברענגען. איך וועל אַ מצוה פאַרדינען. אַ קליינעקייט, די אידענע גייט דאַרטן אוים!..

מיר האָבן ביידע אויפגעהערט עסן, פאַרוואונדערט אָנגעקוקט איינער דעם אַנדערן און פאַנאַנדערגעוויינט זיך מיט ביטערע טרערן.

— נו, נו, נו, וויינט ניט, קינדערלאַך. וויין ניט זונעלע, — האָט ער זיך געווענדט צו מיין חבר, געבנדיק אים דערווייל אַ זילבערנעם צוואַנציק-קאָפּיקענעם. — קום אַהער איבעראַכטאָג, וועל איך דיך, אם-ירצה-השם, נעמען קיין באַברויסק.

אַ קלאַפּ-טוענדיק אים אין פּלייצע, און אַ כאַפּ-טוענדיק מיך ווי אַ זעקל מעל און אַריינוואַרפנדיק מיך אין בויד, האָט ער אַ „ריר" געטאָן זיינע „לייבן", נאָך אַמאָל אויסגעדרייט די קאָפּ אויף הינטן, וואו מיין חבר איז געבליבן שטיין אַ וויינענדיקער, און צוגעשריען, ער זאָל למען-השם קומען איבעראַכטאָג, וועט ער אים בלי נדר מיטנעמען; אַ „וויאָ" געטאָן צו די פערדלאַך, אָנגערופן זיי „מיינע לאַשיקלאַך", און היידאַ אויף שבת אַהיים!

ער האָט געזאָרגט, אַז איך זאָל האָבן אַ גוטן פּלאַץ אין בויד,

*) אַ געמיש פון זויערמילך און פרישע קעז.

דערציילט די „פאַרשווינגען" ווער איך בין און וואָס איך האָב אָפּגעטאָן — „אַן אַקט, אַ מעשה"; געקעכלט מיך דעם גאַנצן וועג מיט גוטע זאַכן און מיך גוט, אמת גוט צוגעזען.

אין בויך איז מיר געווען ווייך און וואַרים. די פּאַסאַזשירן האָבן זיך מיט מיר משמח געווען, און עס איז געווען פרייליך. מיר פלעגט אפילו אַ טיאַבקע טאָן פון צייט צו צייט אין האַרצן דאָס, וואָס מיין חבר איז נעבאַך איצטער געבליבן אַליין. אויך האָט אַן עלטערער איד, אַ סוחר מיט אַ הדרת פנים, געגרייצט זיך מיט מיר און געסטראַשעט: „וואַרט, וואַרט, דער טאַטע וועט דיך שוין גוט מכבד זיין!" אָבער דאָס האָט ווייניק וואָס געווירקט אויף מיר. אָפּעסנדיק אַ געשמאַקן מאָלצייט, און גוט אויסשלאָפנדיק זיך, בין איך פריש און פריילאַכער געוואָרן; און שפּרינגנדיק בין איך אַריינגעלאָפן אין שטוב פרייטיק, נאָך העט, אַ שטיק פאַר ליכט-בענטשן.

דעם ברודערל האָב איך געפונען פיל געבעסערט, און פון מיין שוועסטער'ס דערפרייען זיך פון מיין קומען האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מען וועט מיך ניט קעפּן און ניט הענגען. אָבער אַז איך וועל דאַרפן אָפּגעבן דין וחשבון, האָב איך אויך פאַרשטאַנען. טאַקע באַלד איז אָנגעקומען דער טאַטע פון בעדל. אָפּגעבנדיק מיר אַ ברייטן שלום עליכם, ווי מען טוט מיט גאָר אַ חשוב'ן גאַסט, האָט ער אָנגעהויבן נאָכפרעגן זיך, וואו איז מען דאָס אויסגעווען, וואָס הערט זיך עפּעס אין די וויטע לענדער און וואָס פאַר אַ נסיעה איך האָב געהאַט? און כאָטש איך האָב גאַנץ קלאָר געזען, אַז ער איז שטאַרק צופרידן, וואָס איך בין געקומען, האָב איך פאָרט מורא געהאַט, אַז סוף כל סוף וועל איך פון דער געשיכטע אָפּשניידן אַ וויינענדיקער. אָבער אָט איז פלוצלינג אַריינגעלאָפן אין שטוב, כמעט אָן אַן אָטעם, די מאַמע. (דער בעל עגלה האָט איר אָנגעזאָגט אין קראָם, אַז ער האָט מיך געבראַכט.) אַ כאַפּ געטאָן מיך צו זיך, גענומען האַלדזן און קושן, גלעטן און צערטלען גאָר אָן אַ שיר און מיך מכבד געווען מיט אַ שטיק שבת'-דיקן טאָרט...

דער שבת איז געווען זייער אַ פריילאַכער. אַלע זיינען געווען גוט

אויפגעליינגט. מען האט זיך געזעגנט; דער טאטע האט געזאגט, אז מאכן א נסיעה הין און צוריק קיין מאליוו, אין סך־הכל דריי טעג, איז א גרויסע בריהשקייט, אפילו מיט פאטשטאווע. ער האט אבער אויף אן אמת מיך געזידלט, פאר איבערלאזן דארטן מיין חבר.

— פע, דאס איז גאר ניט שיין. אינאיינעם אוועקגעגאנגען, דארף מען אינאיינעם קומען, — האט ער גע'טענה'ט. אבער, אז ער האט מיך שטארק דערנומען און איך האב זיך צעוויינט פון גאנצן הארצן, האט ער געזאגט:

— נו, איצטער וועט דיר דער רבונו של עולם מוחל זיין; אבער זע, זאלסט אזא עוולה מער קיין מאל ניט טאן, דו הערסט?

איך האב הייליק צוגעזאגט און ער האט מיר געגעבן א קניפ אין בעקל...

מיין איציק איז איבערגעבראכט געקומען. ר' שלמה מאלי האט געהאלטןווארט. און דער מאמען האט געקאסט צוויי קארבן פאר מיך ברענגען און א רובל און א האלב פאר איציק'ן.

א פאר וואכן זיינען אריבער. מיין חשק צו פארן ערגעץ לערנען האט זיך ווידער אויפגעוועקט. איך האב אנגעהויבן טענה'ן און מאטערן מיין טאטן און מאמען זיי זאלן מיך בעסער אליין אויסריכטן אין וועג. אויב ניט, — האב איך געזאגט, — וועל איך ווידער אנט־לויפן. און דאס מאל האט מיין סטראשונאק געווירקט.

אין א פאר טעג ארום האט מען מיך מיט מיין פריערדיקן חבר יודל'ען אויסגעריכט קיין סלוצק, וואו יודל האט געהאט א באבען און נאך משפחה. און מיר זיינען געווארן אמת'ע ישיבה־בחורים, — געגעסן „טעג“, געשלאפן אויף דער הארטער באנק אין שול, אפט אונטערגעהונגערט, און אויך שמוציק געווארן. געלערנט האבן מיר בא ר' הירש־נעכעס איידעס, א ראש־ישיבה מיט זייער א גרויסן נאמען, אבער מיט זייער ווינציק שכל און נאך מיט ווייניקער טאקט און יושר.

סלוצק איז געווען א מתנגד'ישע שטאט. מען האט געזאגט, אז ווען אין סלוצק וועט זיין א חסידישער מנין וועט משיח קומען. אבער אין דער ישיבה, פון עטלאכע און זיבעציק בחורים, צונויפגעפארענע

פון אַלע געגנטן, זיינען געווען מער חסידים איידער מתנגדים, און עס איז געווען אַן עסק — קריגערייען וועגן חסידים און מתנגדים.

פֿון סלוצק האָב איך אַ גאַנץ קליינע פּעולה געהאַט. ווי האָט מיין מאַמע געזאָגט: בגפו יבוא ובגפו יצא, מער ווי טאַנדעטנע סחורה קען מען פון די פאַבריקעס ניט דערוואַרטן. איך בין שיין פאַרבליבן אַ פּאָר יאָר אין דער היים. איך האָב זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן, געלערנט כמעט אין אַלע שולן פון שטאָט, אָבער עס איז געווען ווייניק מזל ברכה. אַז איך בין אַלט געוואָרן אַ יאָר פערצן-פופצן בין איך, באַלד נאָך סוכות, אַוועקגעפאָרן קיין שקלאָוו. דאָרט בין איך פאַרבליבן אָן אַן איבעררייס גאַנצע צוויי יאָר.

צוריק אין דער אַלטער היים

װען איך בין אַוועקגעפאָרן פון שקלאָוו האָט זיך גראַד געמאַכט, אַז אַ באָברויסקער סוחר, שמעון קאַהאַנאָ־וויטש, אַן אָנגעזעענער און חשוב׳ער באַלעבאָס, איז גע־פאָרן אויף שבת אַהיים און האָט געדונגען אַ פור פאַר זיך אַליין. אַז ער האָט זיך באַגעגנט מיט מיר און זיך דערוואוסט ווער און וועמעס איך בין, האָט ער מיך גע־נומען צו זיך אין בויד און טאַקע גלייך זיינען מיר שוין האַסטיק געפאָרן איבער דעם שאָסיי אַהיים.

אין דרויסן איז געווען זעלטן שיין. די זון האָט מיט אַ פולער האַנט רחבות׳דיק באַשאָטן און באַפאַרבט מיט אירע גאָלדענע פליטערלאַך די געלבלאַך געוואָרענע בלעטער און האָט זיי באַגילט. די קאַלטע הערבסט לופט איז אָנגעהויכט געוואָרן פון דער זונ׳ס וואַרימען אָטעם און האָט זיך ווי שטאַרקער אַלטער וויין געלאָזט גרינג און געשמאַק שלינגען. און ווי פון וויין האָט זיך דאָס בלוט אין די אָדערן צעוואַרימט, דאָס פנים האָט זיך גערויטלט און אַלע גלידער האָבן זיך געקרעפטיקט. אויפ׳ן האַרצן גוט און פריילאַך, אַן אמת׳ער פאַרגעניגן — גאָר אַ מחיה!

מיין מיטפאָרער, ר׳ שמעונ׳ען, איז אויך, ווי עס ווייזט אויס, ניט שלעכט געווען אויפ׳ן האַרצן. ער האָט פיל גערעדט, גע׳חכמה׳ט און געוויצלט זיך. איך האָב, קענטיק, באַ דעם חשוב׳ן סוחר שטאַרק אויסגענומען. ער האָט מיך טראַקטירט מיט גוטע וואַרמעסן אין די קרעטשמעס, בעת מיר פלעגן זיך אָפּשטעלן פיטערן די פערד, און אין בויד האָט ער מיך מכבד געווען מיט אייערקיכלאַך, היימישע גאָמעל־קעס און מיט גוטע זאַפטיקע פירות.

דער איד האָט געוואָלט, אַפּנים, גילטן פאַר אַ גרויסן למדן, האָט

ער געשאַטן מיט תורה ווערטלאַך און באַלד אויסגעלייזיקט זיין גאַנצן באַגאַזש. דערפאַר אָבער, אַז איך האָב אָנגעהויבן, ניט מיט אַ קליין ביסל גאוה, אַרויסווייזן אים, וואָס איך קען, און האָב אָנגעהויבן זאָגן אַ קאַפּיטל נאָך אַ קאַפּיטל פון ישעיה און איוב, געזאָגט אַ פּאָר פּרקים משניות אויסווייניק, איז ער גאָר באַגייסטערט געוואָרן און האָט די באַגייסטערונג ניט באַהאַלטן. פאַרקערט, ער האָט מיך שטאַרק געלויבט און האָט מיט אַ פולן מויל געזאָגט, אַז ער איז מקנא מיין טאַטן, וואָס ער האָט אַזאַ טייערן זון.

מיין טאַטן האָט ער פּערזענלאַך ניט געקענט, אָבער ער האָט געהערט פון אים. „פּשש, ווער ווייס דאָס ניט קאַפּל אייזיק-טעמעס? אַזאַ למדן אַ איד, אַזאַ פרומער, און אַזאַ חסיד, אַ ברען, גאָר אַ גרויל!"

מיר האָט דאָס צוגעגעבן פיל מוט, כ'האָב זיך דערפילט זייער געהויבן, און בין אין הארצן דאַנקבאַר געווען דעם אידן.

אין באָברויסק זיינען מיר אַריינגעפאָרן פרייטיק נאָך גאַנץ פרי. איך האָב נאָך פאַרכאַפּט דעם פרייטיקדיקן גוטן אָנבייסן — די הייסע ווייסע בולקע מיט'ן געבראָטנס — נאָך וועלכן איך האָב אַזוי שטאַרק געבענקט.

דער קבלת פּנים איז געווען אַ וואַרימער, אַ האַרציקער. די מאַמע האָט געטאַנצט אַזש פאַר שמחה. זי האָט גאָרניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט מיר. דער טאַטע איז אפילו געווען גאַנץ צופרידן, אָבער קיין איבעריקע באַגייסטערונג האָט ער ניט אַרויסגעוויזן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז עפּעס אַ וואָלקן איז געווען פאַרצויגן איבער זיין פּנים. ווי איך האָב שפּעטער אויסגעפונען האָט ער חושד געווען, אַז איך בין אַראָפּ פון גלייכן וועג, ווי ס'האָט זיך דעמאָלט געטראָפן מיט אַ סך ישיבה בחורים.

גייענדיק מיט אים נאָך האַלבן טאָג, לכבוד שבת, אין בעדל, האָט ער דעם גאַנצן וועג, הין און צוריק, גערעדט וועגן אידישקייט און פרומקייט. ער האָט דערקלערט, אַז אַ למדן מיינט ניט דער וואָס קען לערנען, נאָר דער וואָס לערנט, פּונקט ווי אַ גנב איז ניט דער וואָס קאָן גנב'ענען, נאָר דער וואָס גנב'עט. אָבער אפילו זיצן און לערנען

איז אויך ניט וועך־זויים וואָס. דער עיקר איז דאָס לערנען מיט׳ן גאַנצן האַרצן, ווייל גאָט וויל אַזוי.

ער האָט נאָך אַ סך גערעדט וועגן דעם. אָבער וויפיל איך האָב ניט געהאַלטן פון מיין טאַטן, האָב איך אָבער קיינמאָל אים ניט גע־רעכנט פאַר קיין נביא. איך בין דאריבער געווען שטאַרק איבערראַשט פון זיינע רייד, אַקוראַט עפּעס ווי ער וואָלט געלייענט מיינע געדאַנקען. איך האָב באַשיינפּערלאַך געזען, אַז דער טאַטע צילעוועט ערגעץ מיט זיינע רייד, אַז אים ווילט זיך אַרויסקריגן פון מיר אַן ענטפער, איך זאָל אַרויסקומען מיט לשון. אָבער איך האָב עקשנות׳דיק געהאַלטן דעם צונג הינטער די ציינער און קיין איין וואָרט ניט געענטפערט. פון וואָס דער טאַטע איז ניט געווען גאָר צופרידן.

אויף מאָרגן, שבת, האָט דער טאַטע ווידער גערעדט מיט מיר וועגן דיזעלביקע זאַכן. אָבער אָט איז פלוצלינג אַריינגעקומען שעפּסל דער שדכן און האָט אים איבערגעשלאָגן.

אויף שעפּסל׳ס וויזיט האָט דער טאַטע זיך געוואונדערט, אָבער איז געווען צופרידן. ער האָט אים געבעטן זיצן און איך בין אַרויס־געגאַנגען.

דער מנהג איז בײַ אונדז געווען, אַז אַ שדכן פלעגט אַריינקומען אין שטוב, האָבן קיינער פון די קינדער ניט געטאָרט נאָענט זיין. טאַטע־מאַמע האָבן זיך געשושקעט מיט׳ן שדכן שטילערהייט. די קלענערע קינדער פלעגט מען צעטרייבן, די גרעסערע פלעגן אַליין אַרויס און דער חתן־בחור אַליין — דער, וועמען מען האָט דעם שידוך גערעדט האָט שטענדיק געמאַכט דעם אַנשטעל, ווי די גאַנצע מעשה ליגט אים אפילו אין דער לינקער פאה ניט... און געמאַכט זיך אינגאַנצן ניט וויסנדיק.

ווי לאַנג שעפּסל איז געבליבן שמועסן מיט מיין טאַטן און מאַמען ווייס איך ניט און מיך האָט דאָס באמת ניט אינטערעסירט. איך בין דאָך געווען זיכער, אַז ער איז ניט געקומען פון מיינעטוועגן. אָבער אַז איך בין אַריינגעקומען אין שטוב, שוין פון מעריב, האָב איך גלייך באַמערקט, אַז די מאַמע איז גאָר מלא שמחה. גאָר אויף דעם זיבעטן

הימל. זי קוקט אויף מיר מיט גרויס ליבשאַפט און איז זייער גוט צוגעלאָזן צו מיר. אַפילו דער טאַטע איז אויך עפּעס אַנדערש; ער רעדט מיט מיר מיט גאָר אַן אַנדער אָפּשיי. אָבער אַט איז די מאַמע צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיר ווידער אַנטפּלעקט אַ סוד. „אַ אידענע בלייבט אַ אידענע". זי האָט אָפּגעמאַכט מיט דעם טאַטן — אַ וואָרט מיר ניט צו דערציילן, זי קען זיך אָבער ניט איינהאַלטן. צופיל גליק — און זי קען עס לענגער ניט באַהאַלטן! — און קושנדיק און בענטשנדיק מיך, האָט זי געזאָגט:

— דו ווייסט, זונעלע, שעפּסל איז דאָך דאָ געווען גאָר צוליב דיר! אים האָט געשיקט מיט אַ בפירוש'ע שליחות אַהער ר' שמעון קאַהאַנאָוויטש. ער וויל דיך פאַר אַן איידעם! אַ מיידל האָט ער, איז דאָס גאָלד מיט זילבער, אַ שיינע, אַ חכמה, אַ וואויל-געלערנטע, אַ בריליאַנט, זאָג איך דיר. פּש... גאָר אַן אַנטיק! ר' שמעון גיט פינף טויזנט קאַרבן נדן, פינף יאָר קעסט מיט אַלדאָס גוטס. ער וועט דיך באַנייען און באַקליידן פון קאָפּ ביז די פיס. און איז פאַרטיק שרייבן תנאים כאָטש מאָרגן אפילו. אַזוי געפעלסטו אים, זונעלע מיינער, קרוין פון מיין קאָפּ!

די מאַמע האָט דאָס געזאָגט מיט אַ שיינענדיקן, פאַרפלאַמטן פּנים

— זע אָבער, זונעלע, דו זאָלסט מיך ניט אויסגעבן פאַר דעם טאַטן, ער וועט ברוגז זיין אויף מיר. און חלילה וחלילה, דו זאָלסט זיך ניט אַויסריידן עפּעס אַ וואָרט פאַר די מיידלאַך, — האָט זי אויסגעלאָזן מיט אַ זיפץ און אויפגעהויבן אירע פאַרטרערטע אויגן צום באַלקן.

מיך האָט די געשיכטע שטאַרק פאַראינטערעסירט און געמאַכט אויף מיר אַ טאָפּלטן איינדרוק. מיר האָט הנאה געטאָן, וואָס איך האָב אַזוי פיל נחת פאַרשאַפט מיין טאַטן און מאַמען, אָבער איך האָב זיך אַביסל געשראָקן —אַ קשיא אויף אַ מעשה, ווער ווייס וואָס פאַר אַ מיידל דאָרטן איז?...

איך האָב געפרעגט בא דער מאַמען, מיט וואָס פאַר אַן ענטפער איז שעפּסל אַוועקגעגאַנגען, און זי האָט מיר געזאָגט, אַז דער טאַטע האָט אים געזאָגט, אַז דער שידוך איז אים זייער צום הארצן. עס

געפּעלט אים אָרום און אָרום, אָבער פונדעסטוועגן דאַרף ער זיך נאָך דורכטראַכטן. ער האָט עפּעס אַ זייטיקן ענין, וועלכער האָט אפילו קיין שייכות ניט צום שידוך גופא, אָבער וואָס לאָזט אים ניט געבן קיין ענטפער איצטער. שעפּסל האָט זיך אפילו שטאַרק געקווענקלט, געפּרואווט צוקוועטשן דעם טאַטן פאַר אַן ענטפער אויפ'ן אָרט, האָט געעפנט זיין מויל ווי אַ מיל און האָט גע'טענה'ט, אַז איר זעט דאָך אליין, אַז עס איז אַ באַשערטע זאַך, אַז ר' שמעון איז גרייט, אַ חוץ דעם גרויסן נדן מיט דעם קעסט, מיט די שיינע מתנות, אויך ליידן די חתונה־הוצאות פאַרביידע צדדים, און אפילו אונדז צוצאָלן עטלאַכע הונדערט קערבלאַך. און אַז שעפּסל האָט נאָך לאַנג גערעדט און גע־טענה'ט, אויפגעוויזן דעם טאַטן, אַז ער טאָר ניט שטעלן זיך אין וועג. דער טאַטע איז אָבער געבליבן בא זיינס. ער האָט געגעבן צו פאַר־שטיין שעפּסלען, אַז מיט דעם שידוך איז ער זייער צופרידן, אָבער ער מוז דאָס אָפּלייגן ביז איבער יום־טוב.

איך האָב געפרעגט דער מאַמען וואָס איז איר מיינונג, און זי האָט מיר געענטפערט מיט אַ זיפץ:

— וואָס זאָל איך דיר זאָגן, זונעלע, אוודאי איז עס אַ גרויסער גליק פאַר דיר. אַזאַ שידוך מאַכט זיך ניט אַלע טאָג, אָבער עס איז דאָך אַ גרויסער רחמנות אויף שרה'ן מיט יענטען (מיינע עלטערע שוועסטער). און וואָס וועלן לייט זאָגן? עס שפּאַלט זיך פּשוט די'ר מוח. דו מיינסט איך ווייס? אַט זאָל שוין זיין ווי דער טאַטע וועט זאָגן. ער איז קליגער פאַר מיר; פרימער, אוודאי, זאָל ער דאָס נעמען אויף זיך. זיינע פּלייצעס זיינען ברייטערע...

מײַן ערשטער ראָמאַן

עס איז געווען מוצאי יום־כפור.

דער טאָג איז געווען אַן אומגעווײנטלאַך הייסער. אָפּשטיין אין שול אַ גאַנצן טאָג, וואו דער טשאַד פון די פיל וועקסענע ליכט האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם געדיכטן שטויב פון די צעריבענע היי, איז כמעט געווען אומדערטרעגלאַך און געמאַכט דעם תענית פאַר זייער אַ שווערן. דער טאַטע, וועלכער האָט געפאַסט די גאַנ־צע „צען טעג", און איז געווען אויסגעדאַרט און אויס־געקוואַרט נאָך פאַר יום כפור, האָט זיך ניט געקאָנט איצטער האַלטן אויף די פיס און קוים נאָר האָט ער זיך אָפּגעפאַסט, איז ער אַרײַנגעפאַלן אין בעט. די מאַמע— אַן אויסגעמוטשעטע פון אייביקער האָרעוואַניע האָט קוים כח געהאַט נעמען עפּעס אין מויל און אויך אַרײַנגעוואָרפן זיך אין בעט.

די איבעריקע הויז־געזינד האָבן געפונען אַ גוטע געלעגנהייט נאָך אַמאָל גוט זיך אויסשלאָפן און האָבן זיך באַנוצט מיט דעם. איך מיט מײַן עלטערער שוועסטער, שרה, באַ וועמען, ווי זי האָט געזאָגט, האָבן זיך שוין די אויגן געקלעפּט, האָבן באַשלאָסן פונדעסטוועגן דורכגיין זיך נאָכ'ן עסן.

אין דרויסן איז געווען שיין, ליכטיק און קלאָר.

די קאַלטע בלייכע לבנה האָט אין איר :אַנצער פולקייט געשײַנט און האָט מיט אירע שטראַלן, ווי מיט פענזילס אָפּגעווייסט און אָפּגע־בלייכט די פנים'ער, וואָס זײַנען אַזוי אויך בלייך געווען פון תענית.

אַ קילער נאַכט־ווינטל האָט זיך אַרײַנגע'גנב'עט אין די אַרבל, אונטער'ן קאָלנער און האָט ליבלאַך געגלעט און אָפּגעפרישט.

אויף דער נשמה — אַן אָפּגערייניקטע פון אַלע עבירות, איז גע־

וואָרן גרינג; אויפ׳ן הארצן איז געוואָרן גוט, גאָר אַ דערקוויקעניש!

ווי אַן אויסגעהיילטער נאָך אַ קרענק, האָב איך איצטער דער־פילט אַ צופלוס פון פרישע כחות, וועלכע האָבן געשטאַרקט און גע־קרעפטיקט מיך.

מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אויף אונדזער הויפּט שפּאַציר־גאַס — אויפ׳ן שאָסיי.

גאַנצע כאַפּטעס מיידלאַך, ווייבלאַך מיט קינדער אויף די הענט און לעבן פאַרמוך; כאַליאַסטרעס בחורים, יונגע לייט און, וואו ניט וואו, אַ יונגע פּאָר פּאָלק, קעסט־קינדער, וועלכע האָבן זיך אַרויסגע־גנב׳עט פון שטוב, האָבן אַרומגעשפּאַצירט און געכאַפּט פרישע לופט.

בחורים האָבן גערעדט לעבעדיק, מיידלאַך האָבן געלאַכט אויפ׳ן קול און אויפ׳ן גאַס איז געווען גאַנץ פריילאַך.

אין אונדזער שטאָט האָט יעדער געקאָנט אַלעמען, און מיין שוועסטער האָט מיר אַלע ווײַלע אָנגעוויזן — ווער איז דער, און ווער — יענער, און האָט דערציילט פון אַלע פּאַסירונגען, וואָס עס האָט מיט איטלאַכן געטראָפן.

אָבער אָט זיינען פאַרביי אונדז דורכגעגאַנגען צוויי גאַנץ שיינע מיידלאַך. און בעת איך האָב אומגעדרייט דעם קאָפּ אַהינטן, נאָך אַמאָל אַ קוק טאָן אויף זיי, האָט איינע פון זיי געטאָן די זעלביקע זאַך און געקוקט אויף מיר. איך האָב זיך אַביסל פאַרשעמט.

איך האָב נאָך קיין צייט ניט געהאַט איינגאַנצן קומען צו זיך, ערשט די מיידלאַך האָבן זיך אומגעקערט, אונדז אָנגעיאָגט און די עלטערע האָט זיך גלייך געווענדט צו מיין שוועסטער, זאָגנדיק: „איר זייט, דאַכט זיך, קאָפּל אייזיק טעמע׳ס טאָכטער? איך בין בראָכקע שמעון קאַהאַנאָוויטשעס. איך וויל זיך מיט אייך באַקענען. אָט דאָס איז מיין חבר׳טע...“ און קוקט דערוויל מיר גלייך אין די אויגן אַריין.

מיין שוועסטער האָט קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט, האָט זיך אַ קער געטאָן צו מיין זייט און האָט געזאָגט: „דאָס איז מיין ברודער“.

די כוואַטסקע מיידל האָט מיר אויסגעשטרעקט איר ווייסע פּוכקע הענטל, און האָט באַמערקט צו מיין שוועסטער: „„איר וועט דאָך ניט

זיין אַזוי שלעכט און וועט אים ניט פאַר׳מסור׳ן אין דער היים״. און אַ קער טוענדיק זיך צו מיר, האָט זי צוגעלייגט: „האָט ניט קיין מורא, מען וועט אייך ניט אויפעסן!״

איר האַנט האָב איך גענומען, אָבער אין האַרצן האָט מיר אַזוי געליאַקעט, און דער קאָפּ האָט אַזוי געשווינדלט, אַז איך האָב געמיינט, איך חלש אויפ׳ן אָרט... זי האָט מיר די האַנט אַ פּעסטן דריק געטאָן, אָבער באַלד אָפּגעלאָזן, ווי דאָס וואָלט געווען עפּעס אַ שמאַטקע — ניט געפעלן געוואָרן איר אַפּנים, מיין ניט קאָנען געבן אַ מיידל די האַנט.

איך האָב זיך געפילט ווי אַ צוגעקוועטשטער, האָב אָבער פאַר־ביסן די ליפּן און געשוויגן.

זי האָט גערעדט מיט מיין שוועסטער פון דעם שווערן תענית, וועגן דער שיינער נאַכט, האָט דערציילט, ווי זי איז אַ גאַנצן טאָג געלעגן אין זייער געבויטער סוכה, אין וועלכער די פליגלען זיינען שוין געווען אָפן און האָט געלייענט, געדרעמלט און געבאַלעוועט זיך, אָבער זי איז געווען זייער דאָרשטיק — אַ צו־וואָרימער טאָג פאַר יום־כפור! זי איז געווען זייער גוט אויפגעלייגט, און מיך, דאַכט זיך, האָט זי מער ניט באַמערקט אפילו.

זי איז געווען אַ מיידל פון אַ יאָר ניינצן. די האָר פאַרקאַמט אויף הינטן, וואָס עס האָט געמאַכט איר שטערן העכער אויסגעוועלבט, און אַ שווערער לאַנגער צאָפּ איז איר געהאַנגען, מיט וועלכן זי האָט זיך געשפּילט. אַ חנ׳עוודיק גריבעלע איז געווען באַ איר אויף איין באַק. אירע ברעמען זיינען געלעגן אין איין שוואַרצער שורה איבער פינקלדיקע אויגן, וועלכע האָבן עדות געזאָגט, אַז זי איז אַ לעבעדיקע מיידל. זי האָט לאַנג און גיך גערעדט מיט מיין שוועסטער, אָבער פלוצלינג האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו מיין זייט און געפרעגט: „פאַר־וואָס דערציילט איר עפּעס ניט? וואָס זייט איר אַזאַ שעמעוודיקער? איר קאָנט ניט ריידן, וואָס?״

מיך האָט עס שטאַרק פאַרדראָסן, אָבער איך האָב זיך איינגע־האַלטן און האָב כלומר׳שט גלייכגילטיק, ווי צו זיך אַליין געזאָגט:

— שווייגן איז אָפּטמאָל אַ סך שווערער איידערריידן, וואָס עס איז גאָר קיין קונץ ניט.

איך האָב געמיינט, אַז מיט אַזאַ ענטפער האָב איך זי אינגאַנצן דערשלאָגן און האָב כאַ זיך אין האַרצן שוין טריאומפירט, אָבער עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. די חברה'טע האָט מיט איר קוק אַריינגע־דרונגען מיר גלייך אין די אויגן און האָט קאַלטבלוטיק און לאַנגזאַם אַרויסגעזייט צווישן די ציינער — „איר מיינט דאָך דאָס ניט מיך, וואָס?" און האָט אויסגעשאָסן מיט אַ הילכיקן געלעכטער.

— אויב איר פילט, אַז ניט אייך האָט מען דאָס געמיינט, טאָ פאַרוואָס זשע האָט איר זיך אָפּגערופן?

אַ ווײַלע האָט זי געשוויגן, אַזוי ווי זי וואָלט עפּעס געטראַכט, דערנאָך האָט זי געזאָגט אַ סך ווייכער שוין:

— הערט, פאַרוואָס געפעלט אייך גראַד קריגן זיך מיט מיר, קאָנט איר ניט לעבן בשלום מיט אַ מיידל?

— איך האָב געמיינט, אַז אייך געפעלט בעסער קריגן זיך, האָב איך אייך צוליב געטאָן.

— הייסט דאָס, אַז איר וואָלט וועלן מיר געפעלן ווערן, האַ?

— ס'קאָן זיין, אַז יאָ, אָבער וועלן, אָדער ניט וועלן יענעם געפעלן צו ווערן, דאַרף מען דאָך אים פריער קענען און מיר קענען זיך דאָך גאָרניט.

— טאָ, אדרבא, לאָמיר זיך באַקענען און דערקענען איינער דעם אַנדערן.

— פון מיין זייט איז קיין שטערונג ניטאָ — האָב איך געענטפערט.

איר חבר'טע און מיין שוועסטער האָבן דערווייַלע געשמועסט וועגן אַ סך קלייניקייטן, וואָס עס האָט, ווי עפּ ווייזט אויס, זיי באַלד דערעסן, און זיי האָבן ביידע געקלאָגט זיך, דאָס זיי זיינען מיד און עס איז צייט צו גיין אַהיים. מיר האָבן באַגלייט די חבר'טע אַהיים און אומגעקערט זיך דערנאָך צו אונדזער הויז. מיין שוועסטער האָט זיך אַנטשולדיקט דערמיט, וואָס זי דאַרף מאָרגן זייער פרי אויפשטיין און אָפּזאָגנדיק די אַנגענומענע פּאָר פראַזן, — אַז עס האָט זי זייער

געפּרייט צו באַקענען זיך, און אַז זי בעט זי זייער אַריינצוקומען, איז זי אַריין אין שטוב.

מיר זיינען געבליבן זיצן בײַ אונדז איפּ׳ן גאַניק.

איך האָב געפּילט אינגאַנצן ווי אַ פּאַרלאָרענער. דעם ערשטן מאָל זיצן באַנאַכט אַליין מיט אַ מיידל, האָט מיך זייער געשראָקן. אָבער, צו דער זעלבער צייט געצויגן ווי אַ מאַגנעט און האָט אויפגעהויבן אַ ים פון געפילן, וועלכע האָבן מיך געשטויסן און געוואָרפן אַהין און אַהער.

די קלוגע בראָכקע האָט, ווי עס ווייזט אויס, עפּעס באַמערקט אויף מיר, און האָט זיך איבערגעזעצט אויף דער אַנדער זייט פון גאַניק, אַנטקעגן מיר. זי האָט מיך געבעטן, איך זאָל איר דערציילן, וואָס איז דאָס אַ ישיבה. זי ווייס, אַז איך בין ערשט געקומען פון דאָרטן. ווי לעבט מען דאָרטן, האָט זי געוואָלט וויסן, און וואָס ווערט מען, אַז מען לערנט שוין אויס אַלע גמרא׳ס?

— מיין טאַטע זאָגט, אַז איר זייט אַ גרויסער למדן, גאָר אַ גאון. ווילט איר ווערן אַ רב, וואָס? און פאַרנאַנדערלאַכנדיק זיך זייער, האָט זי צוגעגעבן: „פע, עס מוז זיין זייער קאָמיש צו זיין אַ רביצין... פאַרוואָס זאָלט איר ניט ווערן בעסער אַ דאָקטאָר, הא?”

איך האָב איר דערציילט פון מיין לעבן אין דער ישיבה, און אויך, ווי איך האָב פאַרבראַכט דאָרטן די צייט. איך האָב איר דערקלערט (געמיינט האָב איך צו זיין אַן עניו, אָבער דאָס איז געווען דער ריינער אמת), אַז לערנען קאָן איך אַביסל, אָבער פון צו זיין אַ גאון, בין איך גאַנץ ווייט, און איך האָב גאָר ניט בדעה צו ווערן אַ רב. ניט אַזוי ווייל איך וויל ניט, נאָר עס איז גאָרנישט אַזאַ גרינגע זאַך, ווי זי מיינט, און אַז קיין דאָקטאָר זיין וויל איך אויך ניט. איך וואָלט וועלן זיין אַ געלערנטער אָדער עפּעס אַ סוחר, און קאָנען זיצן און לייענען ביכער.

איך האָב איר אויך דערציילט, אַז איך האָב זיך באַקאַנט אין שקלאָוו מיט אַ יונגן מאַן פון מאָסקווע, וועלכער האָט מיר געגעבן אַפּיקורסישע ביכלאַך צו לייענען.

מיט מיינע לעצטע ווערטער האָט זי זיך זייער געפרייט, און האָט

געפרעגט, אויב איך וואָלט אַ בעלן געווען לייענען רוסישע ביכלאַך?

— איר קאָנט לייענען רוסיש?

איך האָב איר געענטפערט, אַז איך האָב ג ע ל ע ר נ ט דעם ערשטן לייען־ביכל און ווייס אַ היפּשע ביסל ווערטער. האָט זי געזאָגט, אַז זי האָט אַ פּאָר זייער וואוילע ביכלאַך, וועלכע אַ שוועסטער־קינד אירע, וואָס שטודירט אין אויסלאַנד, האָט איר פון דאָרטן צוגעשיקט. זי האָט גערעדט מיט גרויס באַגייסטערונג וועגן יענע ביכלאַך, אָבער עס טוט איר זייער לייד, וואָס דערווייל קאָן זי מיר זיי נאָך ניט געבן.

— איר וועט אין זיי גאָרנישט פאַרשטיין, שפּעטער אפשר, מעגלאַך.

מיר האָבן נאָך גערעדט וועגן פאַרשידענע זאַכן. זי האָט גערעדט זייער פריינטלאַך, כמעט אינטים, און מיר איז געווען זייער אַנגענעם איר קול, איר רעדן, אפילו איר כאָרכלען דעם „ר" האָט בּאַ מיר געהאַט אַ באַזונדער חן.

גאָר באַזונדער איז זי מיר געפעלן געווען, ווען זי האָט מיט האַסט און מיט צאָרן גערעדט וועגן דעם, וואָס בּאַ אונדז אידן האָבן די קינדער גאָר קיין ווערט ניט, — מען רעכנט זיך גאָר ניט מיט זייערע מיינונגען אָדער פאַרלאַנגען. די טאַטעס און מאַמעס באַלעבאַטעווען איבער די גרויסע דערוואַקסענע קינדער, אַקוראַט ווי זיי וואָלטן נאָך געווען קליינע קינדער.

— פאַרוואָס איז בּאַ די גוים ניט אַזוי?

אירע בעקלאַך האָבן געפלאַמט, אירע אויגן האָבן געבלישטשעט און זי איז אינגאַנצן געווען אויפגערעגט.

איך, וועלכער האָט קיין אַנדערע גוים ניט געקאָנט, אַ חוץ די מוזשיקעס, האָב זיך געשפּאַרט מיט איר און געזאָגט, אַז זי האָט אַ טעות, ווארים איך האָב אליין מיט מיינע אויגן געזען אין דאָרף, ווי די גויים שמייסן מיט בייטשן זייערע קינדער און מיט שטריק — זייערע ווייבער. זי האָט זיך שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט, אַזש אויפגעשפּרונגען פון אָרט אַ טאַנץ טוענדיק און האָט געזאָגט: „וואָס פאַר אַ וואוילער און נאַאיווער בחור איר זייט! אַ חוץ די דאָרף גויים זיינען דאָך נאָך

פֿאַראַן אויך אַנדערע גויים, וועגן וועלכע די גרעסטע רוסישע שרייבער ריידן אין די ביכער. און סיידן באַ אַן אַלטן נאַר — אַן אַריסטאָקראַט, אָדער אַ שיכור ליידן די דערוואַקסענע קינדער אַזוי ווי באַ אונדז.״

דעם ריכטיקן טייטש פֿון וואָרט „נאַאיוו״ האָב איך ניט געוואוסט, און בין דעריבער איבגאַנצן צעגאַנגען געוואָרן פֿון גליק, וואָס בראָכקע זאָגט, אַז איך בין אַ וואוילער בחור. איך בין אין יענער מינוט געווען גרייט צו פֿאַלן פֿאַר איר אויף די קני, און אויסגיסן פֿאַר איר מיין האַרץ און אַלע מיינע געפֿילן.

איך האָב דאָס אָבער ניט געטאָן און האָב נאָר געזאָגט: „איר ווייסט, בראָכקע, אַז אייער איין וואָרט פֿון לויב איז באַ מיר אַ סך חשוב׳ער און פֿיל מער אָנגעלייגט איידער אַלע שבחים פֿון אייער טאַטן.״

זי האָט אַ זייער צופֿרידענע געזאָגט: „אויב איר מיינט, וואָס איר זאָגט, פֿריי איך זיך זייער.״

זי איז אויפֿגעשטאַנען פֿון אָרט און האָט געזאָגט: „עס קאָן שוין זיין זייער שפּעט. נאָך גוט, וואָס עס איז היינט מוצאי יום־כפּור און אונדזערע היימישע שלאָפֿן גאַנץ געשמאַק נאָכ׳ן תענית, איר וועט דאָך מסתמא ניט אָפּזאָגן זיך פֿון צו באַגלייטן מיך אַהיים, קומט!״ און האָט מיך אַ צי געטאָן פֿאַר׳ן אַרבל.

אין די גאַסן איז געווען שטיל און רואיק. קיין מענטש האָט מען אין ערגעץ ניט געזען, און אונדז האָט זיך געדאַכט, אַז מיר, זאַלבענאַנד, זיינען די איינציקע, וועלכע זיינען וואָך אויף גאָט׳ס וועלט.

איך האָב זי באַגלייט אַהיים און מיר זיינען לאַנג, לאַנג געזעסן באַ זיי אויפ׳ן גאַניק. מיר האָבן האַרציק געלאַכט, פֿאַרבראַכט, געשמועסט און געפּלאַנעוועט אַלערליי פּלענער.

עס איז געוואָרן גאַנץ שפּעט און עס איז געוואָרן צייט סיי פֿאַר בראָכקען, סיי פֿאַר מיר אַריינצוגיין אין שטוב. זי האָט פֿאַר אונדזער צעשיידן זיך צוגעזאָגט, אַז זי וועט יום־טוב, אָדער שפּעטסטנס, חול־המועד סוכות זיין באַ אונדז אין הויז — נישקשה, זי וועט שוין געפֿינען אַן אויסרייד.

צוריק אהיים בין איך ניט געגאנגען, נאר געשוועבט אין דער לופטן. א נייע נשמה איז אין מיר אריין, און א נייע הויט האט זיך אויף מיר אנגעטאן.

די גאנצע וועלט איז מיר געווארן ליב און טייער. א מאדנע גוטסקייט האט זיך צעגאסן אין אלע מיינע גלידער, כאטש נעם ארום דעם טעלעגראף סלופ, און האלדז און קוש אים. די שטיינדלאך פון דעם שאסיי, איבער וועלכן איך בין נאר־וואס געגאנגען מיט בראכקען האבן געקוקט ליבלאך און געשמייכלט צו מיר. די ערד האט אנטקעגן מיר געטאנצט, און די לבנה, וואס האט געהאלטן באם פארגיין, און איז איבעריק געווארן דורך דעם אנברעכן פון טאג, האט מיר געשיקט א ברכה און אייביקן גליק.

איך האב געוואוסט, אז איך וועל שוין ניט קאנען שלאפן. אבער אזוי ווי דער טאטע האט געקאנט שוין יעדע מינוט איצטער אויפשטיין, און ניט וועלנדיק זיך אריינלאזן מיט אים אין איבעררייד׳עניש, בין איך אריין אין שטוב — אויף מיין געלעגער.

בראכקע האט געהאלטן ווארט. חול־המועד סוכות איז זי גע־קומען — כלומר׳שט באזוכן מיין שוועסטער — זי האט געבראכט צוויי רוסישע ביכער: „מיכאילאוו׳ס „אז מען האקט האלץ, פאלן שפענער” און טשערנישעווסקי׳ס „וואס טאן?” וועלכע זיינען בא מיר געווארן א הייליקטום. מיי צוליב זייער אינהאלט און נאכמער צוליב דעם, וואס בראכקע האט זיי געבראכט. איך האב זיי באהאלטן און געמאטערט זיך איבער זיי גאנצע נעכט. אבער, ווי מיר דאכט, האב איך ווייניק וואס פארשטאנען אין זיי.

בראכקע האט ניט געקאנט לאנג פארבלייבן בא אונדז, און איר גאנצער זיצן בא אונדז האט קיין טעם ניט געהאט. מיר האבן ניט געקאנט א ווארט אויסריידן. זי האט קוים באוויזן אריינצושושקען מיר אין אויער, אז איך זאל שבת באנאכט באגעגענען זי לעבן „קאני פאטשט”.

מיין שוועסטער, שרה, איז געווען זייער א קלוגע און זי האט זיך

אַנגעשטויסן, אַז עפּעס קומט דאָ פאָר צווישן מיר און דער שיינער רייכער בראָכקע.

אַז בראָכקע איז אַוועקגעגאַנגען, האָט זי, שרה, אַנגעהויבן אויס־פרעגן מיך: וואָס טוט דאָ בראָכקע, און ווי קום איך צו איר? „גאַרעלע איינער, אַזאַ כלה ווי זי, איז ניט פאַר דיר!" — האָט זי געזאָגט.

— און ווי איז דער דין, אַז זי איז יאָ פאַר מיר? — האָב איך געפרעגט — וואָלסטו געלאָזן מיך חתונה האָבן אפריער פאַר דיר?

— זעסטו, אויב דו קאָנסט קריגן בראָכקען פאַר אַ כלה, וועל איך דיר ניט שטיין אין וועג. פון מיינעטוועגן כאָטש מאָרגן מעגסטו מיט איר חתונה האָבן, אָבער וואָס דרייסטו זיך אַ קאָפּ, דו? המ... דו פליסט צו הויך! דערצו פאַרגעס זיך ניט, אַז דו ביסט נאָך גאָר אַ יונגער אינגל. אַ סך גלייכער און געזינטער וואָלט געווען פאַר דיר ארויס־שלאָגן זיך דאָס פון קאָפּ. דו וועסט דאָך נאָך דאַרפן אויך צו אַ „פּריזיוו" שטיין. ד אָ ס האָסטו גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, הא?

— מילא, דאָס איז אַ באַזונדער זאַך. וואָס איך וויל אָבער וויסן איז, אויב דו ביסט גרייט צו האַלטן וואָרט און ניט שטיין מיר אין וועג, אויב בראָכקע וועט וועלן ווערן מיין כלה?

געוויס ניט! פון מיינעטוועגן כאָטש מאָרגן.

כ'האָב געמיינט, אַז פועל'נדיק בא שרה'ן וועט מיר שוין לייכט אָנקומען צו פּויל'ן אויך בא יענטע'ן, און אַז איך דערנענטער זיך שוין צו מיין גרויסן גליק. אָבער, „אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט". — אַז יענטע האָט זיך דערוואוסט פון שרה'ן פון אונדזער גאַנצן געשפּרעך, האָט זי אָנגעהויבן שרייען און שילטן מיט טויטע ביטערע קללות, און האָט געשוואָרן, אַז זי וועט קיינמאָל ניט דערלאָזן. זי וועט מיט הייסע וואַסער אָפּגיסן די „פּאַסקודאַ", אויב זי וועט וואַגן צו קומען נאָך אַמאָל אין שטוב.

עס איז געווען הושענה־רבה בא וואָרמעס. די צייט, ווען דער טאַטע האָט געדאַרפט געבן שעפּסלען זיין ענטפער האָט זיך דער־נענטערט, און זיצנדיק מיט מיר אין סוכה, וואו קיינער פון די ווייבער איז ניט געווען, האָט ער מיר געזאָגט:

— ווי עס ווייזט אויס, וועט פון דעם גאָרנישט ניט ווערן. יענטע האָט פאַר מיר געוויינט מיט ביטערע טרערן און האָט געזאָגט, אַז אפילו ווען מען וועט איר לייגן שערבלאַך אויף די אויגן, וועט זי אַזא זאַך קיינמאָל ניט מוחל זיין. זי וועט רופן צום רב און דיך וועט זי פאַרשילטן, חלילה, אַז דו זאָלסט קיין תקומה ניט האָבן. ס'איז אַ ביטערע מעשה, ער, דער טאַטע, קאָן אויף זיך אַזא חטא ניט נעמען, און אויך מיר וואָלט ער בעסער גע'עצה'ט, אַז איך זאָל דעם גאַנצן ענין אַרויסשלאָגן זיך פון קאָפּ.

מיט דער גרעסטער אומגעדולד האָט איך געוואַרט אויף שבת נאָכט — זען זיך מיט בראָכקען. יעדע מינוט און רגע האָט זיך אויסגעצויגן לאַנג ווי אַ יאָר. יעדער טאָג איז געווען אַן אייביקייט און קאַם-קאַם דערלעבט די גליקלאַכע מינוט.

באַלד נאָך דער שבת'דיקער וועטשערע בין איך אַוועקגעלאָפן צו דעם אָפּגערעדטן אָרט. איך האָב געוואָלט קומען אַהין דער ערשטער און ליבערשט וואַרטן אויף מיין טייערער בראָכקען, אָבער איידער איך בין נאָך צוגעקומען נאָענט אַהין, איז זי מיר געלאָפן אנטקעגן און האָט אויסגעשריען: „אוי, ווי שווער עס איז געווען צו וואַרטן, און ווי לאַנגזאַם די פאַרשאָלטענע צייט האָט זיך גערירט". זי האָט אָפּגעזיפצט, ווי איר וואָלט אַ שווערע משא אַראָפּגעפאַלן פון אירע פּלייצעס.

זי האָט מיט אַ שטראַלנדיקן פּנים מיר איבערגעגעבן, אַז אין גיכן וועלן מיר זיך זען יעדן טאָג. זי האָט גע'פועל'ט בא איר טאַטן, אַז בעת זי נעמט די רוסישע און דייטשע לעקציעס, זאָל איך אויך קאָנען זיצען דערביי. און אויף אַזא אופן וועלן מיר ניט נאָר ביידע צוזאַמען זיין אַלע טאָג, נאָר, אַז איך וועל זיך מסתמא גיך אויסלערנען אי רוסיש, אי דייטש, וואָס זי וואָלט דאָס אַזוי גערן וועלן.

— ווער ווייס, — האָט זי צוגעגעבן, — אפשר וועלן מיר נאָך ביידע אינאיינעם לייענען אַ ביכל; איי, וועט דאָס זיין גוט!

— הלואי, בראָכקעלע, — האָב איך געזאָגט מיט אַן אומעטיקער,

כמעט געבראָכענער שטים. — אוודאי וואָלט איך דאָס זייער וועלן. אָבער איך האָב מורא, אַז איך וועל זיך מוזן דערפון אָפּזאָגן.

זי האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט אַ שאַרפן בליק, וואָס האָט מיך דורכגעדרונגען. אַ בליק פון פאַרוואונדערונג און פאַרצווייפלונג. זי האָט מיך אָפּגעשאָטן מיט פראַגעס: סטייטש, פאַרוואָס, פאַרוועןן, שעם איך זיך קומען צו זיי אין שטוב? וועט מיר מיין טאַטע פאַר־ווערן? הם, אבי זי האָט געמיינט, אַז איך וועל זיך אַזוי דערפרייען מיט דער בשורה. מיט אַמאָל נאַדיר! האָט גאָר אַראָפּגעלאָזן דעם קאָפּ! „וואָס איז געשען, אפשר האָסטו הרטה אינגאַנצן, וואָס דו האָסט זיך באַקאַנט מיט מיר?"... — האָט זי שטיל, כמעט שעפּטשענ־דיק, געפרעגט.

אירע לעצטע ווערטער זיינען געווען פול מיט יאוש און פאַר־וואורף. מיר האָט אַזוי פאַרקלעמט דאָס האַרץ, אַז איך האָב אַ וואָרט ניט געקאָנט אויסרעדן. טיף־טיף, ערגעץ אין האַרצן האָט מיר הנאה געטאָן, וואָס די ליבע בראַכקע האָט מיך אַזוי ליב, האָב אָבער זייער מורא געהאַט און געשראָקן זיך פאַר דעם שלעכטן סוף און האָב קיין האַרץ ניט געהאַט צו דערציילן איר די ביטערע נייס, וועלכע האָבן אָנגעמאַכט אַזאַ חורבן אין מיינע טייערע און ליבע האָפנונגען.

איך האָב געפּרובירט אויסדרייען זיך, געזאָגט: „ווער ווייס, וואָס עס שטייט אונדז נאָך פאַר". זי איז אָבער צו מיר שטאַרק צו־געשטאַנען — איך מוז איר זאָגן דעם אמת. עפּעס איז דאָך דאָ ניט גלאַט! זי באַשטייט דערויף, אַז צווישן אונדז טאָרן קיין סודות ניט זיין. איך האָב איר איבערגעגעבן מיין שמועס מיט שרה'ן און אויך די רייד פון מיין טאַטן, און אויסגעלאָזן מיט אַ טראַגישער, ציטער־דיקער שטים:

— אָט זעסטו שוין, וואו מיר האַלטן אין דער וועלט. איך ציטער פאַר דער שוואַרצער כמאַרע, וואָס קלייבט זיך אויף אונדזער ריינעם הימל. איך האָב מורא, אַז מיר וועלן קיינמאָל ניט ווערן חתן־כלה.

זי האָט מיך אויסגעהערט מיט גרויס ערנסט, אָבער קעגן מיינע דערוואַרטונגען, האָט עס אויף איר קיין איינדרוק ניט געמאַכט.

— נו, און וואָס האָסטו געמיינט, אַז אַ ראָמאַן פירן קומט אָן אַזוי גרינג? דו האָסט געדאַרפט לייענען ביכער, וואָלסטו געזען, וועלכע צרות די פאַרליבטע שטייען אויס! עס איז גאָרניט אַזוי שרעקלאַך, און איך זאָג דיר, אַז אויב דו האָסט מיך באמת ליב, אַזוי הייס און שטאַרק, ווי איך האָב דיך ליב, און אויב דו האָסט אַ פעסטן כאַראַקטער, אַזאַ, ווי מיר דאַכט זיך, וועט ניט דיין טאַטע און ניט מיין טאַטע און קיינער אין דער וועלט ניט קאָנען אונדז שטערן. אפילו אַז איך זאָל דאַרפן וואַרטן נאָך צען יאָר, אפילו אַז מיר זאָלן דאַרפן אַנטלויפן פון דאַנען, אָבער צעשיידן וועלן מיר זיך ניט! נאָר ניט געזאָרגט, זיי ניט אומעטיק, נאָר בראַוו, זיי ווי אַלע העלדן אין די ראָ-מאַנען, און אַלץ וועט גוט זיין!...

לאַנג פאַרברענגען האָבן מיר דעמאָלט ניט געקאָנט. זי האָט אין דער היים געזאָגט, אַז זי וועט נאָר אַ ווײַלע דורכגיין זיך און באַלד צוריקקומען. מיר האָבן באַשלאָסן, אַז ביז וואָס, ווער, ווען, זאָל איך יאָ נעמען די לעקציעס.

עס איז געווען אַ דינסטיק נאָכמיטיק. אין דרויסן איז געגאַנ-גען איינער פון אונדזערע האַרבסטיקע רעגנדלאַך, וועלכע ציען אַרויס דעם זאַפט פון די ביינער און וואַרפן אָן אַ ביטערן אומעט. איך האָב אויפגעשטעלט מיין קאָלנער און מיט מיינע שטיוול אָן קאַלאָשן בין איך געלאָפן דורך די שמוציקע עטלאַכע קוואַרטאַלן צו בראָכקען אַהיים. די דינסט האָט זיך אַ קרים געטאָן און אַ בורטשע געטאָן, איך זאָל אָפּווישן די קויט פון די פיס. איך בין רויט געוואָרן איבער די אויערן. אָן עלטערע פליישיקע אידענע, מיט זייער אַ גוטן, אָבער נאַרישן פנים, אויפ'ן האַלדז אַ סך שניר מיט פערל, האָט שמייכלענדיק געקוקט אויף מיר און געפרעגט, ווען ווייל איך זען. אָבער איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט עפענען מיין מויל, האָט זיך אין טיר באַוויזן בראָכקע.

— נישקשה, נישקשה, — האָט זי געזאָגט, קומט אַריין! (ווען פרעמדע זיינען געווען דערביי, האָבן מיר זיך גע'איר'צט). דער לערער איז שוין דאָ, מיר וואַרטן אויף אייך.

אַ סטודענט, וועלכער האָט געענדיקט די סלוצקער גימנאַזיע און האָט געגעבן לעקציעס פאַר פינף רובל אַ חודש, צו דריי מאָל אַ וואָך, צו שעה, איז געווען דער לערער. ער האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט זיין בליק פון קאָפּ ביז די פיס, אַ קוק געטאָן אויף בראָכקען און האָט געשמייכלט. מיר איז פינצטער געווען אין די אויגן פאַר שאַנד. איך האָב גאָרניט געוואוסט וואו אַהינצוטאָן זיך. בראָכקע איז אויך געווען אין אַ פאַרלעגנהייט, אָבער זי האָט מיך דערמוטיקט, דער־לאַנגט אַ שטול, געמאַכט אַן אָרט פאַר מיר באַם טיש, און מיר האָבן זיך געזעצט צו דער ערשטער לעקציע.

מיין רוסישע אויסשפּראַך, ווי אויך מיין האַנטשריפט, האָט פאַר־שאַפט מיין לערער זייער פיל שפּאַס, און בראָכקען — עגמת נפש. אָבער אַז דער לערער האָט אָפּגעלייענט כמעט אַ גאַנץ זייטל און האָט מיך געהייסן דערקלערן אים דעם אינהאַלט, האָב איך, אפנים, זייער גוט גע'דרשנ'ט. דער לערער האָט אויפגעהערט צו שמייכלען און האָט געזאָגט: „גאַנץ גוט!“ ער האָט גענומען אַ שווערערע שטיקל און אויך דאָס האָב איך געזאָגט. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף בראָכקען מיט אַ פיל באַדייטנדן בליק און האָט געזאָגט אויף רוסיש: ער האָפט, אַז איך וועל זיין אַ גוטער שילער!“ און בראָכקעס פּנים האָט זיך אינגאַנצן אויסגעלייטערט. ער האָט דערנאָך גענומען אַ דייטשישן ביכל, לערנען מיך דעם אַ. בע, צע וואָס, פאַרשטייט זיך, איך האָב זייער שנעל איבערגענומען.

איך האָב אים געפרעגט, אויב עס איז פאַראַן אַ ביכל פון דייטש מיט לשון־קודש? און לאַכנדיק האָט ער געזאָגט, אַז ער קאָן מיר געבן די ביבל. „אַ וואוילער איינפאַל, כלעבן, — האָט ער געזאָגט. — דאָרטן האָט איר יעדן לשון־קודש'דיקן וואָרט איבערזעצט אויף דייטש“. איך האָב זיך דערמיט דערפרייט און געבעטן, ער זאָל דאָס מיר לייען.

מיט אַ פּאָר רוסישע ביכלאַך, אין וועלכע דער לערער האָט אָנ־געצייכנט אַ לעקציע פאַר מיר אויף אויסצולערנען, און מיט'ן תנ"ך איבערזעצט אויף דייטש, און מיט אַ פּאָר העפטן צום שרייבן, און אַן אָנזאָג, אַז איך זאָל אַכטונג געבן און נאָכמאַכן אַקוראַט די געשרי־

בענע אותיות, האט זיך אונדזער ערשטע לעקציע פארענדיקט. וועלכע איז מיר אנגעקומען שווערער ווי א בלאט גמרא.

איך בין ארויס פון שטוב מיט א שווער הארץ. איך האב ניט באוויזן אפילו אייןווארט אויסצורייידן מיט בראכקען.

איך האב זיך גענומען צו די ביכער מיט גרויס חשק. גאנצע נעכט בין איך געזעסן איבער זיי. גרויס הנאה האב איך געהאט פון דעם תנ״ך. די דייטשישע שפראך האט זיך מיר געלאזט גרינג לערנען. די רוסישע לעקציע האב איך אויך ניט שלעכט געמאכט, אבער דאס שרייבן איז געווען פאר מיר ערגער ווי האלץ האקן. איך האב בשום אופן ניט געקאנט ארויסברענגען אן אות ריכטיק. עס איז געווען קאטשערעס מיט לאפעטעס און איך האב אליין ניט געקאנט איבער-לייענען וואס איך האב אנגעשריבן.

אז איך בין געקומען פרייטיק אין דער פרי צו דער צווייטער לעק-ציע איז דער לערער נאך ניט געווען. אין הויז האט מען מיך אויפ-גענומען פיל פריינטלאכער. בראכקע האט געזאגט, אז היינט נאך וועטשערע זאל איך זי באגעגענען אויף דעם זעלבן ארט וואו לעצטן מאל.

בא אונדזערע באגעגענישן, איז בראכקע דורכאויס באַ-שטאנען, אז איך זאל זיך נעמען עפעס שטודירן. קיין גענויע פלענער האט זי ניט געהאט, און האט אויך ניט געקאנט האבן, ווארים אוועקגיין שטודירן אין יענער צייט, איז פאר מיר געווען כמעט, ווי אומעגלאך. ניט מיינע יארן וואלטן מיר דערלויבט ארייַנצוקומען אין וועלכער ניט איז אינסטיטוציע, און איך האב אויך ניט געהאט קיין שום מאטעריעלע מיטלען. און דער עיקר, וואס וואלט מיין טאטע זאגן? בא אים וואלט עס דאך געווען אלץ איינס, ווי איך וואלט זיך אפגע׳שמד׳ט. בראכקעס פאטער וואלט אויך ניט געוואלט וויסן פון א בחור, וואס איז אוועק שטודירן. בראכקע האט דאס אלץ דווקא געוואוסט, אבער קענטיק, זי האט הנאה געהאט פון דעם רעדן אליין, פון דעם פאנטאזירן, אז איר חתן זאל זיין א געשטודירטער.

אַקוראַט ווי עס פּאַסט זיך פאַר די העלדן, וואָס זי האָט געלייענט אין די ראָמאַנען...

עטלאכע וואָכן נאָכאַנאַנד איז אַלץ געגאַנגען ווי צום בעסטן. דריי מאָל אַ וואָך האָב איך גענומען די לעקציעס בײַ בראָכקען אין שטוב, אַ פּאָר מאָל אַ וואָך פלעגן מיר זיך זען אין דרויסן הינטערן שטאָט און פלעגן נאָך איבערגעבן איינע די אַנדערע אָנגעגרייטע לאַנגע בריוו.

אָבער אָט האָט שעפּסל, דער שדכן, באַקומען די תשובה פון מיין טאַטן. דער טאַטע האָט מיט גרויס באַדויערן דערקלערט שעפּסלען, אַז סיידען ר׳ שמעון קאַהאַנאָוויטש שטימט איין צו וואַרטן ביז, מיט גאָט׳ס הילף, ער וועט אויסברענגען די מיידלאַך פריער, וועט ער דעמאָלט מסכים זיין צום שידוך.

ער האָט אויך שעפּסלען דערמאָנט, אַז אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועט אָנקומען דער פּריזיוו (מיליטער־דינסט), און כאָטש ער האָפט צו גאָט, אַז אַלץ וועט זיין כשורה, ווייל זיין ישראל׳קע האָט אַ „פּערוווע ליעגאָטע" (ערשטער גראַד מיליטער באַפרייאונג), פונדעסטוועגן, מאלע וואָס ווי אַ זאַך מאַכט זיך? צו וואָס פאַרבינדן אַ אידישע טאָכ־טער? ער רעכנט דערפאַר, אַז ס׳וואָלט זיין גלייכער צו לאָזן דאָס מיט דער נאַטור. און ווי גאָט וועט פירן, אַזוי וועט גוט זיין.

נאָך היפּשע עטלאכע מאָל איז שעפּסל געווען בײַם טאַטן. עס האָט געהאָלפן אפילו דערביי, אַז שעפּסל זאָל צוזאַמענברענגען דעם טאַטן מיט ר׳ שמעון קאַהאַנאָוויטש. מען האָט שוין אָפּגערעדט, וואו און אין וועלכער שול זיי זאָלן זיך טרעפן. אָבער איך געדענק שוין ניט, ווי אַזוי און וואָס עס האָט פּאַסירט, אָבער געטראָפן האָבן זיי זיך ניט.

ווי איך האָב אַרויסגעלייענט פון דעם טאַטנס אויגן און פון זיין גאַנצן באַנעמען זיך, בין איך געוואָרן איבערצייגט, אַז ער האָט זיך פון דעם שידוך מיאש געווען. און מיין קורס אין שטוב האָט גענומען פאַלן. דער טאַטע האָט באַמערקט, אַז איך לערן ווייניק, אַז איך בין ניט אַזוי פרום, ווי ער האָט געוואָלט; איך שלעפּ זיך אַרום גאָר

גאַנצע נעכט, און ער האָט אויסגעדריקט זיין אומצופרידנהייט אויף אַלע אופנים, ווי און ווען נאָר ער האָט געקאָנט.

די מאַמע איז אויך געוואָרן קעלטער צו מיר. די שוועסטער האָבן אַזוי ווי נקמה גענומען פון מיר, געגעבן מיר אַלע ווילע שטעכ־ווערטלאַך, געררייצט זיך מיט מיר און באַמיט זיך מיך וואָס קלענער צו מאַכן. מיר איז אין שטוב געוואָרן אַלץ ענגער און ענגער, און מיין איינציקע טרייסט, די האָפנונג, מיט וועלכער איך האָב געלעבט און געאָטעמט, איז געווען נאָר בראַכקע.

בראַכקע איז מיר געוואָרן אַלץ איבערגעגעבענער און איבערגע־געבענער. און איינמאָל, ווען מיר האָבן זיך געזען, האָט זי זיך זייער שטאַרק געבעטן באַ מיר, איך זאָל נעמען באַ איר צוואַנציק רובל, אירע אייגענע, צונויפגעקליבענע פון מתנות, און איך זאָל זיך מאַכן אַן אַנצוג. איך האָב זיך לחלוטין אָפּגעזאָגט, פון וואָס זי האָט זיך שטאַרק באַליידיקט.

אַז דער לערער האָט איבערגעקוקט מיינע געשריבענע העפטן, האָט ער זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און האָט זיך פאַנאַנדערגעלאַכט. בראַכקע האָט אויך גוטמוטיק געשמייכלט. באַם פאַרהערן מיך די רוסישע לעקציע, האָט ער געזאָגט: „אויסגעצייכנט". און אַז איך האָב גענומען לייענען דעם ערשטן קאַפּיטל אין דעם דייטשישן חומש האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט פאַרוואונדערונג. ער האָט זיינע אייגענע אויערן ניט געגלויבט. ער האָט געזאָגט בראַכקען, אַז ווי אים דאַכט זיך, וועל איך אין אַ פּאָר וואָכן שפּעטער קאָנען א י ר געבן לעקציעס אין דייטש.

צום סוף פון דער לעקציע, ווען דער לערער האָט זיך געהאַלטן באַם זעגענען זיך מיט אונדז, און איך האָב שוין אָנגעטאָן מיין מאַנטל, איז אַריינגעגאַנגען אין שטוב ר' שמעון קאַהאַנאָוויטש. ער האָט מיר אָפּ־געגעבן אַ ברייטן שלום־עליכם, געבעטן מיך זיצן, און אַ קער־טאָענדיק זיך צו דעם לערער, האָט ער אַ פרעג געטאָן באַ אים, אויב ער מיינט, אַז איך וועל די גרויסע חכמה זיך אויסלערנען?

דער לערער האָט געזאָגט, אַז ווי עס ווייזט אויס האָב איך גאַנץ גוטע פיאיקייטן.

ר׳ שמעון האָט מיך לאַנג ניט געהאַלטן. גערעדט וועגן אַלגעמיינע זאַכן, נאָכגעפרעגט זיך וואָס דער טאַטע מאַכט, די מאַמע, און אַ קלאַפּ־טאָענדיק מיר אין פּלייצע, האָט ער געזאָגט:

— דו פאַרלאָז נאָר ניט אונדזער הייליקע תורה. וועסט מסתמא קענען די איבעריקע שמאָכטעס...

איך האָב זיך מיט מיין לייב און לעבן איבערגעגעבן צו די שמאָכ־טעס, ווי ר׳ שמעון קאַהאַנאָוויטש האָט עס גערופן. די ביכלאַך, וועלכע בראָכקע האָט מיר געגעבן, האָב איך ממש געשלונגען איינע נאָך די אַנדערע. גאַנצע טעג און אַ סך נעכט האָב איך געהאַלטן אין איין לייענען. ווען דער טאַטע איז געווען אין שטוב, האָב איך געלייענט דעם תנ״ך אין דייטש, און אין אַ קורצער צייט האָב איך פיל אויפגע־טאָן. סיי דער לערער און סיי בראָכקע זיינען גאָר באַגייסטערט גע־וואָרן פון דעם מהלך, וועלכן איך האָב דורכגעמאַכט, און זיי האָבן מיך געלויבט.



אַ סוף צו מיין ראָמאַן

עס איז געווען אַ פרימאָרגן אין חנוכה, ווען די דינסט פון בראָכקעס הויז האָט מיר געבראַכט אַ צעטל, אין וועלכן בראָכקע שרייבט אין רוסיש:

„מיין ליבינקער. פון דעם לעצטן שפּאַציר אונדזערן האָב איך זיך שטאַרק פאַרקילט און ליג איצט אַ קראַנ- קע. קיין לעקציעס, פאַרשטייט זיך, וועלן מיר דערווייל ניט נעמען. דער טאַטע איז עפּעס שטאַרק אויפגע- בראַכט און איז ווילד אין כעס. און אונטער די אומ- שטענדן איז ניט ראַטזאַם, דו זאָלסט קומען מיך געוואָר ווערן. אָבער ניט געזאָרגט, טייערער! איך האָף אינגיכן געזונט צו ווערן און איך וועל דיר גלייך לאָזן וויסן. זיי געזונט, שטאַרק זיך. דיינע אויף אייביק...“

פאַר מיר איז דאָס געווען אַ דונער-קלאַפּ פון אַ ריינעם הימל. איך בין געבליבן ווי אַ יתום. איך האָב זיך אליין געשטאַרקט און געטרייסט מיט דער האָפנונג, אַז אָט-אָט וועט בראָכקע געזונט ווערן, און איך האָב אַלע ווײַלע געוואָרט אויף דער גוטער בשורה.

אָבער עס איז אַריבער אַ וואָך פון שרעק און אומגעדולד און מען הערט ניט און מען זעט ניט. איך האָב קיין מעגלאַכקייטן ניט געהאַט צו האָבן וועלכע עס איז ידיעה וועגן בראָכקעס צושטאַנד. אין שטאָט האָט מען געזאָגט, אַז שמעון קאַהאַנאָוויטשעס מיידל האָט זיך שטאַרק פאַרקילט און האָט געקראָגן לונגען-אָנצינדונג. און איצט שוועבט זי צווישן לעבן און טויט. די עלטערע ווייבער האָבן צוגע- לייגט: — „נישקשה, נישקשה, גאָט ווייסט, וואָס ער טוט. ער באַ- צאָלט איר פאַר אירע חטאים“.

בראָכקעס קרענק האָט פון מיר אינגאַנצן אַ תל געמאַכט. איך

האָב ניט געגעסן און בין ניט געשלאָפן. איך האָב גאַנצע טעג און ביז שפּעט אין דער נאַכט זיך אַרומגעדרייט אַרום איר שטוב. איך וואָלט געוואָלט אונטערקויפן די דינסט, זי זאָל מיר געבן וועלכע עס איז ידיעות, האָב איך אָבער קיין אייגענע קאָפּיקע ניט פאַרמאָגט. איך האָב געמיינט, איך וועל משוגע פון גרויס עגמת נפש און צער.

איינמאָל, ניט קאָנענדיק מער פאַרטראָגן דעם טויב-שטומען ניט-וויסן וואָס עס טוט זיך מיט בראָכקען, בין איך האַסטיק געלאָפן צו איר שטוב, באַשלאָסן אַריינצוגיין כדי אויסצוגעפינען, וואָס זי מאַכט. אָבער וואָס נענטער איך בין געקומען צו איר הויז, אַלץ מער האָב איך פאַרלאָרן דעם מוט, און אַז איך האָב געעפנט זייער טיר און די דינסט האָט זיך אויף מיר פאַרקרימט און געזאָגט: „ניטאָ, ניטאָ קיין לעקציעס", בין איך אַנטלאָפן. איך האָב אָבער ניט גערוט און איך האָב זיך איינגעקליגט און אַוועקגעגאַנגען צו דער שול, וואו ר' שמעון קאַהאַנאָוויטש דאַוונט. איך האָב געוואַרט אַ גוטע שעה ביז ער וועט אַרויסגיין מיטן טלית-זעקל אונטערן אָרעם. אָבער, ווי עס ווייזט אויס, איז בראָכקע געווען אַזוי קראַנק, אַז ר' שמעון, דער טרייער פאָטער, האָט ניט גע'פּועל'ט בײַ זיך צו פאַרלאָזן דאָס הויז אפילו צו גיין דאַוונען. און מיר איז קיין אַנדער ברירה ניט געבליבן, ווי צו באַנוגענען זיך מיט די קלאַנגען, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין שטאָט און דערגאַנגען צו מיר פון דער מאַמען אָדער דורך אַ שוועסטער.

זעקס וואָכן פון ווייטיק און יסורים האָבן זיך אויף אַזאַ אופן געשלעפּט, ביז איך האָב דערהערט, אַז בראָכקען איז בעסער געוואָרן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אַ סך פרייער אָפּגעאָטעמט, אָבער דער הייסער פאַרלאַנג צו זען בראָכקען, אָדער לכל הפחות הערן פון איר אַ וואָרט, איז אַ ברעקל ניט מינדער געוואָרן, און איז נאָך אַלץ געבליבן ווי אַ שווערע משא אויף מיין געדולד.

נאָך אַ גאַנצער חודש איז פאַרבייגעגאַנגען און פון בראָכקען ניט אַ וואָרט. איך האָב שוין ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן. ענדלאָך האָב איך דורך דער זעלביקער דינסט באַקומען פון איר אַ צעטעלע.

אינגאנצן צוויי שורות. זי שרייבט: ווען זי וועט אינגאנצן שטארק און געזונט ווערן, קען זיין, אז זי וועט מיך נאך א פ ש ר זען. עס איז שלעכט. זי איז צו שוואך צו שווימען קעגן שטראם.

מאמענטאן, אויף דער מינוט, בין איך געבליבן ווי פארשטיינערט און פארגליווערט. דערנאך האט א ראשיקער צופלוס פון בלוט א שלאג געטאן מיר אין קאפ. אלץ האט זיך אנגעהויבן וויגן. אין די אויגן איז געווארן פינצטער און איך האב זיך אנגעהויבן וואקלען פון שטול. מיין שוועסטער יענטע האט דאס באמערקט. זי האט אנגע־הויבן שפריצן מיך מיט קאלטע וואסער, מיט בראנפן, וועלכער איז געווען אנגעגרייט לכבוד שבת, און קאם מיט צרות האט זי, מיט דער הילף פון דער שכנה, צוגעשלעפט מיך צום בעט, וואו איך בין געבליבן ליגן באוואוסטלאז. מען האט געשיקט נאך דעם דאקטאר, וועלכער האט געהייסן מיר לייגן אייז צום קאפ און הייסע פלעשלאך וואסער צו די פיס, און געזאגט אז ער ווייס ניט אין וואס דאס קען זיך אנט־וויקלען. ער רעכנט, אז איך האב דעם מאגן שטארק קאליע געמאכט. און אויב מיר וועט ביז מארגן ניט ווערן בעסער, זאל מען שטעלן פיר פיאווקעס, צו צוויי אונטער יעדן אויער.

דריי טעג בין איך געלעגן, קיין זאך ניט געפילט. מיט די אויגן האב איך געקוקט, אבער האב גארנישט ניט געזען און האב גארניט פארשטאנען, וואס מען האט גערעדט צו מיר. אויף דעם פערטן טאג האט דער יונגער געזונטער קערפער געזיגט און געקראגן די איבערהאנט. מיינע חושים האבן זיך אנגעהויבן אומקערן צוריק צו מיר.

אבער איצט ערשט האבן זיך געעפנט גאנצע קוואלן פון מיינע גייסטיקע יסורים. וואס קאן דאס זיין? ניט שוין זשע איז אלץ פארלארן און פארפאלן? פארלארן בראכקען, פארלארן מיין גליק און פארפאלן מיין יונג לעבן!... יע, פארלארן מיין לעבן, איך וועל זיך אנטאן א מעשה! אן בראכקען ו ו ע ל איך ניט, און ו ו י ל ניט לעבן, האב איך אפגעמאכט בא זיך א שטארקן באשלוס.

אויף דער צווייטער וואך בין איך אראפ פון בעט. איך בין געווען

שוואַך, קראַפּטלאָז און ווילנלאָז. ווי אַ שאָטן בין איך אַרומגעגאַנגען, גאָרניט דער זעלביקער מענטש.

אין שטוב בא אונדז האָט מען באַמערקט די שטאַרקע ענדערונג אין מיר און מען האָט זיך געשושקעט צווישן זיך און געקוועטשט מיט די פּלייצעס. קיינער האָט מיט מיר אָבער וועגן קיין זאַך גאָרניט גערעדט. דער טאַטע, וועלכער האָט פאַרשטאַנען, אָדער אָנגעשטויסן זיך אויף דער אמת'ער אורזאַך פון מיין קרענק, האָט שטרענג אָנגע־זאָגט, אַז מען זאָל מיך לאָזן צורו און מען זאָל מיך גאָרניט טשעפּען. ער אַליין האָט שוין אַביסל שפּעטער געפּרובירט פאַרפירן מיט מיר אַ ריידעריי — ער האָט דערמאָנט מזל, אַזאַ גורל, און וואָס זאָל מען טאָן? מסתמא וויל גאָט אַזוי! צו מיר האָבן זיך זיינע ווערטער גאָרניט געקלעפּט.

איינמאָל, נאָך אַ לאַנגער נאַכט פון שרעקלאַכע וויטיקן און מאַ־טערנישן בין איך אויפגעשטאַנען אינדערפרי מיט'ן פעסטן באַשלוס: צו גיין זיך טרינקען. איך בין אַוועקגעגאַנגען צו דער בעריאָזע, וועל־כע איז געווען לעבן פעסטונג אַ צוויי וויאָרסט פון שטאָט.

גייענדיק האָב איך אַלץ געטראַכט, ווי וועט בראַכקע צונעמען די נייס, ווען מען וועט מיך געפינען אַ דערטרונקענעם? וואָס פאַר אַן איינדרוק וועט עס אויף איר מאַכן? און מיר האָט פאַרקלעמט דאָס האַרץ פון גרויס רחמנות אויף איר. אָבער דער געפיל פון נקמה, און נאָך מער, דער וואונטש פון ווייזן מיין שטאַרקן כאַראַקטער, אַז איך בין אַ העלד, האָט פאַרשטאַרקט אין מיר מיין באַשלוס צו מאַכן אַ סוף צו מיין לעבן, און איך בין אַוועקגעגאַנגען נאָך גיכער, כמעט געלאָפן צום טייך.

איך האָב פאַרשטייט זיך, קיינעם ניט געזען, גאָרנישט ניט געהערט און געווען פאַרנומען מיט מיינע געדאַנקען, וועלכע האָבן זיך געפּלאָנטערט און געדרייט, ווי אַ וויכער.

עס האָט זיך געטראַכט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט. עס זיינען דורכגעלאָפן די קינדער־יאָרן, די ישיבה. עס איז אַרויף אויפ'ן זינען דער טאַטע, די מאַמע און מיין ערשטע באַגעגעניש מיט בראַכקען.

דאָס לעצטע האָט מיך פאַרכאַפּט און אָנגעפּילט אַלע טיפענישן פון מיין נשמה. איך האָב זיך אַריינגעלעבט אין יענע גליקלאַכע, זיסע מינוטן. דאָס האַרץ האָט מיר שטאַרק אָנגעהויבן קלאַפּן, פּונקט ווי דעמאָלט, אַזוי אויך איצט, באַם איבערלעבן. איך האָב זיך אינגאַנצן פאַרגעסן אין מיין איצטיקער לאַגע, בין געוואָרן פריילאַך און מונטער. יעדעס וואָרט און איטלאַכע מינע בראַכקעס, אפילו אירע געדאַנקען, דאַכט זיך, זיינען ווי דורך אַ כישוף געשטאַנען לעבעדיקע פאַר מיר.

איך בין געגאַנגען וויטער, אָבער האָב אינגאַנצן פאַרגעסן דעם צוועק פון מיין גיין, און אַז איך בין געווען שוין ניט וויט פון ברעג, איז פּלוצלונג אָנגעקומען אַנטקעגן מיר די מאַמע, וועלכע איז געפאָרן מיט אַ גוי פון ברעג.

זי איז כמעט אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן, צוגעלאָפן צו מיר, אָנגעהויבן פאַנאַנדערפרעגן זיך, וואָס טו איך דאָ? ווי קום איך אַהער? און „אוי וויי און ווינד איז מיר, זע ווי דו קוקסט אויס!" „גאָט איז מיט דיר! וואוהין שלעפּסטו זיך אַזוי פרי? ביסט דאָך אַ פאַר־חלש'טער! זע, זונעלע מיינער, אָט פאָלג אַ מאַמען, קום בעסער אַהיים. איך וועל דאָ פון דיר ניט אָפּטרעטן, קום!" און שלעפּנדיק מיך פאַרן האַנט, האָט זי מיך צוגעפירט צום וואָגן און מיר זיינען אַוועקגעפאָרן צוריק אין שטאָט.

עס זיינען אַריבער נאָך עטלאַכע וואָכן. איך האָב אָנגעהויבן קומען צו זיך. דער געדאַנק פון זעלבסטמאָרד האָט זיך אינגאַנצן אויסגעוועפּט און פאַרשוואונדן. איך בין אַריין צוריק אין מיין געוויינלאַכן אַלטעגלאַכן לעבן. נאָר פון צייט צו צייט האָט זיך נאָך אַלץ געמערקט דאָ און דאָרטן אַ גרויסער ריס. איך האָב עטלאַכע מאָל בראָכקען געשריבן, אָבער געבליבן אָן ענטפער, קיין איין וואָרט ניט באַקומען. איך בין נאָך היפּשע עטלאַכע מאָל אַרומגעגאַנגען אַרום זייער הויז, אָבער אומזיסט, און איך האָב אָנגעהויבן שלום מאַכן מיט דעם לעבן, ווי עס איז.

ערב פּסח, ווען איך בין געשטאַנען אין פאָרטקע פון אונדזער הויף, האָט די זעלביקע אַלטע דינסט געבראַכט מיר אַ צעטעלע פון

בראָכקען, אין וועלכן זי בעט מיך צו אַנטשולדיקן איר, און אויב איך האָב ניט קענען דעם, טאָן איר אַ געפעליקייט און באַמיען זיך צו באַגעגענען זי היינט נאָכ׳ן סדר אויף דעם אַמאָליקן פּלאַץ.

און אַ מאָדנע זאַך, דאָס היינטיקע צעטעלע האָט אויף מיר דעם מינדסטן איינדרוק ניט געמאַכט. איך בין געבליבן אינגאַנצן גלייכגילטיק. איך האָב זיך נאָך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל איך גאָר אינגאַנצן גיין צי זען. און וואָלטן געווען וועלכע ס׳איז מיטלען אויף איבערגעבן איר מיין באַלדיקן ענטפער, וואָלט איך זיך זיכער אָפּגעזאָגט פון דעם היינטיקן פאַרגעניגן. אָבער אַזוי ווי די דינסט איז שוין אַוועק, האָב איך אַ טראַכט געטאָן: וואָס פאַר אַן אומגליק וועט זיין, אויב איך וועל זי באַגעגענען?

בראָכקע האָט אויסגעזען אַ סך עלטער. ניט מיט די פינף חדשים, וואָס איך האָב זי ניט געזען, נאָר ווי פינף יאָר זיינען שוין אַריבערגעגאַנגען. זי איז געווען זייער בלייך, די אויגן האַלב אויסגעלאָשן און די באַקן איינגעצויגן — גאָרניט די זעלביקע מיידל! קענטיק, אַז אַ חוץ פיזיש, האָט זי אויך גייסטיק שטאַרק געליטן. אפשר ניט וויינקער פון מיר.

מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגן, ווי אַ פאַר׳משפּט׳ע, האָט זי אָנגעהויבן בעטן באַ מיר מחילה און איך זאָל ניט זיין בייז אויף איר. וואָס קען זי העלפן, אַז זי האָט געמאַכט אַ טעות אין זיך, און איבערגעשאַצט אירע קרעפטן? קיינער קען זיך פון דעם ניט באַוואָרענען. קיינער קען זיך אַליין ניט, ביז עס קומט ניט צום האַנט דער אמת׳ער נסיון. אגב, איז זי גאָרניט שולדיק. אירע געפילן צו מיר האָבן זיך ניט געענדערט. זי ליבט מיך מיט איר גאַנצן לעבן און נשמה איצט פונקט ווי פריער, אָבער וואָס זאָל זי טאָן, אַז איר גורל ליגט אין די הענט פון איר טאַטן? און איר טאַטע איז איצט ווילד ביז משוגעת, אין כעס אויף מיין טאַטן, פאַרוואָס ער האָט זיך אָפּגעזאָגט אפילו פון אַ תקיעת־כף מאַכן מיט אים, אַז דער שידוך איז געשלאָסן. ער איז שטאַרק דערנידעריקט געוואָרן. ער פילט זיך בלוטיק באַליידיקט און האָט געשוואָרן, אַז אַ סוף, אַן עק, ער וויל מער פון מיר ניט וויסן! זי

קען איר טאַטן. ער וועט ניט נאָכגעבן. אפילו ווען זי זאָל שטאַרבן. זי ווייס, אַז עס וועט לאַנג ניט געדויערן און ער וועט זי מסתמא מיט אימיצן פאַרשלייערן. באַ די ווערטער האָט זי אויסגעבראָכן אין אַ ביטערן געוויין און כליפּענדיק האָט זי געזאָגט: — אדרבה, ווייסטו אפשר פון אַן עצה, ווי מיר קאָנען זיך ראַטעווען?

איך בין געווען זייער גערירט, האָב אָבער קיין עצות און קיין ווערטער נים געהאַט. איך האָב געפּרובירט פאַרשלאָגן, אַז מיט די צוואַנציק רובל, וועלכע זי האָט מיר געוואָלט געבן אויף צו קויפן אַן אַנצוג, זאָלן מיר אַוועקפאָרן ערגעץ, און איך וועל זיין אַ מלמד, זי זאָל געבן לעקציעס און אויף אַזאַ אופן איינאָרדענען זיך, — האָט זי מיר אָבער איבערגעשלאָגן און געזאָגט, אַז זי האָט שוין אַליין געטראַכט וועגן דעם, נאָר, ערשטנס, האָט דער טאַטע אירער צוגענומען באַ איר ביז אַ קאָפּיקע, ווייל ער האָט חושד געווען אַזאַ זאַך, און צווייטנס, און דאָס איז דער עיקר — ער האָט איר בפירוש געזאָגט, אַז אויב מיר וועלן אָפּטאָן אַזאַ אַקט, וועט ער ניט נאָר ברענגען אונדז צוריק מיט דעם עטאַפּ, נאָר ער וועט זען, אַז מיין „פּערוווע ליעגאָטע" זאָל בטל ווערן און מען זאָל מיך אָפּגעבן אין סאָלדאַטן. „ניין, ניין — האָט זי פאַרצווייפלט געשריען, ער קען און וועט דאָס טאָן, און מיר טאָרן ניט ריזיקירן. פאַרפאַלן — אַלץ פאַרפאַלן!" זי איז מיר אַרויפגעפאַלן אויפ'ן האַלדז, געשוואָרן, אַז זי וועט מיך קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט פאַרגעסן, און אַז כאָטש זי זעט מיך איצט און רעדט צו מיר דעם לעצטן מאָל, וועט זי אָבער באַ זיך אין האַרצן זען מיך און ריידן, ריידן צו מיר, ריידן נאָכאַנאַנד, — דאָס קען דאָך אפילו אַ טאַטע באַ איר ניט אָפּנעמען.

נאָך אַ לאַנגער טרויעריקער סצענע האָבן מיר זיך צעשיידט, אויף אייביק צעשיידט.

אַ היפּשע צייט האָב איך זיך נאָך „געמאַרדעוועט", געווען שטאַרק אויפגערעגט, געווען בייז אויף דעם טאַטן, געוואָרן אַ דם שונא מיינע שוועסטער, האָב נאָך לאַנג גע'חלומ'ט און געטראַכט וועגן בראָכקען, אָבער באַלד דערהערט, אַז זי איז שוין געוואָרן אַ כלה.

דער 1טער מערץ, 1881 ; פּאָגראָמען

(איך פאַרלאָז מיין היים און לאַנד)

איך האָב באַ זיך געהאַט אָפּגעמאַכט אַראָפּצואוואַרפן פון זיך אַלץ מיטאַנאַנדער און פירן זיך אַזוי ווי מיר געפעלט — זאָל דער טאַטע טאָן, וואָס ער וויל, אַ דאגה מיינע! אָבער איין בליק אויף מיין גוטער, אומשולדיקער מאַמען, וועלכע האָט נעבאַך קיין ברעקל באַגריף ניט געהאַט פון וועלכער עס איז געדאַנקען-וועלט, וואָס האָט זיך אָבער מער געקימערט פאַר מיין וואוילזיין, ווי פאַר דעם, וואָס לייט וועלן זאָגן וועגן מיר. וואָס פלעגט מיך כאַפּן קושן און אויף אַלע אופנים אויסדריקן איר שמחה, וואָס זי זעט מיך. — איין קוק אויף איר האָט אַלץ צענישט געמאַכט און איך האָב זיך אָנגעהויבן פירן, ווי אַלע סטאַטעטשנע בחורים אין יענער צייט.

די לאַגע פון מיינע עלטערן איז בעסער ניט געוואָרן. מען האָט זיך געמאַטערט, געשלאָגן זיך, ווי אַ פיש אין וואַסער, ווי די מאַמע פלעגט זאָגן. אַמאָל אַרויף — און אַמאָל אַראָפּ.

דערווייל האָבן מיר זיך איבערגעקליבן אין אַ נייער דירה — אין אברהם יודל ראַטנער׳ס אַ הויז אויף די שאַלקעס.

אברהם יודל איז שוין געווען אַ איד אַ זקן און געזעסן טאָג און נאַכט און געלערנט. אַמאָל איז ער געווען גאָר רייך, אָבער צו די עלטערע יאָרן האָט ער זיך פון אַלץ אויסגעטאָן און איז נאָר געזעסן מיט זיינע ספרים, וועלכע ער האָט געהאַט זייער פיל — צוויי גרויסע צימערן האָבן זיי פאַרנומען. מיט זיין הויף און אַריינפאָר-הויז האָט זיך באַשעפטיקט זיין זון עליע, וועלכער איז גאָר ניט געווען ענלאַך צו זיין פאָטער דעם למדן און איז געווען ניט גאָר קיין שיינער מענטש.

דער עליע האָט געהאַט עטלאַכע קינדער און די עלטסטע איז גע־וועזן אַ מיידל פון אַ יאָר צוויי־און־צוואַנציק, וועלכע איז געשטאַנען אין שידוכים. איך בין געוואָרן אַן אָפּטער אַריינגייער צו דעם אַלטן אברהם יודל׳ען, באַ וועמען איך האָב געפונען די ספרים, וועלכע איך האָב געזוכט. עליע׳ס מיידל, נעכאַמקע, איז געוועזן ניט איבעריקס שיין, אין גאַנצן אומוויסנדיק, אָבער ניט קיין נאַר. זי איז געוועזן אַ געזונטע, פול־בלוטיקע מיידל און איז ניט געוועזן גלייכגילטיק צו אַ געזונטן יונגן בחור, ווי איך בין געוועזן.

דעם פאָטער אירן, עליע׳ן, וועלכער האָט דאָס באַמערקט, איז זייער ניט געפעלן געוועזן, וואָס זיין נעכאַמקע לויפט אַזוי אָפט צו אונדז אין שטוב — כלומרשט. זי האָט זיך זייער באַפריינדעט מיט מיין שוועסטער יענטע׳ן (מיין שוועסטער שרה האָט שוין חתונה גע־האַט), און ער האָט אָנגעהויבן זוכן עצות, ווי פּטור צו ווערן פון אונדז. ער האָט עטלאַכע מאָל אַריינגעשיקט דעם מוליער ער זאָל זיך אַ פּאַרקע טאָן באַם אויוון און קאַליע מאַכן עפּעס, כדי מיר זאָלן גע־צוואונגען זיין צו פאַרלאָזן זיין דירה. אָבער איך האָב דאָס באַמערקט און האָב דעם מוליער אַרויסגעטריבן, ניט געלאָזט אים צורירן זיך אפילו צום אויוון. מיך האָט די געשיכטע זייער פאַרדראָסן, און איך בין אויף עליען שטאַרק אין כעס געוואָרן. און וואָס מער איך בין אין כעס געוואָרן אויף דעם פאָטער, בין איך אַלץ מער גוט פריינט געוואָרן מיט זיין טאָכטער, אַרומגעגאַנגען מיט איר שפּאַצירן, און האָב זיך גאַנץ פיין באַפריינדעט מיט איר — עליע׳ן אויף צעפּיקעניש !...

די צייט האָט זיך געשלעפּט. קיין אויסזיכטן אויף דער נאָענטער צוקונפט איז ניט געוועזן, און איך האָב אַלץ געטראַכט און געבראָכן זיך דעם מוח — ווי רייסט מען זיך אַרויס פון דאַנען?

אָבער אָט איז פּלוצלינג אָנגעקומען דעם 1טן מערץ, 1881, די ידיעה, אַז די ניהיליסטן האָבן גע׳הרג׳עט דעם קייסער!

די גאַנצע באַפעלקערונג האָט זיך אַ טרייסל געטאָן, ווי פון אַן ערד־־ציטערניש. סיי גוים און סיי אידן זיינען געוואָרן אויפגע־רעגט. אַרום די קראָמען, אין שול, אין באָד און אין קלויסטער

האָט מען גערעדט וועגן איין זאַך. די גוים האָבן כמעט אַלע זייער באַדויערט דעם גרויסן שאָדן. צווישן אידן האָבן זיך געפונען נאָר אַ קליינע צאָל אפיקורסים, ווי מיין טאַטע למשל, וואָס האָבן זיך דאָס האַרץ קנאַפּ אָפּגעגעסן פון דעם אומגליק... אָבער דאָס רוב פון דער אידישער באַפעלקערונג האָט באמת שטאַרק באַדויערט, און דער עיקר מורא געהאַט, אַז דער נייער קייסער וועט זיין נאָך ערגער.

אָבער באַלד האָט מען דערהערט פון נייע רדיפות און גזירות אויף אידן. די באַרימטע אוממענטשלאַכע, האַרצלאָזע נייע געזעצן פון דעם שרעקלאַכן אַנטיסעמיט גראַף איגנאַטיעוו האָבן קלאָר באַוויזן, אַז דער צעפוילטער רוסישער צאַריזם האָט פאַרלאָרן דעם קאָפּ און אַז פון אָט דער פינצטערער מאַכט קענען אידן קיין גוטס ניט דערוואַרטן. אַזוי איז טאַקע געווען. באַלד נאָך דעם האָט זיך אויף שוואַרצע פליגלען פאַנאַנדערגעטראָגן די טרויעריקע ידיעה פון דעם ערשטן פּאָגראָם אין קיעוו!

אידן האָט די מורא׳דיקע בשורה דערשלאָגן. מען האָט אַראָפּגעלאָזן די קעפּ, און מיט יאוש אין האַרצן איז מען אַרומגעגאַנגען, ווי שאָטנס, ווי נעכטיקע, און געפרעגט זיך: ווער קען אונדז איצט העלפן?

די גוים, און ספּעציעל די אידן-פיינט, האָבן הויך געהאַלטן זייערע קעפּ און האָבן מיט אַרויסרופנדיקע בליקן געריצט זיך מיט די אידן — זייערע שכנים, מיט וועלכע מען האָט ביז איצט געלעבט גאַנץ פריינטלאַך.

אָבער די יונגע לייט האָבן די ערשטע זיך געפונען. מען האָט אָנגעהויבן שטילערהייד צונויפריידן זיך און אָרגאַניזירן זיך אין אַ זעלבסטשוץ, אַז מען זאָל זיך שטעלן אַנטקעגן, אויב עס זאָל זיך אָנהויבן אַ פּאָגראָם.

מיט וואָס אונדזער זעלבסטשוץ וואָלט זיך געענדיקט, ניט האָבנדיק קיין אַנדער געוועהר אַ חוץ די אייגענע צען פינגער, איז ניט שווער צו טרעפן. אָבער, עס איז געווען אַ שטיקל באַפרידיקונג פאַר זיך אַליין. דאָס גרייטן זיך אַליין האָט שוין צוגעגעבן אַ ביסל מוט,

און די עלטערע מענטשן האָבן טאַקע געגלויבט אין אונדזער כח און האָבן זיך אַ היפּש ביסל באַרואיקט.

איך האָב נעכאַמקען צוגעצויגן, זי זאָל העלפן מיט וואָס זי קען. און אַזוי ווי זי איז גרייט געווען צו פאָלגן מיך, אין פייער און אין וואַסער, איז זי געלאָפן אַהין, אַהער, צו וועמען מען האָט נאָר גע־דאַרפט, און געווען פאַרנומען מיט אונדז אינאיינעם גאַנצע טעג און נעכט. איר מאַמע איז שיר משוגע געוואָרן פון כעס און פאַרדראָס, און אין איין שיינעם פרימאָרגן איז ער אַריינגעלאָפן צו אונדז מיט דעם מוליער און מיט אַ פּאָליציי באַאַמטן און האָט שוין געוואָלט ברעכן דעם אויוון. איך האָב ניט געלאָזן. איך האָב אַרויסגעטריבן דעם מוליער. עליע׳ן האָט איך געזאָגט, אַז אויב ער גייט ניט אַוועק וועל איך אים פון די טרעפּ אַראָפּוואַרפן, און ער האָט זיך טאַקע אָפּגע־טראָגן. און דעם פּריסטאַוו האָב איך געפרעגט, מיט וועלכן רעכט דערלויבט ער זיך אַריינקומען צוי אונדז אין שטוב? וואָס איז, ווייל עלינקע ראַטנער האָט דיר אַריינגערוקט אַ דריי־רובלדיקע?

„אויף דעם גנב ברענט דאָס היטל". דער פּריסטאַוו איז געוואָרן פול כעס, האָט געקלאַפּט מיט דער שווערד אויפ׳ן טיש, געשריען, געליאַרעמט און געזאָגט, אַז ער מוז מיך נאָך אין טורמע אַוועקשיקן, און איז מיט גרויס כעס — אַוועק.

דורך דעם פענצטער האָב איך געזען, אַז אַוועקגעגאַנגען איז ער צוריק צו עליע׳ן. עס האָט אָבער גאָר ניט געדויערט און דער בחור איז געקומען צוריק. מיט גוואַלד אַריינגעריסן זיך אין מיין חדר, געגראַיעט זיך אַ ווײַלע צווישן מיינע פּאַפּירן און ביכער און האָט גע־פונען דאָס בוך „וואָס צו טאָן?". גראַד אַן אויסלענדישע אויסגאַבע, און אַן אַלטער נומער „קאָלאָקאָל", אַרויסגעגעבן אין לאָנדאָן פון הערצ׳ן, וועלכן מיין שקלאָווער פריינט האָט מיר צוגעשיקט אַ מתנה.

— אַהאַ! — האָט ער גענומען שרייען, — איצט האָב איך דיך! דו וועסט שוין קריגן דיין לוין!

מיין שוועסטער, וועלכע איז געווען דערביי, איז געוואָרן טויט־דערשראָקן און איז אַוועקגעלאָפן צו די ראַטנערס און געמאַכט דאָרטן

קולות און געשרייען, אַז צוליב עליע'ן וועט איר ברודער אומגליקלאך ווערן. דער אַלטער אברהם יודל, דערהערנדיק וועגן דער גאַנצער מעשה, איז געוואָרן זייער איבערגעבראַכט אויף זיין זון עליע'ן און האָט אים געצוואונגען ער זאָל רופן דעם פּריסטאַוו און זען צו פאַרגלעטן די געשיכטע.

ווי נעכאַמקע האָט מיר דערנאָך איבערגעגעבן, האָט דאָס עליע'ן געקאָסט צען קאַרבן.

דער פּריסטאַוו, קריגנדיק דאָס, וואָס ער איז נאָר אויסן געווען, איז צוריקגעקומען צו מיר און האָט מיך געפרעגט, וואָס וויל איך איצט בעסער? צי וויל איך ווערן אַרעסטירט און האָבן אויף זיך אַ פּאָליטישן פּראָצעס, אָדער איך זאָל אים געבן מיין ערן-וואָרט, אַז מיר וועלן זיך אַרויסקלייבן פון דער דירה, דאַן וועט ער מיך אָפּלאָזן, ווייל ער האָט רחמנות אויף מיינע יונגע יאָרן. איך האָב געזאָגט, אַז אַזוי ווי איך בין ניט דער בעל-הבית פון שטוב, קאָן איך אים איצט קיין ענטפער אויפ'ן אָרט ניט געבן, ער וועט מוזן וואַרטן ביז איך וועל איבעררעדן מיט מיין טאַטן און מאַמען. ער האָט מיר געגעבן דריי טעג צייט, אָבער דעם בוך מיט דער צייטונג האָט ער צוגענומען.

אין אָוונט, אַז טאַטע און מאַמע זיינען געקומען אַהיים, און דערהערט פון מיין שוועסטער די גאַנצע מעשה, זיינען זיי געוואָרן האַלבטויט. זיי זיינען געלאָפן צו ראַטנער'ן. מען האָט זיך דאָרטן דורכגעטענה'ט, געערעדט און שטאַרק געזידלט זיך. די מאַמע האָט געזאָגט עליע'ן, אַז זי וועט אים די באָרד אויסרייסן. דער טאַטע האָט געסטראַשעט, אַז ער וועט אים שלעפּן צום רב, צו אַ דין תורה. דער סוף איז געווען, אַז עליע האָט גענומען אויף זיך צו צערייבן דעם גאַנצן עסק. אפילו דעם בוך מיט דער צייטונג וועט ער אומקערן., וועלכע, אגב אורחא, דער פּריסטאַוו האָט בײַ אים איבערגעלאָזן, נאָר מיט דעם איינציקן באַדינג, אַז מיר זאָלן זיך אַרויסקלייבן פון זיין דירה.

ער האָט פאַרטרויט מיין טאַטן און מאַמען, אַז זיין נעכאַמקע איז „פאַרכליאַפּעט" אין מיר, אַז ער וויל דאָס ניט, און דער איינציקער וועג ווי צו פאַרמיידן סקאַנדאַלן איז, אַז זי זאָל מיך מער ניט זען.

דער טאטע האט געגעבן זיין ווארט, אז אזוי גיך ווי ער וועט געפינען א פאסיקע דירה, וועלן מיר זיך אריבערקלייבן.

און איצט ערשט האט זיך אנגעהויבן אן אמת'ע מלחמה צווישן מיר און דעם טאטן.

דער טאטע האט גע'טענה'ט, אז איך בין א גרויסער יונגאטש, אז איך האב ניט קיין גאט אין הארצן.

די מאמע האט געוויינט און געקלאגט, אז איך מאך א גאנצע הויז-געזינד אומגליקלאך. די גאנצע וועלט וועט דאך פול זיין מיט מיר. וואו צוויי, וועל איך זיין א דריטער. איך וועל דאך נאך, חלילה, אין ארעסטאנטן אוועקגיין! דער טאטע האט מיך געהיט אויף יעדן טריט און שריט. האט געזוכט און געניששטערט איטלאכן ביכל, וואס איך האב געהאלטן אין האנט. איך האב זיך געוויינלאך געהיט ווי וויט מעגלאך, אז ער זאל בא מיר קיין „טריפה סחורה" ניט געפינען. אבער איינמאל, דאנערשטיק. זייער שפעט באנאכט, ווען איך בין געווען פארטיפט אין א רוסישן ראמאן, איז פלוצלונג אריינגעלאפן דער טאטע, וועלכער איז מסתמא אויפגעשטאנען צו פראווען חצות, האט ארויסגעריסן בא מיר דעם בוך פון האנט און האט אים צעריסן אויף שטיקער. ער האט אויך געכאפט אנדערע ביכער, וועלכע זיינען גראד געלעגן בא מיר אויפ'ן טיש, אזעלכע געפערלאכע ביכער, למשל, ווי אנטאנאוו'ס גראמאטיקע, אן אריפמעטיקע, א ווערטערבוך און נאך א פאר ביכלאך, און האט זיי אריינגעווארפן אין אויוון. איך האב באמת בדעה געהאט שטעלן זיך אנטקעגן, איבערהויפט צוליב דעם ראמאן, וועלכער איז געווען א געליענער נאר אויף א פאר טעג, אבער האב ניט געקאנט צוליב דער מאמען, וועלכע האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף און אנגעהויבן בעטן, וויינען און שרייען, אז עס זאל זיין שא, שטיל! „מען הערט דאך אומעטום, וואס דא טוט זיך בא אייך! אוי וויי איז מיר, וואס איך האב זיך דערלעבט!"

דער טאטע האט זיין פארשפרעכן צו עליע ראטנער געהאלטן, און אין א קורצער צייט האבן מיר זיך איבערגעקליבן אין א נייער דירה, וועלכע איז אפילו געווען א ביסל גראמער און באקוועמער.

אָבער מיר איז געוואָרן נאָך ענגער ווי פריער. איך האָב קיין זאַך אין האַנט ניט געטאָרט נעמען אַ חוץ די ספרים, וועלכע זיינען נאָר געפעלן געווען מיין טאַטן. ער האָט אָנגעהויבן זיך באַקלאָגן אויף אויף מיין פרומקייט, אַז איך דאַוון ניט לאַנג, נעם קיינמאָל קיין וואָרט תהילים ניט אין מויל, מאַך אפילו קיין ברכה ניט, א. א. וו.

מיין טאַטנ'ס דעספּאָטיע איז מיר געוואָרן אומדערטרעגלאַך, זיינע אכזריות'דיקע פאַרפאָלגונגען זיינען געוואָרן ניט אויסצושטיין, און איך האָב אָנגעהויבן ווידער אַמאָל זוכן און טראַכטן ערנסט, ווי פאַרלאָזט מען דאָס הויז? אָבער קיין עצה און קיין הילף האָב איך ניט געקאָנט געפינען. האָב פשוט ניט געהאַט אויף הוצאות, שוין ניט רעדנדיק וועגן דעם, אַז איך האָב קיין שום פּלאַן ניט געהאַט, וואוהין און צוליב וואָס פאָרן. אָבער דאָ איז געשען אַ נס.

נעכאַמקע האָט אויך איצט ניט אויפגעהערט גיין צו אונדז, פון וואָס עליע ראַטנער האָט זיך נאָך מער געערגערט, און האָט שוין גאָרניט געוואוסט וואָס צו טאָן. ווען איך בין איינמאָל שפּעט באַנאַכט געקומען פון שפּאַציר מיט נעכאַמקען, האָב איך געפונען אין שטוב אַ מורא'דיקן גערודער: די מאַמע האָט געוויינט, גע'חלש'ט און דער טאַטע איז אַרומגעלאָפן איבערן שטוב הין און צוריק ווי אַ ווילדער ממש... פון אָנהויב האָב איך ניט געקענט פאַרשטיין וואָס עס טוט זיך. איך האָב נאָר געהערט אָפּגעהאַקטע ווערטער, איינצלנע פראַזן, ווי למשל, „וואָס דען, גוטס וועט אַרויסקומען; אַז מען האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די גאַנצע אידישקייט?... „אויסגעהאָדעוועט אָט אַ תכשיט! אין טורמע וועט ער פאַרפוילט ווערן!" „אַ מצווה, אַ מצווה אויף אים, אַ שיינע ריינע כפרה!" די מאַמע, ווידער, קרעכצט, וויינט, וואָס האָב איך צו איר געהאַט, פאַרוואָס וויל איך איר צרות אָנטאָן? אוי, זי וועט דאָס ניט אויסהאַלטן, בעסער טאַקע גאָר ניט דערלעבן!... שוין גאָר דערנאָך, אַז ביידע האָבן אויסגעשאָסן דעם גאַנצן פּולווער, דער טאַטע האָט גענוג געזידלט, געאַקערט מעשים, און די מאַמע האָט זיך גענוג אָנגעוויינט, בין איך קוים דערגאַנגען, אַז דער פּריסטאַוו איז געווען מיט אַ „פּאָוויעסטקע" — אַ רוף-צעטל

— איך זאָל קומען אין פּאָליציי, וועגן דעם, וואָס איך האָב באַ זיך פאַרבאָטענע ליטעראַטור...

— זע זונעלע מיינער, — האָט די מאַמע פאַרענדיקט, — האָב רחמנות אויף זיך און אויף מיינע אַלטע יאָרן און אַנטלויף. ווי גאָט איז דיר ליב, אַנטלויף וואוהין די אויגן וועלן טראָגן, אַז ניט זיינען מיר אַלע פאַרפאַלן!

איך האָב אפילו פאַרשטאַנען, אַז עס איז ניט אַזאַ גרויסע סכנה, וואָרים אין אַן ערנסטן פאַל רופט מען ניט אין דער פּאָליציי און אַז מסתמא שטעקט דאָ ווידער די האַנט פון עליע ראַטנער. אָבער איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אַן דער געלעגנהייט, כאָטש איך האָב דאָס ניט אַרויסגעוויזן, און האָב „מסכים" געווען אַוועקצופאָרן. אָבער אין אַ וואָך אַרום ערשט. נישקשה, נישקשה, זאָל דער טאַטע מודיע זיין עליע ראַטנער, אַז איך וועל זיכער אַוועקפאָרן, וועט קיין בייז ניט געשען.

די וואָך האָב איך געדאַרפט אויף איינאָרדענען געוויסע זאַכן, זען זיך מיט מיינע באַקאַנטע און גוטע פריינט און מישב זיין זיך — וואוהין פאָרט מען? דער טאַטע האָט געטאָן ווי איך האָב פאַרגע־שלאָגן, און עס איז געווען ווי איך האָב געזאָגט. עליע ראַטנער איז נאָך געגאַנגען מיטן טאַטן און האָט פאַר מיר אַפילו אַרויסגענומען אַ פּאַספּאָרט.

איך האָב זיך געקליבן אין וועג. איך בין געווען העכסט צופרידן, וואָס סוף כל סוף וועל איך דאָך ווערן אומאָפּהענגיק, וועל לעבן און פירן זיך, ווי א י ך פאַרשטיי. אָבער צו דער זעלביקער צייט האָט מיר וויי געטאָן דאָס האַרץ צו פאַרלאָזן מיין מאַמען, וועלכע איז מיר איצט גאָר מאָדנע טייער געוואָרן. אפילו מיינע שוועסטער און מיין קלענערער ברודער זיינען מיר איצט אַ סך ליבער און טייערער גע־וואָרן. מיר איז טייער געוואָרן פּלוצלונג די שטאָט מיט אירע בלאָטיקע גאַסן. די שול אפילו, וואו איך האָב געדאַוונט און אַמאָל געלערנט, איז מיר ליב געוואָרן. און אַז איך האָב זיך פּלוצלונג גאָר דערמאָנט אין בראָכקען — איז מיר אויסגעגאַנגען דאָס חיות זי צו זען!

אָבער אומזיסט די מי — זי האָט שוין חתונה געהאַט! א קללה און א פלוך האָט זיך בײַ מיר אַרויסגעריסן אויף אַלע טאַטעס. אײן טאַטע האָט בײַ מיר צוגענומען מײַן ערשטן, שענסטן גליק; דער אַנדערער — איז מיר די יאָרן דערגאַנגען. און דער דריטער טרײַבט מיך פון מײַן געבורטס־שטאָט און פון מײַן פאָטערלאַנד. און מיט א צעװײַ־טיקט האַרץ האָב איך אין די ערשטע טעג פון יוני 1882 פאַרלאָזן מײַן הױז, מײַן פאַמיליע, מײַן שטאָט און לאַנד. אויף אײביק, אײביק האָב איך זײ פאַרלאָזן.



מיין רייזע קיין אַמעריקע

מיט זייער ווינציק געלט, דערפאַר מיט אַ סך ברכות פון מיינע עלטערן, קרובים און פריינט האָבן מיר, איך און מיין חבר ישראל מענדל, — אַ וואוילער בחור פון אַ יאָר 20 און אַ קרענקלאַכער — אַרויסגעלאָזט זיך אינ׳ם פרילינג 1882 אין דער גרויסער וועלט אַריין, זוכן עפעס אַ שטיקל תכלית.

קיין באַשטימטע פלענער, וואוהין צו פאָרן און וואָס צו טאָן, האָבן מיר ביידע נישט געהאַט. מיר האָבן אפילו נישט געוואוסט צו וואָס מיר קענען טויגן, אָדער אויב מיר וועלן בכלל עפעס געפינען וואָס צו טאָן. מיר זיינען געפאָרן, ווייל די נויט האָט אונדז געטריבן. אין באַברויסק האָבן מיר קיין אַנדער תכלית נישט געזען, סיידן צו זיצן און וואַרטן אויף אַ שידוך מיט נדן און נאָך דער חתונה ווערן מעקלערס, קרעמערס אָדער גלאַט זיך אַרומדרייען איבער די גאַסן — אַ זאַך וואָס באַ אונדז, היינט-וועלטיקע, אויפגעקלערטע, סאָציאַליסטיש-געשטימטע בחורים איז געווען אויסגעשלאָסן. אונדז האָט זיך געוואָלט עפעס אויפטאָן, אַרבעטן, שאַפן און ווערן בכלל נוצלאַך פאַר זיך און אַנדערע, אָבער כאָטש כשר פאַרדינען דאָס אייגענע שטיקל ברויט. עס איז אונדז געווען אַ ווייטיק און א חרפה צו זיצן אויף יענעמס קאַרק — איך אויף מיין אָרעמער מאַמעס, און ישראל מענדל אויף זיין טאַטנס.

די ערשטע שטאָט, אין וועלכער מיר זיינען אַריינגעפאָרן איז געווען מינסק. מיר זיינען די ערשטע פאַר טעג אַרומגעלאָפן איבער די לאַנגע און האַרטע מינסקער גאַסן, געזוכט, גענישטערט אַרום די קראָמען און קאָנטאָרן צו געפינען עפעס אַ שטעלע. אָבער אומזיסט.

מען האָט אונדז אין ערגעץ נישט באַדאַרפט. איך בין אַוועק צום קאַזיאָנעם רב, אפשר ווייסט ער וואו מען קען געפינען אַ פּלאַץ, אָבער אומזיסט די טרחה. דער ראַבינער האָט מיר דערקלערט אַז: פּרנסה אין אַלע אידישע געשעפטן איז שטאַרק געשלאָגן. הונדערטער יונגע־לייט פון אומעטום און פון מינסק גופא קומען צו אים טאָג־טעגלאך מיט דער זעלביקער בקשה: זיי זיינען גרייט צו טאָן אַלץ אַבי צו פאַר־דינען אַ שטיקל ברויט, אָבער ס'איז נישטאָ קיין אויסזיכט; און קריגן אַ שטעלע פאַר אַ פרישן, אומבאַקאַנטן מענטש איז גאָר קיין רייד נישטאָ. די פּאָגראָמען און די גזירות איגנאַטיעוו — האָט ער צוגעגעבן — מאַכן פון אונדז גאָר א תל, זיי וועלן נאָך חלילה אונדז אינגאַנצן דער־שטיקן.

אויף דעם פינפטן טאָג איז מיין שוואַכער חבר ערנסט קראַנק געוואָרן. ער האָט אָנגעהויבן שטאַרק הוסטן און שפייען מיט בלוט; נאָך אַ לאַנגן ישוב הדעת איז בא אונדז געבליבן, אַז ער זאָל זיך אומ־קערן צוריק אַהיים — קיין באָברויסק. מיט שווערע הערצער האָבן מיר זיך צעשיידט. (אין דריי חדשים שפּעטער האָב איך געהערט, אַז ער איז געשטאָרבן).

בלייבן ווייטער אין מינסק אליין האָט מער קיין זינען נישט גע־האָט. און מיט אַ געברָאָכן געמיט האָב איך זיך געלאָזט ווייטער צו דער גרענעץ — עפּעס האָב איך שטאַרק חשק געהאַט אַרויס־צורייסן זיך פון רוסלאַנד, וואו, מיר האָט זיך געדוכט, אַז עס איז געוואָרן צום ערגסטן פאַר אַ מענטש צו לעבן און בפרט נאָך פאַר אַ איד.

כמעט דאָס גאַנצע געלט, וואָס איך האָב געהאַט, האָב איך אויס־געגעבן אויף אַ באַן־בילעט. און ווען איך בין אָנגעקומען קיין קאָוונע, אויף דער אכסניה, איז בא מיר נאָך געבליבן בלויז איין רובל מיט קאָפּיקעס. די אכסניה איז געוועזן פוסטלאך; אַ חוץ נאָך איין יונגער־מאַן, וועלכער איז געזעסן אין אַ ווינקל אַ דערשלאָגענער, איז מער דאָרט נישט געוועזן.

דער באַלעבאָס האָט מיר אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום עליכם און גלייך גענומען — ווי דער שטייגער איז — זיך אויספרעגן: פונוואַנען

אַ יונגערמאַן, וואוהין פּאָרט מען עס, צוליב וואָס, און ווי אַזוי... איך האָב אים דערציילט דעם גאַנצן אמת און אַז מיין גאַנץ פאַרמעגן איז אַ רובל מיט קאָפּיקעס.

אָבער אַנשטאָט צו וואונדערן זיך, שאָקלען אַנטוישט מיטן קאָפּ, אָדער מאַכן אַ זויערע מינע דערביי, האָט ער גאָר גוטמוטיק גע־שמייכלט און, אַנווייזנדיק מיט דער האַנט אויף דעם צווייטן יונגנמאַן, ווינקנדיק צו יענעם ער זאָל צוקומען, האָט ער געזאָגט: „אָט איז נאָך אַזאַ גליקלאַכער ווי איר, האָט אויך קיין קאָפּיקע באַ דער נשמה נישט. נאָר נישט געזאָרגט, קינדער, מסתמא וועט גאָט העלפן."

ווי דערשלאָגן מיין געמיט איז דעמאָלט נישט געווען האָבן דאָך די פּאָר אויפריכטיקע ווערטער פון דעם פריילאַכן בעל אכסניה גע־טרייסט מיך און דערמוטיקט.

מיין נייער באַקאַנטער איז געווען אַ גאַנץ פשוטער בחור פון באַלטע, אַ זייפנמאַכער, וועלכער האָט שטענדיק זייער גוט פאַרדינט און האָט נאָך מפרנס געווין אַן אַלטע מוטער מיט אַ שוועסטער. אָבער דער באַלטער פּאָגראָם, וועלכער האָט אויפגעשווידערט די גאַנצע וועלט מיט זיין שרעקלאַכער אכזריות, האָט געמאַכט א תל פון דער גאַנצער אידישער באַפעלקערונג אין יענער שטאָט. מיין נייעם באַקאַנטנס הויז איז אינגאַנצן אויסגעראַבירט געוואָרן און זיי זיינען געבליבן הוילע און נאַקעטע. ער האָט זיך דאַן אַרויסגעלאָזט אין דער וועלט זוכן ארבעט באַ זיין פאַך, אָבער ער האָט נישט געקאָנט געפינען. ער וואָלט זייער ג ע וואָ ל ט זיך אַריבערכאַפּן איבער דער גרענעץ און אָנקומען ערגעץ קיין אויסלאַנד, דאָרטן וואָלט ער זיכער פאַרדינט אַ סך געלט — האָט ער מיר דערקלערט זיין לאַגע — אָבער וואָס קען ער טאָן, אַז ער האָט קיין גראָשן נישט מיט וואָס זיך פון אָרט צו רירן. ער האָט גרויס אַכטונג — האָט ער צוגעלייגט — פאַר איידע־לערע מענטשן, כאָטש ער אַליין איז דווקא אַ פּראָסטער, און אויב איך האָב גאָרנישט נישט דערקעגן וואָלט ער גריילאַך געוואָלט שליסן מיט מיר אַן אָפּמאַך: — וואָס גאָט וועט געבן מיט איינעם זאָל אויך זיין מיט׳ן צווייטן. איך האָב געשמייכלט און געזאָגט: דאָס הייסט דאָך,

אז צוויי מתים וועלן גיין טאנצן... אבער ער איז צוגעשטאנען און איך האב צוגעשטימט. ווי די זאך זאל נישט זיין, אויפ'ן הארצן איז געווארן אביסל היימלאכער, פארט מער נישט אליין, און נישט אזוי עלנט.

אונדזער בעל אכסניה האט זיך שטארק אינטערעסירט מיט אונדז, ער פלעגט אפט ארײנקומען פון גאס און זאגן אונדז: „יא, עס גייט, דאכט זיך, אויף א לאד!" וואס ער מיינט מיט דעם, האבן מיר נישט אנגעהויבן צו וויסן, אבי דער איד האלט אונדז און גיט עסן.

איין פרימארגן איז ער אוועק און האט מיט זיך מיטגענומען דעם באלטער. שפעטער, ווען זיי האבן זיך צוריקגעקערט, זיינען ביידע געווען גאר פריילאך. וואס איז? עס האט זיך אין קאוונע געגרינדעט א קאמיטעט אויף צו העלפן די פאגראם-געליטענע אין באלטע, און נאכדעם ווי דער קאמיטעט האט עקזאמינירט מיין נייעם פריינט און אויסגעפונען, אז אלץ, וואס ער האט אנגעגעבן איז געווען אמת, איז באשלאסן געווארן צו העלפן אים אריבערצופארן די גרענעץ, אפצאלן דעם חוב דעם בעל אכסניה און תיכף שיקן עטלאכע רובל שטיצע צו זיין משפחה קיין באלטע.

מיין נייער פריינט האט זיך אבער פעסט געהאלטן בא אונדזער אפמאך. ער האט דערקלערט דעם קאמיטעט, אז ער קען נישט, בשום אופן נישט, איבערלאזן זיין פריינט אויפן וואסער. דער באלעבאס האט אויף זיינע רייד עדות געזאגט און האט נאך דערצו מיך שטארק געלויבט. דער קאמיטעט האט געשיקט א פארטרעטער מיט מיר זיך דורכצושמועסן, און עס איז באשלאסן געווארן אויך מיך צו שטיצן.

מען האט באצאלט אונדזערע חובות דעם בעל אכסניה, געקויפט אונדז באן-בילעטן ביז ווערזשבאלאווע, געגעבן צו צען קארבן מזומן און אויסגעריכט אונדז ווייטער אין וועג אריין.

אויף א סטאנציע פאר ווערזשבאלאווע איז ארויפגעקומען א דע-לעגאציע פון א קאמיטעט, וועלכער האט זיך געגרינדעט אין דייטש-לאנד אויף צו העלפן די רוסישע „גלויבנס-געגנאסן" בכלל און צו פאר-לייכטערן זיי דעם איבערגאנג איבער דער גרענעץ אין יאדקונין בפרט.

די דעלעגאציע האט טאקע גלייך דא, אין די וואגאנעם גופא, פאר־שריבן די נעמען פון די אלע, וועלכע ווילן גנבנען די גרענעץ.

אויף דער סטאנציע ווערזשבאלאווע, הארט בא דער דייטשישער גרענעץ, האבן די זשאנדארן און אנדערע באאמטע זיך געמאכט גארנישט זעענדיק די גרויסע מחנות עמיגראנטן, וואס פלעגן אנקומען מיט יעדן צוג. דער קאמיטעט־פארשטייער איז געגאנגען פארויס און מיר אלע נאך אים אין שטעטל אריין, וואו עס איז געווען אן הכנסת אורחים. מיר האבן זיך נאכדעם דערוואוסט, אז דער קא־מיטעט האט „צערעכט" געמאכט ביידע זייטן גרענעץ — דעם רוסישן זייט פשוט דורך כאבאר, און דעם דייטשישן—מיט דער צושטימונג פון דעם אינערן־מיניסטער פוטקאמער, וועלכער האט געגעבן זיין הסכמה מיטן תנאי, אז אלע עמיגראנטן זאלן גלייך פארן קיין האמבורג.

איך ווייס נישט, צי דאס איז געווען צוליב דער אומדערפארנקייט, אדער ווייל דער קאמיטעט האט באמת זיך ווייניק וואס געקימערט וועגן דעם גורל פון די עמיגראנטן, אבער יעדנפאלס איז די אכסניה אין ווערזשבאלאווע, וואס דער קאמיטעט האט צוגעגרייט פאר די וואגלער, געווען א שאנד און א פארברעכן. מען האט אנגעפילט א פולע שטוב מיט מענטשן פון יעדן עלטער. ווערים זיינען דארט ארומ־געקראכן, און געזונטע און קראנקע האבן זיך צוזאמען געוואלגערט, ווי בהמות, אויף דער נאקעטער ערד.

איך האב נאך קיינמאל פריער און אויך נישט שפעטער — א חוץ אין ניו־יארק, אין „קעסטל גארדן", — נישט געזען מענטשן באדנדיק זיך אין אזוי פיל שמוץ. מיך האט ממש אפגעעקלט.

איך און דער באלטער האבן באשלאסן, מעג עס זיין וואס עס וויל, מיר וועלן אפילו פון די לעצטע פאר רובל אפרייסן, וואס מען האט אונדז געגעבן אין קאוונע ,אבי נישט צו בלייבן דא אין הקדש. מיר זיינען אוועק מיט אונדזערע זאכן צו א איד אויף קווארטיר, וואו מיר זיינען פארבליבן 3 טעג. אויף דעם 4־טן טאג האט דער קאמיטעט געהייסן מאכן זיך פארטיק. ארום 2 א זייגער באנאכט האט מען אונדז

— אַ פּאַרטיע פון אַ 60 מענטשן — געפירט צו דער גרענעץ. ווייבער, קינדער און די בעבעכעס האָט מען געפירט אויף פורן.

די צוויי מעת-לעתדיקע רייזע פון יאדקונין ביז האמבורג האָט אונדז געגעבן צו פילן דעם אמת׳ן טעם פון עמיגראַציע. קיין בענק זיינען אין די וואַגאָנעס נישט געווען, דאָרט איז געווען אַ שרעקלאכע ענגשאַפט, מען האָט ממש נישט געקענט אויסציען אַ האַנט אָדער אַ פוס. דער צער פון די קליינע קינדער, אַלטע און קראַנקע האָט געשניטן באַם האַרץ. אונדז, יונגעלייט, פלעגט אויסקומען שטיין אויף די פיס, כדי צו געבן אַ געלעגנהייט אַ קינד, אָדער אַן עלטערן מענטשן, זיך אָפּצורוען.

אויפן וועג האָבן אונדז אָפט מקבל פנים געווען לאָקאַלע קאָמי־טעטן און מכבד געווען מיט שפייז, ביר און קאַווע, וואָס עס האָט אויפגעפרישט און דערמוטיקט די עלנדע וואַנדערער. אין בערלין האָט מען אונדז באַגעגנט מיט מוזיק, געגעבן אַ פיינע מאָלצייט מיט ווייַן. די גאָר אָרעמע האָט מען אויסגעטיילט קליידער און צו עטלאכע גאָלד-מאַרק.

אין בערלין האָבן מיר געדאַרפט וואַרטן 5 שעה אויף אונדזער באַן קיין האַמבורג; די קאָנדוקטאָרן און באַאַמטע אויפן וואָקזאַל האָבן אונדז שטרענג פאַרזאָגט: „זי מוסן היר בלייבן — ניכט נאָך דער שטאַט היין!‟ אָבער עטלאכע אונדזערע יונגעלייט האָבן נישט אַזוי שטאַרק געקוקט אויפן פאַרבאָט און מיר האָבן זיך אַרויסגעלאָזט באַקוקן די דייטשישע הויפט-שטאָט.

פונקט ווי אַ שטאַרק הונגעריקער, וועלכער דערזעט פאַר זיך פלוצלינג אַ טיש מיט גוטע זאַכן, ווייסט נישט צו וואָס זיך פריער צו כאַפּן, אַזוי האָב איך נישט געוואוסט מיט וואָס פריער צו זעטיקן מיינע הונגעריקע אויגן.

איך בין שטאַרק נתפעל געוואָרן. אַזוי וואונדערלאך שיין, ליב און גרויס איז אין מיינע אויגן געוואָרן די ליכטיקע וועלט. און גאָר נישט ווילנדיק איז פלוצלונג באַברויסק, די מאַמע, דער טאַטע און אונדזער אָרימע שטוב אַרויפגעשוואומען מיר אויפן זינען; די דאָר־

טיקע גאסן, בלאטיקע ביזן האלדז, האבן זיך גאר אליין פאר־גליכן מיט די ציכטיקע, אויסגעפלאסטערטע גאסן פונדאנען; די פאר׳חושכ׳טע, געלע פנימער, די מאדנע מינעס און האוואיעס זיינען נאך עפעס פריקרער און מיאוסער געווארן אין פארגלייך מיט די גלאט־ראזירטע, פרישע פנימער פון די דייטשן. די עלעגאנטע קאפעליושן האבן מיך גראד דערמאנט אן נחום איטשע דעם „זאגערס" היטל מיט אויערן, וואס ער האט געטראגן ווינטער און זומער שוין העכער א יאר פערציק, און עס איז שוין געווען אזוי פארשמאלצן, אז עס האט אויס־געקוקט ווי א ציגענס.

עס זיינען פאר מיינע אויגן ארויסגעקומען די גרויע געשטאלטן פון די באברויסקער פרויען מיט זייערע קורטקעס, פאטשיילעס און די פייער־טעפ אויפ׳ן מארק, די מיידלאך וועלכע פלעגן פארשעמט ארונטערלאזן די אויגן ווען זיי האבן זיך באגעגנט מיט דעם בליק פון א מאנסביל, און האבן זיך פארגליכן מיט די בערלינער פרויען. א, וואס פאר א געשמאקפולע קליידער זיי טראגן, מיט וואס פאר א גראציע און עלעגאנץ זיי באוועגן זיך.

איך האב א קוק געטאן אויף זיך אליין און האב זיך פארשעמט, בין אזש רויט געווארן פאר בושה. איך האב בא זיך אויסגעקוקט ווי עפעס א ווארעם, וועלכער איז ארויסגעקראכן פון זיין כריין און האט פארבלאנדזשעט אין א קרישטאלענעם פאלאץ ערגעץ, וואו די זון פינקלט און שפיגלט זיך אין אלערליי רעגנבויגן־קאלירן.

מיר איז געווארן אומעטיק אויפ׳ן הארץ; א מאדנער אומבא־קאנטער ווייטיק האט מיך גענומען נאגן; מיך האט פארדראסן, פארוואס איך בין געבוירן געווארן אין אזא וויסט לאנד, אין אזא פארווארפן שטעטל ווי באברויסק, וואו די מענטשן זיינען אזעלכע משונה׳דיקע באשעפענישן, און נישט אין א דייטשלאנד, נישט אין דעם ליכטיקן, ציכטיקן, צויבערלאכן בערלין.

איך בין געווען אזוי פארכאפט און פארכישופט פון די נייע איינ־דרוקן, וועלכע האבן מיך אינגאנצן איבערפולט, אז איך האב זיך אן אלץ פארגעסן און געווען פארלוירן אין דער צויבערוועלט... פלוצלונג

האָט מיך עמיצער אַ שטאַרקן שטויס געטאָן. איך האָב זיך אומגעקוקט — אַ געזונטער דייטש, וועלכער האָט זיך פאַרטשעפּעט אָן מיין שירם, איז איבער מיר געשטאַנען מיט אַ פּאָר אויסגעשטאַלאַפּעטע אויגן פול מיט האַס און האָט געשריגן מיט רציחה: „דו פאַרדאַמטער יודע! דיזע פאַרפלוכטע אָסט־יודען זאָלטען אַלע מיטאַנאַנד אויסגעמאָרדעט זיין, עהע זי היר קאָמען!...“

מיר איז פינצטער געוואָרן אין די אויגן, איך האָב ממש מיינע אויערן נישט געגלויבט... עס איז עפּעס געווען אַזוי, ווי מיין הייס־געליבטע וואָלט מיך פריער באַגעגענט מיט איר ליבסטן זיסטן שמייכל און אָפענע אָרעמס, האַרציק זיך מיר דערקלערט אין ליבע, אָבער פּלוצלונג אויסגעדרייט זיך, אַ שפּיי געטאָן אויף מיר און אַנטלאָפן.

איך האָב זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען, איך האָב זיך געפילט ווי איינגעזונקען אין דער ערד אַ לעבעדיקער. דער דייטש האָט נאָך אַלץ בייז געברומט און מיך געזידלט; אַ גאַנץ רעדל מענטשן האָט זיך אָפּגעשטעלט, געקוקט אויף מיר און געשטאַכן מיך מיט זייערע בליקן און שפּאָטיש געשמייכלט... איך האָב זיך קוים אַרויסגערוקט און אָפּגעטראָגן זיך.

לויפנדיק ווי אַן אונטערגעשאָסענער צוריק צום וואָקזאַל, האָבן נאָך אַלץ דעם דייטשס ווערטער געקלונגען מיר אין די אויערן און געברענט מיך ווי מיט פייערשפּיזן. טרויעריקע, שוואַרצע געדאַנקען האָבן זיך געדרייט אין מיין מוח, געקנוילט און געפלאָכטן אין פייערדיקע בייטשן, וועלכע האָבן מיך געשמיסן אָן רחמנות... פון מיינע אויגן האָבן זיך געקייקלט טרערן, בלוטיקע טרערן פון אַ טיף־באַלייַדיקטן, הילפלאָזן יתום.

באַברויסק אָבער האָט איצט מיטאַמאָל באַקומען גאָר אַן אַנדערן חן אין מיינע אויגן. אין מיינע געדאַנקען האָב איך זי מחילה געבעטן פאַר מיינע פריערדיקע שלעכטע געדאַנקען.

קיין האַמבורג זיינען מיר אָנגעקומען גאַנץ שפּעט די ערשטע נאַכט פון שבועות. דאָ האָט אונדז שוין קיינער נישט אָפּגעוואַרט,

אַ חוץ שלעפּערס און רופערס פון די גאַסט־הייזער. מיר, אַ גרופּע עמיגראַנטן, האָבן זיך באַלד אַרויפגעזעצט מיט אונדזער האַק און פּאַק אויפן נאָענטסטן וואָגן און, נאָך אַ לאַנגער טרייסלעניש פון די געדע־רים, זיינען מיר אָנגעקומען אין אַן אכסניה אינגאַנצן צעבראָכענע. מען האָט אונדז, אַ מאַן 15, אַריינגעפּאַקט אין איין צימער, וואו עס זיינען געשטאַנען שמאָלינקע, נישט איבעריק ריינע בעטלאַך.

מיר, געזונטע יונגעליים, האָבן פונדעסטוועגן געכאַפּט אַ גוטן, געשמאַקן שלאָף און זיינען אויף מאָרגן פרי אויפגעשטאַנען ווי גאָר ניי־געבאָרענע.

די רייזע איבערן ים — אַמעריקע



אין אַ נעפּלדיקן, אומעטיקן יוני־נאָכמיטיק האָבן מיר זיך מיט שווערע הערצער געזעצט אויף דער שיף קיין אַמע־ריקע.

די ערשטע פיר־פינף טעג אויפן ים האָבן מיר אַלע שרעקלאַך געליטן. דער ים האָט געבושעוועט, ווי אַ צערייצטע, ווילדע חיה און האָט אַרומגעשליידערט אונדזער אָרעם שיפעלע, ממש ווי אַ שפּענדל. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אים האָט זיך נישט אַנדערש געוואָלט ווי אונדז פאַרשלינגען.

אָבער אָט האָט אָנגעהויבן ווערן גרינגער. דער ים איז געוואָרן רואיקער און אויפן האַרצן — פריילאַכער. עס איז אַוועק נאָך אַ טאָג און מען האָט שוין געקאָנט עפּעס נעמען אין מויל. מען האָט אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פון די לעכער אויף דער פרייער לופט. די ליבע זון האָט געוואַרעמט, געטרייסט און גע־גלעט. איך האָב זיך דערפילט ווי אויפגעלעבט, ווי איך וואָלט אויפ־געשטאַנען פון אַ קרענק. און אויך מיין אַפּעטיט האָט זיך צעשפּילט, ווי נאָך אַ קרענק, וועלכן עס איז גאָרנישט געווען אַזוי גרינג צו באַרואיקן.

פּיל, פּיל געדאַנקען האָבן זיך, ווי אַ וויכער געדרייט אין קאָפּ. עס האָט זיך כסדר געטראַכט וועגן דער היים און וויי, ווי עס האָט זיך געבענקט. אַזש דאָס האַרץ האָט פאַרקלעמט: עס האָט זיך געבענקט נאָך דעם טאַטן און מאַמען און נאָך דעם איבעריקן הויז־געזינד. אפילו קליינִיקייטן, וועלכע איך פלעג פאַרבייגן גאָר גלייכ־גילטיק, דוכט זיך, זיינען איצטער אויסגעוואַקסן אין מיינע אויגן און געוואָרן אַזוי וויכטיק און אַזוי געצויגן, ממש איטלאַכע סטרונע פון מיינע נערוון האָבן זיי אָנגעפילט מיט אומענדלאַכע בענקשאַפט.

און פלוצלונג האט זיך גאר בראָכקע אוועקגעשטעלט פאר מיינע אויגן. מיין טייערע, ליבע בראָכקע! איך האָב זיך דערמאנט אונדזער ערשטע באַגעגעניש מוצאי יום־כפור. אונדזער גאנצן געשפרעך. איטלאכן קער און ווענד אירן. יעטוועדער ברעקל — אפילו א הוסט אירער איז נישט פארלוירן געגאנגען פון מיין זכרון — און איבערהויפט די גליקלאכע, זיסע מינוט, ווען מיר האָבן זיך צעקושט און דערקלערט זיך אין ליבע! מיך האט אויך געקוועלט און געמאטערט די דערינערונג פון אונדזער ביטערן צעשיידן זיך. פון אירע טרערן און אירע ליבע עטלאכע ווערטער: אז זי וועט שטענדיק רעדן און טראכטן וועגן מיר. וואס טוט איצט בראָכקע? טראכט זי טאקע ווען עס איז וועגן מיר? אדער זי האט שוין גאר אינגאנצן פארגעסן אן מיר? און א ציטער לויפט מיר דורך, דורך אלע מיינע אברים... וועל איך נאך אומקערן זיך צוריק אהיים? וועל איך נאך זען ווען עס איז מיין ליבע פאמיליע, וועל איך נאך באַגעגענען זיך אמאל מיט בראָכקען?... אוי, ווי עס וואלט זיך געוואלט קומען צוריק אהיים עפעס א אנגעזעענער מענטש, א געלערנטער, אך, וואס פאר א נחת מיין מאמעלע וואלט געהאט.

איך קוק זיך צו צו די פארשידענע סצענעס און פאסירונגען, וואס קומען פאר צווישען מיינע שיף־ברידער און שיף־שוועסטער. און פאסירונגען זיינען פארגעקומען אלערליי — אי קאמישע, אי טרויעריקע.

די גרויסע מאסע פון אלערליי וואנדערער, די פארשידענע קליידער, די אלערליי שפראכן, דיאלעקטן און אקצענטן און אלע אינאייענעם אין אזא נאענטער באַרירונג. ממש פלאָנטערן זיך איינער אין דעם אנדערן; שמייכלענדיקע פנימער מישן זיך מיט פאר׳כעס׳טע און בייזע, פריילאכע — מיט פאַריאָמערטע, דאס אליין איז שוין זייער טשיקאווע און אינטערעסאנט.

נישט ווייט פון מיר זיצט א גאנצע משפחה, קענטיק חשובע באלעבאטים פון דער היים — פאַגראַם־קרבנות. קיין פרייע מינע זעט זיך נישט אויף קיינעם פון זיי. דער טאטע זיפצט, ער זיפצט

טיף און ביטער. די מאַמע וויינט און גיסט טרערן; אַ טאָכטער שוין אַ כלה-מיידל, קרומט אַלע ווײַלע איר פאַראומערט פּנים, ווי זי וואָלט געטרונקען עסיק; דער ברודער, אַ בחורל פון אַ יאָר אכטצן, מיט זייער אַן ערנסט פּנים, רייבט דעם שטערן און טוט אַלע ווײַלע מיט כעס אַ שפּײַ. לעבן דער פאַמיליע זיצט אַ מלמדל פון ליטע מיט זיין ווייב און צוויי קינדערלאַך. ער זאָרגט זיך, וואָס עס איז שוין אַזוי ווייט אין זמן אריין — ווייסט גאָט, אויב ער וועט שוין באַווייזן צענויפשטעלען אין „נעוויאָרק" כאָטש אַזאַ קנעלונג, ווי ער האָט געהאַט לכל הפּחות אינדערהיים.

אַ גרויסע פאַמיליע, פון אַ מענטשן פופצן, אַלטע און יונגע, מענער און פרויען, גרויסע און קליינע קינדער האַלטן אין איין קריגן זיך שטענדיק און דווקא הויך אויפן קול, גאָר ווי באַ זיך אינדערהיים. זייער שפּראַך איז געווען עפּעס אַזוי צעצויגן און מאָדנע אויסגע-זונגען, אַז מיר איז שווער געווען גאָר זיי צו פאַרשטיין. גאָר אַ יונג, שײנינק ווייבל, מיט אַ אינגעלע פון אַ יאָר פינף, אַ זעלטן קלוג און סימפּאַטיש קינד, האָט כסדר געקלאָגט און געוויינט אויף איר ביטער מזל. דאָס קינד פלעגט זי אַרומכאַפּן מיטביידע הענטלאַך, קושן און טרייסטן: אַז באַלד, באַלד וועלן זיי שוין זיי באַ דעם טאַטן. פון וואָס דאָס ווייבל פלעגט אַריינפאַלן אין אַ היסטערישן געשריי און יאָמער.

אַ סך פון די רייזנדע זיינען געווען זייער אָפּטימיסטיש, זיי זיינען געווען זיכער, אַז די גרעסטע גליקן זיינען פאַר זיי אָנגעגרייט אין אַמעריקע. אויף דעם חשבון האָבן זיי שוין גאַנצע לופט-שלעסער געבויט; פּינקטלאַך אויסגערעכנט, וויפיל טויזנטער זיי וועלן אין אַ פּאָר יאָר אַרום פירן צוריק; וואָס זיי וועלן טאָן מיט דעם געלט און ווי זייערע שונאים וועלן צעפּיקט ווערן פון קנאה.

אַ סך זיינען געווען שטאַרק דערשלאָגן, געזיפצט, געקרעכצט און געהאַלטן אין איין טענה'ן: „גאָט ווייסט, גאָט ווייסט? וואָס פאַר אַ גוטס קען מען שוין דערלעבן פון אַ לאַנד, וואו מען גייט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף. האַ?" די פעסימיסטן זיינען ס'רוב

געוועזן די עלטערע מענטשן. זיי פלעגן טענהן: גיי הייב אָן אויף די עלטערע יאָרן זיך לערנען רעדן, ברעכן די צונג, גיין אויף אַ נייעם שטייגער, אַן אנדער פירונג און וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, פאַר אַ באַטרעף קען האָבן אונדזער יחוס, אונדזער תורה און איבער־הויפט וואָס פאַר אַ אידישקייט קען שוין דאָרט זיין?"

די לעצטע פאַר טעג זיינען געוועזן זייער שיינע. דער עולם איז געוואָרן גוט אויפגעלייגט. די פריילאַכע געלעכטערס פון די יונגערע האָבן פאַרטרונקען די אָפּגעריסענע אָכצן און קרעכצן פון די עלטערע.

אויפן פערצנטן טאָג האָבן מיר דערזען לאַנד! אַ יובל־געשריי פון פרייד און באַגייסטערונג האָט זיך אַרויסגעריסן פון די פאַר־שמאַכטע הערצער. יונג און אַלט, מענער, פרויען, קינדער, אויסגע־פוצט אין דעם שענסטן און בעסטן, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט, זיינען צעפלאַמטע מיט יום־טוב'דיקע, שמחה־שטראַלנדיקע פנימער געשטאַ־נען אויפן דעק און געהיט יעדן רוק פון דער שיף, ווי זי קומט אַלץ נענטער און נענטער צו דעם נייעם לאַנד, צו דעם נייעם לעבן און צו דעם נייעם מזל.